ד"ר ח. זשיטלאָווסקי



# איוב און פֿאַוסט

פֿארלאג ח. בזשאזא
ווארשע 1931

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

# געזאַמלטע שריפטן

עלפטער באַנד

## איוב און פאוסט

און אנד. ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען

68212

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע 1931

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski
P I S M A, t. XI
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, 1931.

Druk. G. PIMENT Warszawa, Sierakowska 4.

# אינהאַלט:


דער קינסטלער און דער הדיוט

איוב און פאַוסט

דער פורק-עול און דער גלות-אָפּריכטער

שלום אַשס „אין אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט" און ל. שאַפּיראס „דער צלם"

די נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער ייד. ליטעראַטור

פרייע קונסט און פרייע קריטיק

אַ פּאָר ווערטער וועגן פּאָעזיע און איר באַטייט

דער קינסטלער און דער הדיוט

# דער קינסטלער און דער הדיוט *)

I

מיט יאָרן צוריק אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט בין איך אין בערלין אַריינגעגאַנגען אין אַ סטודיאָ צו מיינעם אַ באַקאַנטן מאַלער אָנצוקוקן זיינע ווערק.

מיין בליק האָט געוואַנדערט פון בילד צו בילד און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסן לייוונט, וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבע וואַנט.

אין אַ שיינעם בודואַר, אויף אַ פּרעכטיקער סאָפע איז געלעגן אַ יונגע נאַקעטע פרוי. אַ קליין טישל איז געשטאַנען לעבן דער סאָפע און אויף אים אַ פּאָרצעלייענע וואַזע מיט קאָרן-בלומען. נישט ווייט פון סאָפע איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט, ווייזט אויס, געלייענט עפּעס פון אַ בריוו, וועלכן זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט.

מיך האָט באַזונדערס פאַראינטערעסירט דער אויסדרוק פון פאַרחלומטער צופרידנקייט, וואָס האָט געלויכטן אין די אויגן פון דער יונגער פרוי און פון דאָרטן זיך אויסגעגאָסן איבער איר גאַנצן פנים. שיין און קלאָר איז אויך אַרויסגעקומען דער פנים פון דער עלטערער פרוי מיט דעם שעלמישן אויסדרוק אַרום אירע ליפּן.

דער גרונט-געדאַנק פון דעם בילד איז אין אַלגעמיין געווען פאַרשטענדלעך. די יונגע פרוי איז מסתמא אַ קורטיזאַנע. די עלטערע — איר „דועניאַ". דער בריוו, וואָס האָט

---

*) די „צוקונפט", 1920

אַרויסגערופן די פאַרחלומטע צופרידנקייט ביי דער יונגער פרוי, איז מסתּמא פון איינעם אַ ליבהאָבער אירן. און פונדעסטוועגן איז די לאַגע נאָך נישט אינגאַנצן געווען קלאָר פאַר מיר. דערהויפּט — דער שעלמישער אויסדרוק אַרום די ליפּן פון דער עלטערער פרוי.

— וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בילד? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם קינסטלער, וואָס האָט דערווייַלע געזוכט צווישן די נישט־אויסגעהאָנגענע לייוונטן עטלעכע זאַכן, וועלכע ער האָט מיר געוואָלט באַווייזן.

דער קינסטלער האָט זיך ראַש אומגעקערט צום בילד, און באַטראַכטנדיק אים, אַקוראַט, ווי ער וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— דאָס איז גאָר נישט קיין בילד. דאָס איז אַן עטיוד.

— און וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דער עטיוד? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— דאָס איז, — האָט ער געענטפערט,—אַ ק אַ מ ף פ ו ן ג ע ל אַ נ ט ק ע ג ן ב ל אָ. זעט, וויפל בלאָ דאָ איז!

און אין דער אמתן! אַ ים פון בלאָ איז געווען אויף דעם לייוונט. בלאָ די טאַפּעטן אויף די ווענט, בלאָער סאַמעט באַדעקט די סאָפע, בלאָ דאָס טישטוך אויפן טישל, די פאָרצעלייענע וואַזע און די אניוועסדיקע קאָרן־בלומען. אויך די קליידער פון דער עלטערער פרוי און איר פאַרטוך מיט ברייטע בלאָע פאַסן איז געווען פון בלאָ אין פאַרשידענע שאַטירונגען. אַפילו דער בריוו איז געווען געשריבן מיט בלאָע טינט אויף אַ העל־פיאָלעטן פאַפּיר. געלע פאַרבן זענען געווען נאָר — דער נאַקעטער קערפּער פון דער יונגער פרוי, וואָס האָט פאַרנומען דעם צענטער פון דעם בילד, אַ, לפי ערך, קליינעם שטח.

און דער קינסטלער האָט מיר דערקלערט דעם גאַנצן ענין. געל און בלאָ זענען שונאים. פאַלט אַריין געל אין אַ סביבה פון בלאָ, מאַכט פון איר די בלאָ אַ תּל. דאַרף מען ק אָ נ ע ן מאָלן געל אַזוי, זי זאָל פאָרט נישט נאָר נישט

איינגעשלונגען ווערן פון דער מחנה בלאָע פּינט, נאָר אַרויס־
גיין, אדרבה, אַ שיינענדיקע, אַ טריאומפירנדיקע.

אָט דעם „קונץ" האָט דער קינסטלער געוואָלט באַווייזן
מיט זיין עטיוד. און דאָס האָט זיך אים זייער גוט איינגע־
געבן. זיין עטיוד איז געווען אויסגעשטעלט אין פּאַריז און
האָט געוווּנען די אָנערקענונג פון אַלע מבינים. נאָכדעם האָבן
אייניקע אַנדערע דורכגעפירט דעמזעלביקן פאַרבן־קאַמף אויף
אַן אַנדער אופן. „אָבער קיינער נישט אַזוי גוט ווי איך",
האָט דער קינסטלער מוסיף געווען מיט דער געוויינלעכער
„אַניוועס" פון אַ קינסטלער.

די דערקלערונג האָט מיך אָפּגעגאָסן, ווי מיט קאַלטן
וואַסער. איך בין דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ פּראָפאַן אין
קונסט־זאַכן. קיין „מבין" בין איך עד היום נישט, אָבער איך
בין שוין אַביסל צוגעוווינט געוואָרן צו דעם ספּעציפיש־קינסט־
לערישן בליק אויף דער אויפגאַבע פון דער קונסט. נאָר דעמאָלט
האָבן די קלאָרע און קלוגע דערקלערונגען פון דעם קינסטלער
מיר עפּעס שווער געמאַכט אויפן האַרצן.

איך בין געווען אינעווייניק אַביסל אָנגעברוגזט.

אַזוי! „ד אָ ס" איז נישט קיין לעבעדיקע פרוי, און נישט
קיין דוּעניא, און נישט קיין סאַמעט, און נישט קיין קאָרן־
בלומען, און נישט קיין פאַרחלומטע צופרידנקייט, און נישט
קיין אַנדער עלעמענט פון אַ מענטשלעכן לעבן, וואָס קאָן
מיך אינטערעסירן. דאָס איז גאָר אַ מלחמה צווישן פאַרבן,
וואָס קאָן מיר אַפילו אין דער לינקער פּאה נישט ליגן!

עס האָט זיך פאַר מיר צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט דער
ת ה ו ם, וואָס צווישן דעם „קינסטלער" און דעם „הדיוט", די
פאַרשיידנקייט פון די א י נ ט ע ר ע ס ן, וואָסביידע האָבן אין
אַ קונסט־פּראָדוקט, און די פ ר ע מ ד ק י י ט, וואָס הערשט
צווישן יענע אינטערעסן.

עד־היום ווירקט אויף מיר אומאָנגענעם, ווען יענער
תהום דעקט זיך פּלוצלונג אויף. — איר לייענט אַ שיר פון

אַ מאָדערנעם דיכטער. עס מאַכט אַן איינדרוק אויף אייך און איר טראַכט מיט באַוואונדערונג: גאָט! וואָס האָט דער מענטש דאָ נישט איבערגעלעבט אין זיין נשמה! ערשט — ער האָט גאָר־נ י ש ט נ י ש ט איבערגעלעבט. דאָס איז געווען „אַן עטיוד אויף די אותיות ד'ט'ל'נ'ת' אָדער „ז'ס'ש'ר'ץ'". — דערמאָנט זיך אָן עדגאר פּאָו און זיין באַשרייבונג, ווי אַזוי ער האָט געדיכטעט דעם „ראָב"! אָדער — איר לייענט אַן אַנדער שיר, אַלץ פון אַ מאָדערנעם דיכטער, און — וואָס זאָלט איר זיך שעמען מודה צו זיין? — איר הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין נישט נאָר וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט זאָגן, אַפילו ווי אַזוי די פּאַפּיר קאָן אויסהאַלטן אויף זיך אַזאַ שיר: פּאַפּיר איז דאָך נישט אייזן!

איילט זיך נישט פונדעסטוועגן צו דערקלערן דעם שיר פאַר הוילן פּידרעך. עס וועט קומען אַ „מבין" און וועט אייך, דעם „הדיוט", דערקלערן, וואָס דער „קינסטלער" האָט געוואָלט. עס קאָן זיך אַרויסשטעלן, אַז דאָס איז — אַ דראַמאַטישער קאָנפליקט צווישן די גומען־אותיות און ליפּן־אותיות, אָדער אפשר גאָר — דער קאַטשוטשו־טאַנץ פון אַ ריטם, וואָס מאַכט אינמיטן דערינען אַ קאָזשליק און דרייט זיך צום סוף אויס מיטן עק צום געהערטן פּובליקום.

פאַרשטייט איר דעמאָלט, אַז דאָס איז אַ הויך־קינסט־לערישע זאַך, פון וועלכער מבינים קאָנען לעקן די פינגער: אַ הויך־קינסטלערישע זאַך, ד. ה. נישט א י י ע ר זאַך, און אייך פאַרדריסט די פּאָר גראָשן, וואָס איר האָט אויסגעגעבן דערויף.

נאָר — לאָמיר זיך אומקערן צו מיין באַזוך ביי דעם קינסטלער.

מיין לייכטער ברוגז האָט געדויערט נישט לאַנג.

מיר זענען באַלד אַריבערגעגאַנגען צו דער באַטראַכטונג פון יענע לייוונטן און קאַרטאָנען, — פאַרביקע פּייזאַזשן און סטודיען־קעפּ אין בלייפּען, — וועלכע דער קינסטלער האָט

אויסגעקליבן. יעדן פון זיי האָט ער מיר דערלאַנגט שווייגנדיק און האָט אַליין געקוקט אויף זיי ערנסט פאַרטראַכט, כמעט ווי מיט אַ יראת הכבוד צו די ווערק פון זיינע אייגענע הענט.

שאלות האָב איך שוין מורא געהאַט צו שטעלן. איינמאָל, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אַרויסווייזן מיין אָפּגרונט-טיפע עם-הארצות אין הלכות קונסט. און דערצו האָב איך נישט געוואָלט ווידער באַגאָסן ווערן מיט קאַלטע וואַסער, ווי פריער. נישט זעלטן פלעגט דער קינסטלער מאַכן אַ וועלכע עס איז טעכנישע באַמערקונג, וועלכע איך פלעג אויפנעמען מיט זייער אַן ערנסטער מינע. אין מיין נשמה אָבער האָט דעמאָלט געבליט אַ שעלמישער שמייכל, אַקוראַט אַזאַ, ווי אויף דעם געזיכט פון דער „דוניא”. איינמאָל האָב איך אויף אַזאַ באַמערקונג געענטפערט, כדי טאָן אים צוליב, מיט דעם אויסדרוק פון אַנטציקונג: „זייער — זייער שיין! באמת אויסגעצייכנט!” און אין האַרצן האָב איך דעמאָלט געלאַכט: „פלאַפּל, פלאַפּל דיינס, איך — זע מיר מיינס!”

און „מיינס” האָב איך אין זיינע זאַכן געזען אַ שלל: אַ שלל לעבנס-עלעמענטן, אָפּגעשפּיגלט אין דעם געמיט פון אַ קינסטלער און באַגאָסן מיט דעם צויבער פון זיין נשמה. געזעגנט מיט אים האָב איך מיך מיט זייער אַ וואַרימען, אמת-האַרציקן האַנט-דרוק און אַוועקגעגאַנגען בין איך, מיט אַ האַרצן, פול פאַרחלומטער צופרידנקייט, ווי אויף דעם געזיכט פון דער יונגער פרוי אויף דעם „עטיוד”.

אין אַ צייט אַרום בין איך מיט דעמזעלביקן קינסטלער געווען צו גאַסט, אויסן שטאָט, ביי אַ דייטשישן שריפטשטעלער. מיר זענען זאַלבעדריט אַוועק שפּאַצירן אין וואַלד און דערגאַנגען ביז צו אַן אָזערע. ביי דעם ברעג זענען מיר געבליבן שטיין, פאַרזונקענע אין דעם געניוס פון דער נאַטור-שיינקייט.

די פּאַנאָראַמע איז באַשטאַנען פון זייער איינפאַכע עלעמענטן: וואַלד און וואַסער אונטער אַ באַדעקטן בלייערנעם

הימל. מיר האָט זיך געדוכט: זיי זענען אַלע פּאַרגליווערט אין אַ רואיקן טרויער, — אַ טרויער, אין וועלכן מען רוט זיך אויס נאָך טיפע און שווערע ליידן. מיר האָט זיך אויך געדוכט, אַז וואַסער און וואָלקנס ווינקען זיך דורך אויף זייער אייגענעם לשון וועגן זייערע אייגענע סודות, און מיין פאַנטאַזיע האָט האַלב-אומבאַוווסט געגומען שפינען השערות וועגן דעם. וואָס אַזוינס יענע סודות קאָנען זיין.

פּלוצלונג האָט דער קינסטלער אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט ביז צו דער הויך פון דעם אַקסל, האָט זי האַלב-אויס-געשטרעקט פאָראויס און האָט גענומען מיט אַלע פינגער, צע-נויפגעלייגטע אין אַ דעכל, פירן אַ ווייכע ליניע פון לינקס צו רעכטס. דערביי האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— די ציגל-רויטע ליניע דורכן שטאָלענעם וואַסער..

דער הויכער בלאָנדער דייטש האָט זיך איבערגעקוקט מיט אים מיט דער מינע פון אַ מבין און האָט צופרידן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אויך איך האָב באַמערקט אין דער ווייט דעם פאַרביקן עפּעס, אויף וועלכן דער קינסטלער האָט צוגעצויגן אונזער אויפמערק. געוויס, די ליניע איז געווען אַ גאַנץ שיינע, אָבער די באַמערקונג פון דעם קינסטלער האָט מיך פאָרט אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. ווידער עפּעס קאַלטס און פרעמדס האָט מיך באַרירט. עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס אָט די צוויי הויך-געבילדעטע און עסטעטיש רייך-באַגאַבטע נאַטורן (דער שרייבער איז געווען יוליוס האַרט) זעען הפנים אין דעם פּיי-זאַזש נישט מער, ווי פאַרבן און ליניעס, ווי אַ שפּיל פון ליכט און שאָטנס, בשעת איך בין שוין אַריינגעטראָטן צו אים אין ריין מענטשלעכע, אינטימע באַציאונגען.

וואָלט דער קינסטלער געמאָלט אָט די פּאַנאָראַמע, האָב איך געטראַכט, נישט שוין וואָלט ער נישט געשפּירט די מענטש-לעכע נשמה, וואָס שוועבט אַרום איר און באַלעבט זי? נישט שוין וואָלט אים מער פאַר אַלץ אינטערעסירט די מייסטערשאַפט,

מיט וועלכער ער דאַרף אַרויסברענגען די „ציגל-רויטע ליניע דורכן שטאָלענעם וואַסער", כּדי דערנאָך אַליין מיט יראת הכּבוד צו באַוווּנדערן וואָס ער קאָן?

ווידער דער תּהום צווישן דעם קינסטלער (און דעם „מבין") פון איין זייט און דעם הדיוט פון דער אַנדערער!

די פּאָר איבערלעבונגען אין בערלין האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכּרון דערפאַר, ווייל זיי האָבן מיך אַ שטויס געטאָן צו אינטערעסירן זיך מער מיט די פּראָבלעמען פון דער קונסט און דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קינסטלער, איידער איך האָב דאָס געטאָן ביז אַהער.

אין דער ערשטער צייט האָב איך אויפגענומען דעם תּהום צווישן „קינסטלער" און „הדיוט", ווי אַ פּשוטן פאַקט. ערקענטעניש-טעאָרעטיש איז דאָס פאַר מיר געווען נישט שווער. לויט מיין פילאָזאָפישער אָנשויאונג האָב איך שוין לאַנג גע-ווּסט — אַ דאַנק קאַנטן, זכרונו לברכה — אַז קיין מענטש קאָן נישט וויסן קיין זאַך, אַזוי ווי זי איז „אין זיך". אפשר איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי די קאַנטישע „זאַך אין זיך". יעדע זאַך איז נאָר אַ זאַך אין וועמען עס איז און פאַר וועמען עס איז, — ד. ה. זי עקזיסטירט נאָר אין איינעמס דערקענטעניש און עקזיסטירט נאָר אַזוי, ווי זי ווערט דער-קענט. על-כּל-פּנים איז די זאַך (אין דער דערקענטעניש) נישט דאָס, וואָס זי איז אין זיך, נאָר דאָס, וואָס דער דערקענענדיקער איז געצוווּנגען צו דענקען וועגן איר. און געצווווּנגען ווערט ער לויט זיין נאַטור, לויט דער מדרגה פון זיין קול-טורעלער אַנטוויקלונג, לויט דעם ספּעציפישן אינטערעס, וואָס ער האָט אין איר.

פאַר איין-און-דעמזעלביקן „עטיוד" שטייען צוויי מענטשן: אַ קינסטלער און אַ הדיוט. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער עטיוד? וואָס איז ער „אין זיך?"

— אַ סצענע פון דעם מענטשלעכן לעבן, ענטפערט דער הדיוט.

— אַ פאַרבן-קאַמף צווישן געל און בלאָ, ענטפערט דער קינסטלער.

וואָלט דערביי געשטאַנען אַ פיזיקער, וואָס וואָלט באַטראַכט דאָס בילד, לויט די ספּעציפישע אינטערעסן פון זיין וויסנשאַפט, וואָלט ער אפשר געזאָגט:

— איר האָט בײדע אַ טעות. „אַ סצענע פון מענטשלעכן לעבן", „אַ פאַרבן-קאַמף צווישן געל און בלאָ", — דאָס זענען ריין-סוביעקטיווע מענטשלעכע צוטראַכטונגען. ווילט איר וויסן, וואָס די אינטערעסירנדיקע זאַך איז „אין זיך", אָן אַ שמץ מענטשלעכער צוטראַכטונג, פרעגט ביי דער פיזישער וויסנשאַפט. זי וועט אייך זאָגן: דאָס איז אַ שטיקל באַפאַרבטע לייוונט. און די פאַרבן אויף אים זענען אויך נישט עפּעס אַזוינס, וואָס זענען אין אים. די פאַרבן זענען שוין אויך אַ מענטשלעכע צוטראַכטונג, אַ צוטראַכטונג פון דעם מענטשלעכן אויג. אין דעם טיפסטן תוך אַריין, איז די אינטערעסירנדיקע זאַך — אַ געוויסער סכום פון מאַטעריעלע אַטאָמען און אַרומוויגן זיך פון דעם וועלט-עטער".

און אויב דערביי וואָלט געשטאַנען אַ דערקענטעניש-טעאָרעטיקער, וואָלט ער אפשר מיט מער רעכט פאַר זיי, פאַר אַלעמען, געקאָנט זאָגן אַזוי:

— אויך איר, מיין ליבער פיזיקער, מאַכט דעמזעלביקן טעות. מאַטעריעלע אַטאָמען און אַרומוויגן-זיך פון דעם עטער זענען נישט אַזעלכע זאַכן, וואָס עקזיסטירן אין דערווירקלעכקייט, מחוץ פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש*). אויך זיי זענען מענטשלעכע צוטראַכטונגען. די זאַך, וואָס אייך אינטערעסירט, איז אין זיך אַ טראָפּן וועלט-געהיימניש.

*) די מאַטעריעלע אַטאָמען זענען שוין איצטער לגמרי פאַרביטן געוואָרן אין דער פיזיק אויף עלעקטראָנען, דאָס הייסט נישט מאַטעריעלע ענערגיע-פונקטן און פּראָפ. איינשטיין האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן אַרויס-צו-מאָלח-זיין דעם וועלט-עטער פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלטאַנשויאונג.

אָט דער טראָפּן וועלט-געהיימניש ווערט אין פאַרשיידענע גייס-טער, אַזוי צו זאָגן, מגולגל אין פאַרשיידענע גלגולים, לויט דעם מהות פון דעם, וואָס נעמט אים אויף.

— דער וווּנדער איז, וועט ער ווייטער זאָגן, וואָס מיר, אַלע פיר, מיט אונזערע פיר פאַרשיידענע „גלגולים" אין אונז, שטייען דאָ פאַר איין טראָפּן, זעען אין אים פיר פאַרשיידענע זאַכן און באַוווּנדערן אין אים פּאָרט איין-און-דיזעלביקע זאַך: די וווּנדערבאַרע ווירקונג פון ש יי נ ה יי ט, וועלכע די קינסט-לערישע זאַך באַווייזט אויף אונז. אין אָט דעם זענען מיר אַלע פיר — איינס. און מיר פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן, און מיר רעדן זיך צענויף, ווי וועגן אַלע אַנדערע טראָפּנס „וועלט-געהיימניש".

און אפשר, — טראַכט איך דערביי, — איז דער צו-נויפרעדן זיך אין איינעם און דער פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן אין לעבן און קונסט-זאַכן, נישט מער ווי אַ מיספאַר-שטענדעניש, — אַ האַרמאָנישער מיספאַרשטיין, ווי אין דעם באַרימטן אַנעקדאָט מיט דעם פינגער-וויכּוח.

אין די אַלטע צייטן האָט אַ כּומר געפאָדערט, יידן זאָלן זיך מתוכּח זיין מיט אים, אָבער דוקא אויף פינגער-לשון: אויב נישט וועט מען אַרויסטרייבן פונם לאַנד.

איז אַן אימה אָנגעפאַלן אויף זיי, ווייל קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט אויפצונעמען אַזאַ ריזיקאַלישן שטרייט. אָבער איינער אַ וואַסער-טרעגער האָט זיך אויסגערופן, ער וועט גיין. און ווייל קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען, איז קהל מרוצה געוואָרן דערויף און האָט זיך פאַרלאָזן אויף „וואָס גאָט וועט געבן".

דער קורצער וויכּוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער כּומר האָט באַוויזן דעם יידן צוויי פינגער. האָט אים דער ייד געענטפערט מיט איין פינגער. האָט דער כּומר אויסגע-שטעלט אַלע פינף פינגער. האָט דער ייד אויפגעהויבן אַ פויסט. זענען דעם כּומר זייער געפעלן געוואָרן דעם יידנס

ענטפערס, און ער האָט דערקלערט, אַז דער ייד האָט גע־
ווונען.

— וועגן וואָס האָט איר זיך דען מתווכח געווען? — האָבן ביי אים שפּעטער געפרעגט זיינע גויים.

— איך האָב געטענהט: שתי רשיות! עס זענען דאָ צוויי געטער אויף דער וועלט! האָט דער ייד געענטפערט: ס'איז דאָ נאָר איינער! האָב איך אים געפרעגט: היינט פאַר־וואָס האָט ער אייך צעשפּרייט איבער דער וועלט? האָט ער געענטפערט: ער וועט אונז צונויפקלייבן!

אָבער דער וואַסער־טרעגער האָט פאַר זיינע יידן געגעבן אַן אַנדער פּירוש אויף דעם וויכּוח.

— ער האָט מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיר אַרויס־נעמען מיינע אויגן, מיט איטלעכן פינגער אַן אויג. האָב איך אים געענטפערט: און איך וועל מיט איין פינגער אויסקאַ־לופּען דיר ביידע אויגן. האָט ער געזאָגט: וועל איך דיר דערלאַנגען אַ מאַטער־פּלאַסק! האָב איך געענטפערט: וועל איך דיר אַריינפּאָרן אין די ציין!

יעדער איינער האָט פון איין־און־דעמזעלביקן דיספּוט אויפגענומען דעם ענין אויף זיין אופן, און — אָט האָבן זיי זיך דאָך צונויפגערעדט!

לאָז זיין, אַ הדיוט פאַרשטייט די קונסט, ווי אַ וואַסער־טרעגער דעם וויכּוח, לאָז זיין, — דער קינסטלער, דער כּהן אין דעם בית־המקדש פון ריינער קונסט, איז דער העכער־שטייענדיקער כּומר. ווען מען אַרט דאָס, אויב ביידע האָבן „זיך פאַרשטאַנען"? ווען מען אַרט דאָס, וואָס „זיך פאַרשטיין" איז דער טייטש: „פאַרשטיין נאָר זיך אַליין?" אַבי זיי זענען ביידע צופרידן מיט דעם עסק.

„אי אפשר לו לעולם בלי בושם ובלי בורסקי!" די וועלט קאָן, משמעות, נישט זיין אָן דעם קינסטלער און אָן דעם הדיוט. פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי ווי־געשריגן אויף דעם

הדיוט? זאָל יעדער נעמען פון דעם טראָפּן וועלט-געהיימניש וואָס ער קאָן...

אַזוי אומגעפּער האָב איך דעמאָלט אין איילעניש אָפּגעפאַרטיקט פאַר מיר דעם ענין פון הדיוט און קינסטלער.

עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז דעמזעלביקן זומער האָב איך געהאַט נאָך אַן אַנדער איבערלעבונג אויף דערזעלביקער טעמע: „כּומר און וואַסער-טרעגער", אָבער אַביסל אויף אַן אַנדער אַרט.

מיט אַ יונגן שווייצאַרישן געלערנטן האָב איך אַרומגעוואַנדערט אין די בערנער אַלפּן, אַרום דעם טונער-זעע. ווי ס'איז אַלעמאָל דער שטייגער מיט מיר און ווי — איך רעכן — ס'איז דער שטייגער מיט יעדן הדיוט, בין איך תּיכּף, ווי איך האָב מיך נאָר אַביסל איינגעלעבט אין דער באַרג-וועלט, אַריין אין אינטימערע מענטשלעכע באַציאונגען צו אים. די בלימליס-אַלפּ איז געווען אַ „טעמפּל"; די צוויי גלעטשערס אויף דעם שרעקהאָרן — צוויי „טייבעלעך"; דער אייגער, די יונג-פרוי און דער מאָנאַך — דריי געוואַלטיקע וועלט-הערשער, — דער טריאומוויראַט פון דער בערנער אַלפּן-וועלט.

מיר, הדיוטים, קאָנען נאָר דעמאָלט פּאָעטיש באַנעמען די נאַטור, ווען זי פאַרמענטשלט זיך ביי אונז, ווען זי ווערט אַרומגעוועבט ביי אונז מיט אונזערע אייגענע מענטשלעכע געפילן, שטימונגען און געדאַנקען, — קורץ, מיט אונזערע אייגענע צ ו ט ר אַ כ ט ו נ ג ע ן.

איך ווייס נישט, אין וואָס פאַר אַ שטימונג, — אַ פּאָעטישער אָדער פּראָזאַאישער, — עס האָט זיך געפונען מיין מיטגייער. אָבער לוסטיק זענען מיר געווען, קונדסים זענען מיר געווען, ווי קינדער, נאָר וואָס פון חדר אַנטלאָפענע. און וויצן און ווערטלעך האָבן מיר געקנאַקט ווי אַ רוס „פּאָדסאָלנישקעס".

דער געשפּרעך האָט ביסלעכווייז אָנגענומען אַן ערנסטערע ווענדונג. מיין באַקאַנטער איז געווען אַ גוטער באָטאַניקער.

שטאַרק באַהאַוונט אין דער אַלפּן-פלאָראַ, און כּמעט אַ ספּע-
ציאַליסט אין דער געאָלאָגיע פון שווייצאַריע.

אַריין אין די ווילדערע געגנטן, וואָס ווערן זעלטענער
באַזוכט פון טוריסטן, האָט זיך זיין עקסקורסיע-חשק אויפ-
געוועקט. זיין געוויינט אויג פלעגט אַלע ווײַלע באַמערקן עפּעס
אינטערעסאַנטעס, — אַ בלימל, אַ גרעזל, אַ שטיינדל: דאָס
פלעגט ער פלינק אויפקליבן, באַווייזן מיר, דערקלערן, מיט
וואָס זיי זענען אינטערעסאַנט פאַר דער וויסנשאַפט, און די
זעלטענערע זאַכן פלעגט ער באַהאַלטן אין זיין בלעכערנעם
עקסקורסיע-קעסטעלע, וואָס איז ביי אים אויף אַ גרינעם
באַנד געהאָנגען אויף אַן אַקסל און וועלכן ער פלעגט
קיינמאָל נישט גיין אין די בערג.

מיר פלעגן זיך אויך אָפּשטעלן ביי דעם אָדער יענעם
באַרג-ריס און דעמאָלט פלעגט ער מיר דערציילן וועגן די
איינצלנע ערד-און שטיין-שיכטן, וואָס האָבן זיך געזען אין
אים און פון וועלכע ער האָט געלייענט די געשיכטע פון דעם
באַרג, ווי פון אַ בוך.

מיין נייגיר איז געווען אָנגעברענט און איך האָב גע-
פּומפּט און געפּומפּט פון אים איין אַויסקונפט נאָך דער אַנ-
דערער. ביסלעכווייז איז אין דעם געשפּרעך אָנגעמערקט גע-
וואָרן די גאַנצע געאָלאָגישע און באָטאַנישע געשיכטע פון דעם
בערנער אָבערלאַנד, — ווי אַזוי די בערג זענען אויסגעוואַקסן,
וועלכע קאַטאַסטראָפן זיי האָבן דורכגעמאַכט, וואָס זיי האָבן
דורכגעלעבט אין דעם אייז-פּעריאָד, וואָס עס מאַכן איצטער
די שיריים פון יענעם אייז, — די גלעטשערס, — און וואָס
עס ווערט ביסלעכווייז פון די פּרעכטיקע אָזערעס, — די שיריים
פון יענעם צעגאַנגענעם פּאַרצייטיקן אייז, וואָס האָט באַ-
דעקט דעם גאַנצן שטח. מיר האָבן ביידע באַוווּנדערט אויך
דעם נשתוממדיקן נאַטור-שכל פון דער פלאַנץ אין איר קאַמף
פאַרן זיין, — אַ נאַטור-שכל, אין וועמעס עקזיסטענץ ער האָט
אַ ברעקל נישט געצווייפלט.

דאָס אַלץ האָט באַשעפטיקט מיין געדאַנק; אין דערזעלביקער צייט האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג און פון האַרץ נישט דעם הויכן בלאָען הימל איבערן קאָפּ, נישט דעם „טעמפל" און „די טייבעלעך", נישט דעם גרינעם וואַסער פון דעם טונער-זעע, נישט דעם גרינעם סאַמעט פון דער ווייטער אַלפּ, נישט דעם גרויסן מרחב לופט, וואָס צווישן באַרג און באַרג, נישט דעם ים זונען-שיין, אין וועלכן דאָס אַלץ האָט זיך געבאָדן.

איך האָב דאָ ווידער געשפּירט, אַז צווישן אונזער ביידנס באַנעמען די נאַטור איז דאָ אַ תּהום: דער תּהום פון דעם הדיוט און דעם „פּומר", — וואָס איז דאָס מאָל נישט קיין קינסטלער, נאָר אַ וויסנשאַפטס-מאַן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער זעט אין דער נאַטור עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב ביז אַהער קיינמאָל נישט געקאָנט זען: אַז פאַר אים שטייען די לוקסוריעזע קאַשטאַנען-בוימער פון דעם טאָל אין אַ גאַנץ אַנדער שייכות צו די דעריקע טענען-בוימעלעך אין דער הויך, איידער איך וואָלט ווען עס איז געקאָנט אַ טראַכט טאָן.

אַ גאַנץ אַנדערע נייע וועלט האָט ביסלעכווייז אויפגעבליט פאַר מיינע אויגן. אָבער — מערקווירדיק! — די נייע וועלט האָט נישט געווירקט אויף מיר, ווי עפּעס קאַלטס און פרעמדס, הגם זי איז געווען אַזוי ווייט פון מיין נאַאיווער, ריין-עסטעטישער נאַטור-באַטראַכטונג. אַדרבה, זי האָט נאָך פאַרשטאַרקט און באַרייכערט מיין נאַטור-גענוס.

באַרג און טאָל, וואַסער און וואַלד, פעלז און גראָז זענען געוואָרן נאָך מענטשלעך-נענטער צו מיר. עס איז אַקוראַט, ווי ער וואָלט אונז ביידן, מיך און די נאַטור, — פאָרמעל „פאָרגעשטעלט" איינעם פאַרן אַנדערן, דערציילט מיר איר קורצע ביאָגראַפיע, כדי מיר זאָלן ביידע קאָנען שליסן אַן אינטימערע באַקאַנטשאַפט.

**און — ווידער מערקווירדיק! — איך האָב גענומען קוקן**

אויף איר מיט אַנדערע אויגן, אויך מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער, און די נאַטור איז פאַר מיר געוואָרן אַ סך פאַרבן-און פאָרם-רייכער, איידער פריער.

מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער, ווייל דער עיקר פון דעם זען איז דאָס דענקען. ווען איך „זע" פון מיין פענסטער אַ שטיק גרין-גראָען שטח צווישן די הייזער, הייסט עס נאָך נישט, אַז איך זע עס. דער גרין-גראָער שטח איז נישט מער, ווי אַ פאַרבן-איינדרוק, זען האָב איך געזען אין אים אַ שטיק גראָ-גרינעם ים, און ווען מיין פאַרווונדערט אויג האָט זיך געפרעגט: ווי קומט פון דער זייט דער ים? האָט עס פאַרריכט זיין אייגענעם טעות און האָט דערזען אין דעם גראָ-גרינעם שטח — אַ שטיק באַפאַרבטע הילצערנע וואַנט. „ים", „באַפאַרבטע הילצערנע וואַנט" זענען נישטאָ אין דעם גראָ-גרינעם שטח, ווי אַ ריינער פאַרבן-איינדרוק. זיי זענען צוטראַכטונגען, אָבער זען זעט מען נאָר זיי, די צוטראַכטונגען.

אין דערינען, אַגב, ליגט דער גרונט-פעלער פון דער מאָדערנער קונסט, -- אָנגעהויבן פון די „אימפּרעסיאָניסטן" (איינדרוקס-מענטשן!) און געענדיקט מיט אונזערע „אינזיכיסטן". זיי ווילן באַנעמען און קינסטלעריש אַרויסברענגען די „זאַך ווי זי איז", ד. ה. ווי זי איז געגעבן אין איינעמס ריינעם איינדרוק, אַרויסוואַרפנדיק יעדן צוטראַכט. זיי לאָזן דערביי אַרויס פון אויג, אַז האָבן אַן איינדרוק פון אַ זאַך אין די חושים, הייסט נישט באַנעמען אַ זאַך מיט די חושים; אַז באַנעמען אַ זאַך מיט די חושים הייסט דענקען אַ זאַך און דיקטירן דעם חוש, ער זאָל זי באַנעמען, לויט דעם געדאַנק. ווייל יעדע זאַך איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דאָס, וואָס איינער איז געצוווּנגען צו דענקען וועגן איר, לויט זיין אַלגעמיין-מענטשלעכער אָדער לויט זיין אינדיווידועלער טבע.

געבן אַנשטאַט דער זאַך דעם ריינעם איינדרוק פון דער זאַך, אָן

דעם נויטיקן צוטראַכט, הייסט געבן אַנשטאָט אַ הויז אַ צעוואָרפענעם באַרג ציגל, פון וועלכע דאָס הויז ווערט געבויט; אָדער נאָך ערגער: בערגלעך טרוקן ליים, פון וועלכן די ציגל דאַרפן ווערן געמאַכט.

מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער, די נאַטור-שיינקייט נאָך שענער און רייכער, ווייל עס האָט זיך אָפּגעעפנט אַ קוואַל פון נייע צוטראַכטן, וואָס האָבן דיקטירט דעם חוש הראיה א נייעם אַרט באַנעם.

און גראָד אין יענעם שפּאַציר-גאַנג מיט אַ וויסנשאַפטלעכן ספּעציאַליסט איז מיר אַרויף אויפן זין אַזאַ געדאַנק:

וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט מיך דעמאָלט נישט צעבּרוגזט אויף דעם קינסטלער אין בערלין? ווען איך וואָלט מיך געלאָזט, — אָדער נאָך געבעטן אים, — ער זאָל מיך אַריינפירן אין יענער וועלט פון ריין-קינסטלערישע באַטראַכטונגען, אין וועלכע ער לעבט? וואָלט נישט דער קונסט-גענוס ביי מיר באַרייכערט געוואָרן, ווי עס איז באַרייכערט געוואָרן מיין נאַטור-גענוס?

מיין נאַטור-גענוס איז באַרייכערט געוואָרן דורך דעם, וואָס איך האָב גענומען זען אין איר, ד. ה. דענקען וועגן איר נישט נאָר דאָס, וואָס זי איז, נאָר אויך דאָס: ווי זי איז געוואָרן. מוז אויך נישט מיין אָנבליק פון אַ קונסטפּראָדוקט באַרייכערט ווערן דורך דעם, וואָס איך וועל אויך מוזן דענקען דערביי וועגן דעם פּראָצעס פון זיין ווערן? אָבער — וואָס איז דער פּראָצעס פון זיין ווערן, אויב נישט דער באַשאַפונגס-פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פון דעם קינסטלער? פאַר וואָס זאָלן מיר אָט די פּראָצעסן, — מיט די פראַגן פון „פאַרבן-קאַמף”, גרופּירונג פון געשטאַלטן, אויסוואַל פון קלאַנגען און אין וואָס די אַלע פּראָבלעמען פון דער קינסטלערישער טעכניק זאָלן נישט באַשטיין, — פאַר וואָס זאָלן אָט די אַלע פּראָצעסן זיין מער פרעמד פאַר מיר, איידער די פּראָצעסן פון מעכאַנישער באַוועגונג און שווער-

קראַפט, פון כעמישער אַפיניטעט, פון ענדאסמאס און עקסאָסמאָס, פון נאַטירלעכן און סעקסועלן אָפּקלייב, — דורך וועלכע עס איז (אין מיר) באַשאַפן געוואָרן די נאַטור?

איז פאַרשטיין אַ קונסט-פּראָדוקט נישט דיזעלביקע זאַך וואָס פאַרשטיין אַ נאַטור-פּראָדוקט, ד. ה. איינזען אַלע עלעמענטן און פּראָצעסן, דורך וועלכע זיי ווערן באַשאַפן?

בעת איך בין געשטאַנען מיט מיינע צוויי בערלינער באַקאַנטע ביי דעם ברעג אָזערע און האָב איינגעזאַפּט אין זיך די נאַטור-שטימונג, וועלכע איז אין מיר גופא באַשאַפן געוואָרן, וואָלט דען מיין געניוס דערביי נישט געווען רייכער, ווען איך וואָלט אויך געוווּסט, וואָס און ווי אַ קינסטלער דאַרף טאָן, כדי אַרויפצוכאַפּן אָט דעם טראָפּן וועלט-געהיימניש אויפן לייוונט? וואָלט דען דער גלגול, אין וועלכן אָט דער טראָפּן וועלט-געהיימניש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מיין נשמה, נישט געווען פון אַ העכערער אַרט, איידער פריער?

געוויס: ווען דער וויסנשאַפטס-מאַן זאָל פאָדערן פון מיר איך זאָל מיך אָפּזאָגן פון מיין „פּאָעטישער" נאַטור-באַטראַכטונג, איך זאָל אויפהערן צו זען דאָס, וואָס איך זע אין איר, און אָנהויבן קוקן אויף איר נאָר מיט די אויגן פון אַ געלערנטן באָטאַניקער און געאָלאָג, וואָלט איך אים הערן ווי די קאַץ.

און ווען דער קינסטלער זאָל שטעלן מיר דיזעלביקע פאָדערונג, איך זאָל מיין געמישט-מענטשלעכן אינטערעס אין דער קונסט פאַרבייטן אויף זיין ריין-קינסטלערישן אינטערעס, וואָלט איך אים אויך הערן ווי דריי מאָל גאָרנישט.

מיינס — איז מיינס! און דאָס לאָז איך מיך נישט אַוועקנעמען פון מיר! ווייל איך, הדיוט, האָב סוף-כל-סוף אָט די אַלע כומרים, — די קינסטלער מיט די געלערנטע, — ניין אייגן אין דער אדמה!

אָבער איך דאַרף דאָך אויך גאָרנישט אַוו קגעבן, איך דאַרף דאָך גאָר עפּעס נייעס נעמען!

איז נישט דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער און דער גאַנ־צער קינסטלערישער שאַפן פון דער מענטשהייט נאָר איין זאַך: די פאַרשיידענע „גלגולים”, אין וועלכע די טראַפּנס וועלט־געהיימניש ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשלעכן גייסט?

איז נישט די גאַנצע קולטור־געשיכטע פון דער מענטש־הייט, — די איינציקע „רעאַליטעט”, וואָס איך אָנערקען פילאָזאָפיש, — די געשיכטע פון יענע גלגולים, די געשיכטע פון זייערע פאַרוואַנדלונגען, די געשיכטע פון זייער צונויפ־גוס אין איין־איינציקן „וועלט־גלגול” — די פילאָזאָפישע און רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג, — וואָס מאַכט פון זיין זייט דורך זיינע מיסטעריעזע פאַרוואַנדלונגען און אומוואַנדלונגען?

איז נישט דאָס קינסטלערישע שאַפן אַ נויטווענדיקער צווייג אין אָט דער קולטור?

און איך האָב באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך נעמען שטודירן קונסטן, ווי דער סדר איז.

אָבער מיט אונז, הדיוטים, איז אַלע מאָל אַזוי: מיר האָבן אַ סך אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ און, ווי אונז דוכט זיך, בילכערע. איז מיין באַשלוס נישט דורכגעפירט געוואָרן עד היום הזה. אָבער דער אינטערעס צו קונסט, צו איר באַ־טייט פאַר דעם מענטשן, ד. ה. אויך פאַר מיר, — און צו איר ראָלע אין דער קולטור, איז ביי מיר וואַך געוואָרן און געבליבן וואַך.

## II

צווישן דעם קינסטלער און דעם הדיוט איז דאָ אַ סכסוך וועגן דעם עצם ענין פון קונסט, אירע אויפגאַבן און איר באַטייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן. זייטיקע מענטשן איידער זיי קלויבן זיך פאַנאַנדער אין דער שאלה, ווע׳ן לכתחילה

גענייגט זיין אָנצונעמען, אַז אין אַ ספק בנוגע קונסט מוז על פּי סברה גערעכט זיין דער קינסטלער. ס׳איז אַלץ איינס, ווי ווען אַ שניידער און אַ שוסטער וואָלטן זיך מתווכח זיין וועגן הלכות שניידעריי. אין אַט דעם פּאַל דאַרף דער שוסטער פאַרשטיין זיין פּלאַץ און זיך האַלטן פּאַר זיין נאָל.

די מעשה איז אָבער נישט אַזוי. אפילו אין דעם ספק וועגן שניידעריי מוז נישט אַלעמאָל דער שניידער זיין גע-רעכט. בפרט ווען ער נייט אַ בגד דעם שוסטער, מעג יענער אודאי האָבן אַ דעה, ווי אַזוי און פון וועלכן שטאָף און צוליב וועלכן צוועק זיין בגד דאַרף גענייט זיין, ער זאָל זיך פילן אין אים גראַם און גוט און ער זאָל הנאה האָבן פון זיין אויסזען.

די קינסטלער „קינסטלערן" פאַר אונז, הדיוטים. די קונסט איז אַלעמאָל געווען און איז אויך איצט אַ באַדערפעניש פון דעם מענטשלעכן לעבן. וואַרפט אַ בליק אַרום זיך אויף אַלע זאַכן, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער מענטשלעכער קולטור, אויף אַלע חפצים און בנינים, וואָס רינגלען אייך אַרום, פון דעם דיל אונטער די פיס, ביז צום סופיט איבערן קאָפּ, פון דעם גאָפּל און מעסער ביים טיש ביז צו דער שוועל ביי דער טיר און איר וועט צו אייער פאַרווּנדערונג געוואָר ווערן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין איין חפץ, קיין איין פאַר אייך נוצלעכע זאַך, וואָס אין איר זאָל נישט שטעקן אַ גע-וויסער טייל אַרבעט, אויסגעגעבן מיט דעם איינציקן צוועק, צו באַפרידיקן די מענטשלעכע באַדערפעניש אין שיינקייט. אַן איבעריקע ליניע, אַן איבעריקער קנייטש אין דער פאָרם, אַ פאַרב, אַ צופּוצונג, אַ באַמאָלונג, — דאָס אַלץ שטאַמט פון דער קונסט און איז געשאַפן געוואָרן לשם עסטעטישער הנאה.

אַחוץ דעם זענען דאָ אַ סך חפצים, וואָס האָבן גאָר קיין אַנדער צוועק נישט, ווי נאָר אַ ריין-עסטעטישן: בילדער, צירונג, ביכער און נאָטן מיט פּאָעטישע און מוזיקאַלישע שאַ-פונגען. אַחוץ דעם זענען דאָ אַלערליי אינסטרומענטן און

געצייג, וואָס דאַרפן אַרויסברענגען עסטעטישע פאַרגעניגנס, און עס ווערט פּראָדוצירט אַ מאַסע רוי-מאַטעריאַל, וואָס דאַרף באַאַרבעט ווערן פון קינסטלער אין די ווערק פון קונסט. און עס ווערן געבויט געוואַלטיקע בנינים, טעאַטערן, אָפּערע-הייזער און מוזייען, — באַצייכנט מיט דעם נאָמען: טעמפּלען פון קונסט.

שוין אָט דער אויבערפלאַכלעכער איבערבליק קאָן געבן אַ השגה וועגן דער ראָלע און דעם באַטייט פון דער קונסט אין אַ מאָדערנער ציוויליזירטער באַלעבאַטישקייט. דאָס אַלץ ווערט באַשאַפן פאַר אונז און אויף אונזער חשבון. פאַר אונז, הדיוטים. מוזן מיר זיך אינטערעסירן מיט דעם גאַנצן ענין און האָבן אַ דעה וועגן יענע הויפּט-ריכטונגען, אין וועלכע אָט די אַלע אַרבעטן זאָלן זיך באַוועגן.

בפרט מעג האָבן אַ דעה אין קונסט-זאַכן יענער הדיוט, וואָס זעט איין, אַז די קונסט איז נאָר איין צווייג פון דער מענטש-לעכער קולטור, איין טייל פון דעם מענטשלעכן לעבן, — אַ צווייג און אַ טייל, וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען אין פולער האַרמאָניע מיט אַלע אַנדערע צווייגן און טיילן און זיי אַלע דאַרפן געטריבן ווערן צו איין הויפּט-ציל: די באַרייכערונג, פאַרשענערונג און פאַרפולקאָמונג פון דעם מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט.

ווען אַזאַ איינער באַמערקט, אַז די קונסט הויבט אָן אַרויסצושפּאַרן פון דעם גאַנצן ערגעץ-ווו אין דער קרים; אַז זי פאַרלירט אַלץ מער און מער דעם צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצן, מעג ער אודאי אָפּשטעלן דעם קינסטלער און זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם זין פון זיין יוצא-דופנדיקער אַרבעט.

אָט דערפון וואַקסט דאָס אַרויס דער סכסוך צווישן דעם קינסטלער און דעם הדיוט. אין וואָס באַשטייט דערדאָזיקער סכסוך ?

איינער פון אונזערע יונגע דיכטער און קריטיקער,

אַ. גלאַנץ, האָט נישט לאַנג דערמאָנט דעם עולם, אַז דאָס וואָרט „קונסט״ שטאַמט פון דעם וואָרט „קאָנען״. דערפון דרינגט ער אַרויס, אַז דער הויפט־ענין פון קונסט איז דאָס קאָנען. אַ קינסטלער איז דער, וואָס „יכולט״. עס איז קיין נפקא־מיניה נישט, וואָס איינער באַשאַפט אין דער קונסט; דער עיקר איז: ווי ער באַשאַפט דאָס. אין דער קונסט דאַרפן מיר זיך אינ־טערעסירן מיט דעם ווי, ד. ה. מיט דער אַרט פון שאַפן: צי דאָס איז טאַלאַנטפול, געניאַל אָדער מיטלמעסיק און פּאַר־טאָטשיש; צי דאָס איז ניי און אָריגינעל אָדער אַלט און שאַבלאָנעוהאַפט; צי דאָס שטאַמט פון דעם קינסטלערס אייגע־נעם געמיט אָדער ס׳איז אַ נאָכמאַך נאָך אַ פרעמדן מוסטער.

יעדער איינער מוז נאַטירלעך צוגעבן, אַז אַ קינסטלער דאַרף קודם־כל קאָנען, אַז נישט, איז ער נישט קיין קינסטלער. אָבער ביי דעם אויבערפלאַכלעכן ענטפער קאָן מען דאָך נישט בלייבן שטיין. עס פרעגט זיך דאָך ווייטער: וואָס דאַרף אַ קינסטלער קאָנען? און אויב איר וועט ענטפערן: דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך! ד״ר קינסטלער דאַרף קאָנען זיין אומנות: דער מאָלער דאַרף קאָנען מ אָ ל ן; דער חזן דאַרף קאָנען ז י נ ג ע ן; דער אַקטיאָר — ש פּ י ל ן; דער דיכטער — ש ר ײ ב ן אַ ש י ר. זאָג איך אייך דערויף, אַז מיט אָט דעם ענטפער האָבן מיר זיך נישט אַ רוק געטאָן ווייטער אויף אַ האָר. די פראַגע בלייבט: וואָס דאַרף דער מאָלער קאָנען מאָלן, דער חזן — זינגען, דער אַקטיאָר — שפּילן?

יעדער קינסטלער ברענגט אַרויס מיט זיין שאַפן עפּעס, אַ גאַנץ באַשטימטע קאָנקרעטע זאַך, אַ קונסט־פּראָדוקט, אָדער אַ קונסט־לייסטונג: דער מאָלער אַ פּייזאַזש אָדער אַ פּאָרטרעט, אָדער אַ סצענע פון לעבן, אָדער אַן אייגענע פאַנטאַזיע; דער חזן — אַ „שושנת יעקב״ אָדער אַן „אדם יסודו מעפר״; דער אַקטיאָר — די ראָלע פון אַ האַמלעט אָדער פון אַ כלעסטאַקאָוו.

בעת דער קינסטלער ברענגט אַרויס דורך זיין שאַפן אָט

דעם באַשטימטן, קאָנקרעטן עפּעס, – וואָס דאַרף ער האָבן – קודם-כּל און דער עיקר — אין אויג, די אַרויסברענגונג פון זיין קאָנען אָדער די אַרויסברענגונג אָט פון דעם „עפּעס״?

לויט גלאַנצס אַבסטראַקטער פאָרמול קומט אויס, אַז דער קינסטלער דאַרף „קאָנען״ נאָר איין זאַך: אַרויכברענגען זיין אייגענעם קאָנען. דער „עפּעס״ איז דאָ דער צופעליקער „חומר ביד היוצר״, אויף וועלכן דער קינסטלער דאַרף באַווייזן וואָס ער קאָן; לויט דער גראַד און דער אַרט פון זיין „קאָנען״,— און נישט לויט דעם אַרט און דעם מהות פון די „ענינען״, וואָס ער ברענגט אַרויס, — דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן דער ווערט פון דעם קינסטלער און פון זיין קינסטלערישן פּראָדוקט.

איך רעכן, אַז נישט גלאַנץ און נישט די, וואָס שטייען אויף זיין שטאַנדפּונקט, וועלן זיך נישט פאַרשטייפן אָט אויף דער אַבסטראַקטער פאָרמול. זיי וועלן אַלע, האָף איך, צוגעבן, אַז וויבאַלד דער קינסטלער דאַרף באַווייזן זיין קאָנען אויף דער אַרויסברענגונג פון אַ באַשטימטן „עפּעס״, דאַרף ער זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען פון דעמדאָזיקן „עפּעס״. אַ חזן, וואָס וועט זינגען דעם לעבעדיק-פריילעכן „שושנת יעקב״ מיט אַ טיף-טרויעריקן ניגון, וואָס פּאַסט פאַר דעם „אדם יסודו״, וועט זיין אַ שלעכטער קינסטלער, זיי גועניאַל און אָריגינעל אָט דער טיף-טרויעריקער ניגון זאָל נישט זיין; אַ שוישפּילער, וואָס וועט פאַרוואַנדלען האַמלעטן אין אַ כלעסטאַקאָוו — אויב ער וועט דאָס טאָן אין ערנסט און נישט פאַר אַ שפּאַס, — וועט זיין אַ שלעכטער קינסטלער, וואָס פאַר אַ געניאַלן כלעסטאַקאָוו ער זאָל נישט האָבן אַרויסגעבראַכט פון האַמלעטן.

יעדער „עפּעס״, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון דעם קינסטלער, איז אַ געוויסער אינהאַלט פון דעם מענטשלעכן לעבן, און דעם אויסדרוק: „מענטשלעך לעבן״ נעם איך דאָ אין זיין וועלט-אומפאַסנדיקער גרויס און ברייט. „מענטשלעך לעבן״ איז אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן

און ווערט באַשאַפן א י ן דער מענטשהייט און ד ו ר ך דער מענטשהייט, אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן און ווערט באַשאַפן אין דער מענטשלעכער קולטור, אַריינגעשלאָסן דערינען אויך די גאַנצע נ אַ ט ו ר, ווי זי ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דעם מענטשנס אויג און דעם מענטשנס שכל, די גאַנצע א י ב ע ר-נ אַ ט ו ר, די גאַנצע גאָט-מלאכים-שדים-וועלט, ווי זי ווערט באַשאַפן אין דעם מענטשנס געדאַנק און אין דער פאַנטאַזיע.

גאָט, נאַטור, מענטשלעכע געזעלשאַפט און דער איינצלנער „איך", — דאָס זענען די פיר ממשלות פון דעם מענטשלעכן לעבן, און פון זיי שעפּט אַרויס דער קינסטלער איין איינציקן „עפּעס", כדי צו באַווייזן אויף אים, וואָס ער קאָן אויפטאָן מיט זיין קינסטלערישן טאַלאַנט. ער אילוסטרירט דעם „עפּעס" אויף זיין אייגענעם שטייגער.

עס וועט נישט גיין, האָף איך, להיפך צו דעם ריין-קינסטלערישן בליק אויף דער אויפגאַבע פון דער קונסט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז יעדער קינסטלער, ווי יעדער חזן, דאַרף נישט נאָר קאָנען אַרויסברענגען זיין אייגענעם קאָנען, נאָר אויך קענען „עברי". דער קינסטלער דאַרף אויך ק אָ נ ע ן ק ע נ ע ן, ד. ה. ער דאַרף האָבן אַ באַשטימטע אויפפאַסונג וועגן דעם אינעווייניקסטן זין פון יענעם באַשטימטן לעבנס-אינהאַלט, וועלכן ער נעמט זיך אונטער צו באַלייכטן און צו אילוסטרירן מיט זיין קינסטלערישן שאַפן. אַז נישט, וועט איר האָבן פאַר „שושנת-יעקב" אַן „אדם יסודו" אָדער פאַר כלעסטאַקאָוון אַ האַמלעט.

איך וויל גאָר קלאָר מאַכן אָט דעם דאָזיקן קליינעם ענין, ווייל ער האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דעם גאַנצן סכסוך. אויב אַ שוישפּילער איז געקומען צו דער איבערצייגונג — ווי ווייניק דאָס זאָל זיך קאָנען לייגן אויפן שכל, — אַז האַמלעט איז אין זיין אינעווייניקסטן פּסיכאָלאָגישן תוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי א ליגנער, אַ באַרימער און אַ נאַאיווער פראַזיאָר און פאַנטאַזיאָר; אַז דאָס איז אויך דער

אַרויסגעקומענער מיין אין שעקספּירס טראַגעדיע, ווען אַפילו נישט שעקספּיר, נישט די גאַנצע וועלט נאָך אים האָבן דאָס נישט באַמערקט, האָט דער קינסטלער אַ ר ע כ ט צו פאַר־כלעסטאַקאָוון האַמלעטן, אַרויסצוברענגען אין זיין שפּילן יענע רעוואָלוציאָנערע אויפפאַסונג, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון שעקספּירס ווערק. אויב אָבער ער טוט דאָס דערפאַר, ווייל ער איז אַ פּשוטער עם־הארץ און פאַרשטייט נישט די נפקה מיניה פון אַ האַמלעט ביז אַ כלעסטאַקאָוו, אָדער ער טוט דאָס דערפאַר, ווייל — מה בכך? „אַזוי געפעלט מיר אַ שפּיל צו טאָן און צו באַווייזן וואָס איך קאָן", דעמאָלט, האָף איך, וועט אויך דער ריינער קינסטלער צוגעבן, אַז דער שוישפּילער איז דאָ געוואָרן אומטריי צו די פאָדערונגען פון זיין קונסט, ווען אַפילו ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן דעם העכסטן גראַד פון קינסטלערישן קאָנען.

איך זאָג: „איך רעכן", „איך האָף", ווייל גאַנץ זיכער אין דעם בין איך נ י ש ט. עס קאָן זיין, אַז לויט אַ איצטיקן קינסטלערס בליק אויף דעם ענין איז פאַרכלעסטאַקאָוון האַמ־לעטן אַ מה־בכך: קיין אומגליק נישט און נישט קיין פאַרברעך אַנטקעגן די פאָדערונגען פון דער שוישפּיל־קונסט, אויב נאָר דאָס פאַרכלעסטאַקאָוון איז אַרויסגעקומען אויף אַן אָריגינעלן און טאַלאַנטפולן אופן.

אָבער ווען אַפילו דער איצטיקער קינסטלער זאָל צוגעבן, אַז „קענען" געהער צו דעם „קאָנען"; אַז ווען אַ קינסטלער פאַרשטייט נישט דעם „עפּעס", וועלכן ער וויל אַרויסברענגען מיט זיין קונסט, איז דאָס אַ גרויסער חסרון אין זיין טאַלאַנט — איז אויך דעמאָלט דער סכסוך צווישן דעם קינסטלער און דעם הדיוט נאָך נישט פאַרענדיקט.

עס פרעגט זיך, לויט וואָס זאָלן מיר אָפּשאַצן דעם ווערט און דעם באַטייט פון אַ קינסטלערישן פּראָדוקט: לויט דעם גראַד „קאָנען", וואָס דער קינסטלער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין אַרבעט, אָדער לויט דעם גראַד און דעם מהות פון

דעם „קענען״, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין דעם „עפּעס״, אין דעם באַשטימטן לעבנס-אינהאַלט, וועלכן דער קינסטלער האָט אַרויסגעבראַכט?

אַ ביישפּיל פון מיינע אייגענע דערינערונגען וועט אפשר קלאָרער מאַכן דעם זין פון דער שאלה.

אין דעם בערנער „מיונסטער״, — אַזאַ קירך, — איז דאָ אַ גאַנץ גוטער אָרגל, און גאָר גרויסע קינסטלער קומען אָפטמאָל צופאָרן אָפּגעבן קאָנצערט אויף אים. עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן שפּילן אויף אים ס ע ן - ס אַ נ ס ן. געשפּילט האָט סען-סאַנס „כל נדרי״ מיט זיינע אייגענע וואַריאַציעס.

שוין מיט די ערשטע פּאָר טענער פון דער טעמע האָט ער מיך „פאַרכשופט״. אַ נעץ פון ציטערונגען האָט מיך פּלוצלונג אַרומגענומען אינגאַנצן, פון די פיס-פינגער ביז צו די שפּיצן פון מיינע האָר, דורך וועלכע עס איז דורכגעגאַנגען אַ לייכטער שוידער. מיין האַרץ האָט זיך געעפנט פאַר די מעכטיקע כל-נדרי-קלאַנגען, וואָס דערציילן וועגן דער ערנסטקייט און דערהויבנקייט פון אַ פאָלקס-לעבן אויף דער וועלט (נישט נאָר פון דעם יידישן פאָלקס-לעבן אַליין). אויך ווען סען-סאַנס האָט געענדיקט דעם „פּסוק״ און איז אַריבערגעגאַנגען צו זיין אייגענער „רש״י״ אויף אים, בין איך נאָך אַלץ געזעסן אַ געפאַנגענער אין דער נעץ פון זיסע ציטערונגען. און פּלוצלונג איז אין מיטן שפּילן דער גאַנצער כישוף פאַרשוואונדן. מיטאַמאָל און אומדערוואַרט. סען-סאַנס האָט גענומען שווימען אין „תוספות״, „מהרש״א״ און „מהר״ם״-שיף, אין אַזעלכע פאַרפּלאָנטעטע וואַריאַציעס, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען אין זיי דעם גרונט-מאָטיוו און די גרונט-שטימונג פון „כל נדרי״.

איז דאָס, וואָס ער האָט איצט אָפּגעשפּילט, געווען שיין? — גאַנץ זיכער. און טאַלאַנטפול אויך: אַ סך קאָמפּליצירטער און אַ סך מער פאַרפיינערט, איידער אין דעם „חומש

מיט רש״י״ אין דער ערשטער העלפט. אָבער דאָס האָט גע-ווירקט אויף מיר אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן.

בעת ביי דער ערשטער העלפט בין איך געווען אין אַן אויסערגעוויינלעכן פסיכישן צושטאַנד, אין אַ מין היפּנאָז, ווו מיין נשמה איז געווען אין גאַנצן אריינגעטאָן אין די טענער, וואָס זי האָט געהערט, ווו זי און די טענער זענען געווען איינס; בין איך ביי דער צווייטער העלפט גע-זעסן אַ רואיקער, אַן אויפגעראָמטער, און האָב „געלעצט״ מיין געמיט מיט שיינע קלאַנגען, ווי איך וואָלט געווען געזעסן ביי אַ טישל אין אַ רעסטאָראַן און וואָלט געצויגן פון אַ דינעם שטרויעלע עפּעס אַן אויסטערליש-אָנגענעמען קילן גע-טראַנק.

ביי דער ערשטער העלפט האָב איך איבערהויפּט נישט געטראַכט און דעריבער אויך נישט געקאָנט טראַכטן וועגן סען-סאַנסן און זיין טאַלאַנט. ביי דער צווייטער העלפט, דער מער-קינסטלערישער, איז מיין געדאַנק שוין מער נישט געווען צוגעבונדן צו דעם „עפּעס״, וואָס דער קינסטלער ברענגט אַרויס, שוין נישט מער אַריינגעטאָן אין אים, נאָר האָט פריי געשוועבט איבער די טענער פון דער מוזיק. עס האָט זיך געטראַכט, זייער געשמאַק געטראַכט, אי וועגן דאָס, וואָס ווערט געשפּילט, אי וועגן סען-סאַנסן און די אייגנטימלעכקייטן פון זיין טאַלאַנט, אי וועגן מוזיק און קונסט בכלל, אי וועגן גאָט ווייסט וואָס אין דער וועלט. איך בין געווען ביי זיך אַליין און האָב מיר געמיטלעך געזולל-וסובאט „קונסט״.

די צוויי פאַרשיידענע — ווייניקסטנס פאַר מיר פאַר-שיידענע, — טיילן פון סען-סאַנס' „כל נדרי״ קאָנען נישט אַרומגענומען ווערן מיט איין אויסדרוק: „מוזיקאַלישע קונסט״. עס הערשט אַ גרויסער חלוק צווישן זיי. לאָמיר זאָגן, אַז צווישן די צוויי טיילן הערשט דערזעלביקער חלוק, וועלכן יהואש מאַכט צווישן קונסט און פּאָעזיע, אין זיין באַהויפּטונג, אַז די ביבל איז פּאָעזיע און נישט קיין קונסט-ווערק.

וועלכער טייל דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ העכערער עסטעטישער מדרגה?

דער איצטיקער קינסטלער — און דער „מבין“, וואָס קוקט מיט דיזעלביקע אויגן אויף דעם ענין פון קונסט — דאַרף איבערגעבן די בכורה דעם צווייטן טייל, ווו עס טרעט בולטער אַרויס די „קינסטלערישקייט“ און די „אָריגינאַליטעט“ פון דעם באַשאַפער.

פאַר דעם הדיוט, וואָס קאָן זיך אין גאַנצן אַריינלעבן נאָר אין דעם לעבנס-אינהאַלט, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער קונסט, און נישט אין דעם קינסטלערישן אופן, ווי אַזוי דער לעבנס-אינהאַלט ווערט אַרויסגעבראַכט, מוז דער ערשטער טייל, דער קינסטלעריש ווייניקער ווערטפולער, שטיין אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה.

שטייענדיק פאַר אַ קונסט-ווערק פרעגט דער הדיוט: וועלכער לעבנס-אינהאַלט האָט פאַראינטערעסירט דעם קינסטלער? פאַר וואָס? ווי האָט ער אים אויפגענומען? ווי איז ער איבערגעאַרבעט געוואָרן אין זיין געמיט? וואָס איז געוואָרן פון אָט דעם לעבנס-אינהאַלט אין דעם קינסטלערס באַאַרבעטונג? וואָס איז דעם קינסטלערס „פירוש“ אָט אויף דעם לעבנס-אינהאַלט און אויף דאָס מענטשלעכע לעבן בכלל?

און די אָפּשאַצונג פון דעם קינסטלער הענגט ביי דעם הדיוט אָפּ פון דעם ווערט און דעם באַטייט פון דעם לעבנס-אינהאַלט, פון דער טיף, דער אָריגינאַליטעט און דער וואָג פון יענעם „פירוש“, וועלכן דער קינסטלער גיט אויף אים, דורך דער ווירקונג, וואָס דאָס קונסט-ווערק מאַכט אויף דעם גאַנצן סכום פון אונזערע געפילן, נישט נאָר אויף די אַזוי-אָנגערופענע ריין-עסטעטישע.

שטייענדיק פאַר דעמזעלביקן קונסט-ווערק וועט אַ קינסטלער אָדער אַ „מבין“ פרעגן קודם-כל: ווי האָבן דאָ געאַרבעט זיין אויג, זיין פאַנטאַזיע, זיין האַנט? ווי, דורך וועלכע אָריגינעלע אופנים איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט דעם

ציל, וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך? וואָס פאַר אַ פירושים האָט ער אַרויסגעבראַכט אין דער באַהערשונג פון דעם חומר, וועלכן ער האָט געהאַט פאַר זיך? דער הומר גופא אָבער, — דער באַשטימטער לעבנס-אינהאַלט, — וואָס האָט זיך אַרויסגעאַרבעט אין דעם קונסט-פּראָדוקט, איז פאַר אים אַ ביי-זאַך. און די אָפּשאַצונג פון דעם קינסטלער וועט ביי אים אָפּהענגען נאָר פון דעם גראַד „קאָנען”, וואָס דער קינסטלער ווייזט אַרויס.

דער קינסטלער — איך מיין דאָ אַלץ נאָך דעם איצטיקן — איז אַן עפּיקורעאישער עסטעט. וויכטיק פאַר אים איז די באַשטימטע הנאה פון חושים, פון דעם זען, הערן, פאַנטאַזירן; און אויך נאָך די הנאה פון דער גבורה, דעם מענטשנס גבורה איבער דעם חומר, וועלכן ער שאַפט שפּילעריש אום.

דער הדיוט ווייסט אויך, אַז די קונסט איז אַ תענוג, אַז אין דעם תענוג מוזן זיך באַטייליקן אי די הנאה פון די חושים, אי די פרייד פון דעם שאַפונגס-פּראָצעס. אָבער דאָס אַליין באַפרידיקט אים נישט. אין אים לעבט אַן אָנונג, אַז דער „זיוו השכינה” פון דער קונסט שטאַמט נאָך פון ערגעץ אַ העכערן אָדער טיפערן קוואַל, איידער אָט די ריין-איבערפלאַכלעכע עסטעטישע לוסט-קוואַלן. און אין גאַנצן אויפגערודערט און באַצויבערט ווערט ער נאָר פון יענע קונסטווערק, אין וועלכע ער דערשפּירט די שטראַלן פון יענעם „אור הגנוז”.

אין וואָס באַשטייט דער „אור הגנוז” פון דעם קינסטלערישן שאַפן און פון דעם עסטעטישן גענוס?

די פילאָזאָפיע פון דער קונסט זוכט אויסצוגעפינען דעם ענטפער אויף דער שאלה. ליידער איז מיין איצטיקע אָפּהאַנדלונג נישט קיין פילאָזאָפישע, און אין גאַנץ הויכע דרכים קאָנען מיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן. איך וויל דאָ נאָר אין קורצן אָנמערקן, אַז לויט מיין מיינונג נאָך, איז די קונסט

און די עסטעטישע הנאה בכלל נישט קיין אַנדער זאַך אוי נישט קיין קלענערע זאַך, ווי דער אויסדרוק און די פּאַרווירקלעכונג פון יענעם „כּי טוב", מיט וועלכן די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און ווען איך רעד וועגן „וועלט" און „באַשאַפונג" אין אַ פילאָזאָפישן זין פון די ווערטער, מיין איך נאָר די איינציקע „וועלט", וואָס מיר קאָנען וויסן עפּעס וועגן איר, די וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין דעם באַוווסטזיין פון דער מענטשהייט, דורך דעם מענטשלעכן (אָדער אפשר אויך אַן איבער-מענטשלעכן) גייסט, וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן און צעשפּריצט אין איינצלנע מענטשלעכע „איכן". אָבער אין דערין אַליין ליגט שוין זייער אַ טיפע און האַרבע שאלה.

די עקזיסטענץ פון איינצלנע „איכן" איז טעאָרעטיש אַן אַבסורד און אַ פּשוטע פיזישע אוממעגלעכקייט, ווי עס איז אוממעגלעך די עקזיסטענץ פון איינצלנע טראָפּנס אין ים (אין דעם ים זענען די טראָפּנס נישט קיין טראָפּנס). צו אָט דעם אמת מוז יעדער פילאָזאָף דערגיין, מיט וועלכן וועג ער זאָל נישט גיין, אויב ער זאָל נאָר קאָנסעקווענט דערגיין אים ביז צום סוף.

אויף דעם ראַציאָנאַליסטישן וועג דערגייט מען צו אָט דעם אמת מיט שפּינאָזאַן. אויף דעם עמפּירישן וועג — דערגרייכט מען אים מיט יומען און מאַכן. פאַר דעם מאַטעריאַליזם, וואָס קאָן זען אין דעם „איך" נישט מער ווי אַ קאָמבינאַציע פון מאַטעריעלע אַטאָמען, ליגט ער גלייך אין דעם אָנהויב פון וועג, און פאַר די נייערע פילאָזאָפישע שטרעמונגען פון אַ בערגסאָן, ווערט דער „איך" פאַרטרונקען אין דעם גרויסן שטראָם פון דעם וועלט-דויער.

אַפילו ביי לייבניצן, וואָס האָט קודם כּל געזוכט פילאָזאָפיש צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון זעלבשטענדיקן „איך", האָט ער געמוזט פאַנאַנדערגעצויגן ווערן צו אַ גאַנצער וועלט (צו אַ „מאָנאַדע". וואָס איז אַ וועלט אין זיך און פאַר זיך).

און וואָס איז נאָך באַמערקנסווערטער פאַר דעם

גורל פון דעם „איך״ אין דעם ריין־טעאָרעטישן דענקען: אַפילו שטירנער, וואָס בויט זיין גאַנצן פילאָזאָפישן בנין אויף דעם „איך״, האָט אויך געמוזט קומען צו דעם לעצטן שלוס, אַז דער „איך״ איז אַ „גאָרנישט״. אַ „שאַפנדיקער גאָרנישט״ האָט ער אים אָנגערופן און האָט מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין אַרויסגעזאָגט וועגן זיך: „איך האָב מיין זאַך אַוועקגעשטעלט אויף (אַ) גאָרנישט״.

דער „שאַפנדיקער גאָרנישט״ איז דער לעצטער פונקט פון שטירנערס קוראַזשירטן געדאַנקענגאַנג, אָבער עס איז דער אָנהויב פון דער מיסטעריע אין דער פילאָזאָפיע. און נישט נאָר אין דער פילאָזאָפיע איז דער „איך״ אַ טיפער אומדערקלערלעכער סוד, אַן אוממעגלעכקייט פון אַ ריין־טעאָרעטישן שטאַנדפונקט. די מיסטעריע פון דעם „איך״, פון דעם „שאַפנדיקן גאָרנישט״ איז דער מקור פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור.

די מענטשלעכע קולטור — וואָס איז כולל אין זיך אַלע מענטשלעכע געדאַנקען וועגן גאָט, נאַטור, מענטשהייט און „איך״ — איז אַ צווייטע וועלט, גייסטיק אויפגעבויט איבער דער ערשטער, דער מאַטעריעלער (אויב ס׳איז דאָ אַזאַ מאַטעריעלע וועלט), און אָט די צווייטע וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, דורך וועלכער מיר קאָנען זען די ערשטע וועלט (אויף וויפל מיר קאָנען זי זען), — אָט די צווייטע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך מענטשלעכע „איכן״.

כל־זמן דער מענטש איז געווען צונויפגעגאָסן אינגאַנצן מיט דער נאַטור, ווי די חיה, האָט נישט געקאָנט זיין קיין קולטור. דער מענטש האָט זיך געמוזט אַרויסרייסן פון דער נאַטור, אַוועקשטעלן זיך אַליין אַנטקעגן דער נאַטור, ווערן אַן „איך״, וואָס באַטראַכט די גאַנצע נאַטור, ווי אַ דרויסנדיקע זאַך, ווי אַ „נישט־איך״, כדי ער זאָל קאָנען קריטיקירן זי, ווערן אומצופרידן מיט איר, אויפבויען אייגענע אידעאַלן

פון אַ בעסערער נאַטור און אַרויפצווינגען זיינע אידעאַלן אויף די פּראָצעסן פון דעם נאַטירלעכן געשעען.

אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור שטייט דער מענטשלעכער „איך" אין קאַמף מיט דער נאַטור, מיט דער וועלט. אין דער טעכניק וויל ער זי באַהערשן און מאַכן זי נוצלעך פאַר זיך; אין דער מאָראַל און רעליגיע וויל ער זי מאַכן גוט און פרום; אין פילאָזאָפיע, אמת, הויבט ער זיך אָן צו רעכענען מיט איר, ווי זי איז, אָבער לסוף בויט ער אויס אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, וואָס זאָל זיך בעסער לייגן אויף זיין מענטשלעכן שכל, איידער די, וואָס ער זעט מיט זיינע אויגן.

און ווען דער „איך" פאַרבעסערט די וועלט, ברענגט אַרויס אַ קולטור-וועלט, ווערט אויך די קולטור-וועלט פאַר אים אַ „נישט-איך", און ער האַלט שטענדיק אין מוסטערן זי, פאַרענדערן זי, צעשטערן זי און זי איבערבויען אויפסניי. קיין איין פאַרווירקלעכטער מענטשלעכער אידעאַל באַפרידיקט נישט דעם מענטשן אויף לאַנג. טעכנישע דערפינדונגען, וויסנשאַפטלעכע אמתן, עטישע פּרינציפּן, פילאָזאָפישע און רעליגיעזע סיסטעמען, — דאָס אַלץ באַגיסט דער „איך" מיט דער גאַל פון זיין קריטיק, פאָדערט, מען זאָל זיי פאַרטרייבן פון לעבן און אַוועקשטעלן אַנדערע אויף זייער אָרט. קיין זאַך געפינט נישט אויף אַ לאַנגע צייט קיין חן אין די אויגן פון דעם „שאַפנדיקן גאָרנישט": אָט אַזאַ „גאָרנישט שבגאָרנישט" איז דאָס דער מענטשלעכער „איך". אַלץ געפינט ער „כּי רע" און פאַרמשפּט צום טויט.

פאַראַן נאָר איין איינציק פעלד פון דעם מענטשלעכן שאַפן, ווו דער „איך" הויבט אָן מיסטיש פילן, אַז ער איז „אין זיך גופא" באמת אַ „גאָרנישט", אַז ער איז נישט פאַרשיידן פון דער וועלט (ד. ה. פון דעם מענטשלעכן לעבן), אַז ער איז איינס מיט איר, אַ קליין טראָפּנדל פון

איר, וואָס האָט קיין רעכט נישט זיך אויסצוטיילן פון איר און זיצן על כסא המשפט איבער איר.

דאָס איז די וועלט פון ש יי נ ק יי ט, וואָס ביי איר באַטראַכטונג און באַוווּנדערונג ווערט דער „איך" איינגאַנצן פאַרזונקען און פאַרגעסן אין איר. ש יי ן פאַר דעם מענטשן איז דאָס, וואָס ברענגט אין אים אַרויס אַ געפיל פון „כי טוב". אַ צופרידנקייט און אַ פרייד מיט דעם, ווי די זאך איז, אָן אַ ברעקל פאַרלאַנג צו פאַרענדערן זי. און דאָס מערקווירדיקסטע און וויכטיקסטע דערביי איז, וואָס אַט די ריין-עסטעטישע פרייד מוז זיין אַן „אומפאַראינטערעסירטע" — ווי קאַנט האָט דאָס אַנטדעקט, ד. ה. אַ פרייד, אין וועלכער אַלע באַגערן און געלוסטן פון דעם „איך" ווערן פאַרשטומט, אין וועלכער דער מענטש הערט אויף צו זיין אַן „איך", — אַ קריטיקירנדיקער, פאַרמשפטנדיקער, צעשטערנדיקער.—אין וועלכער ער גיסט זיך ווידער צונויף מיט דעם וועלט-ים, וואָס האָט אים אַרויסגעשפּריצט, — אַ פרייד, דורך וועלכער דער „איך" באַהעפט זיך איינגאַנצן מיט דעם שיינעם ענין, און אין וועלכער ער האָט נאָר איין אינטערעס: דער ענין זאָל אייביק בלייבן אַזוי ווי ער איז, ווייל ער איז די פאַרקערפּערונג פון דעם „כי טוב".

אין די באַוווּנדערונגען פון יענע שיינקייטן, וואָס געפינען זיך אין דער נאַטור, דערגרייכט נאָך נישט דער מענטש דעם „עולם שכולו טוב". בנוגע די נאַטור-דערשיינונגען משפט נאָך דער מענטש און טיילט זיי איין אין „שיינע" און „מיאוסע", ווי ער טיילט זיי איין אין „נוצלעכע" און „שעדלעכע", אין „אמתע" און „פאַלשע", אין „גוטע" און „שלעכטע". ערשט מיט די פּ ר אָ ד ו ק ט ן פ ו ן ד ע ר ק ו נ ס ט הויבט זיך אָן דער אמתער עולם שכולו טוב. ערשט אין דער קונסט באַשאַפט דער מענטש יענעם גן-עדן פון אומפאַראינטערעסירטער פרייד אָן פערזענלעכע פניות, — אַ גן-עדן, אין וועלכן „צדיקים יושבים ועטרותיהן על ראשיהן ונהנין מזיוו השכינה".

אין וועלכן „עס זיצן געהעכטפאַרכטיקע מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ און האָבּן הנאה פון דעם שיין פון דער שכינה״.

אין דער קונסט איז נישטאָ קיין איינטיילונג פון שיין און מיאוס. די מיאוסטע זאַך אין דער וועלט, אַרויסגעבּראַכט אין דער קונסט אויף אַ פולקאָמענער אַרט, אַרויסגעבּראַכט מיט דער גאַנצער ווירקונג, וועלכע די מיאוסע זאַך האָט אין לעבּן, ווערט אַ ש יי נ ע זאַך, אַ שטיק „כי טוב״. די העס־לעכסטע און אָפּשטויסנדיקסטע עפּיזאָדן פון אַ פּאָגראָם, קינסט־לעריש אַרויסגעבּראַכט בּיי בּיאַליקן „אין צער און צאָרן״, אַרויסגעבּראַכט אין דער גאַנצער העסלעכער און אָפּשטויסנדיקער ווירקונג, וועלכע יענע עפּיזאָדן רופן אַרויס אין לעבּן, זענען אין דער ק ו נ ס ט מאָמענטן פון שיינקייט.

דאָס איז דער אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך אין דער קונסט, אויבּ איר ווילט — איר מיסטעריע, אָבּער נאָר דורך אָט דער מיסטעריע, אין וועלכער דער „איך״ פאַרלירט זיך ווידער אין דער וועלט, אין דעם לעבּן, ווערט פאַרענטפערט די מיסטעריע פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, אויפגעבּויט פון דעם „שאַפנדיקן גאָרנישט״.

און דאָס וואָס עס גייט אַריין אין דעם גן־עדן פון דער מענטשלעכער קונסט, גייט אַריין א ו י ף א יי ב י ק. איין קונסט־פּראָדוקט לייקנט נישט אָפּ אַן אַנדער קונסט־פּראָדוקט, ווי דאָס קומט פאָר אין אַלע אַנדערע צווייגן פון דער קולטור, ווו איין דערפינדונג שטויסט אַרויס אַן אַנדערע, איין אמת מאַכט צונישט אַן אַנדערן, איין יושר פאַרטיליקט אַן אַנדערן, איין רעליגיעזער גלויבּן מוז שטרעבּן צו פאַרניכטן דעם אַנדערן.

דער ערשטער נאַאיווער אָרנאַמענט פון אַ ווילדן איז שוין אַ קונסט־פּראָדוקט און ל ע בּ ט אין דער וועלט פון דער קונסט. און אַלע קונסט־ריכטונגען זענען אין איר בּאַרעכטיקט. — „אַחוץ״, מאַכט וואָלטער, „די נודנע״. אָבּער די „נודנע״ גייען לכתחילה נישט אַריין אין דעם גן־עדן פון דער קונסט...

די קונסט איז די תשובה, וואָס די מענטשהייט נעמט אויף

זיך פאַר איר קריטיקירן, מוסטערן און איבערבויען די וועלט, פאַר איר אומטרייקייט צו דער וועלט. די קונסט איז אויך דער גן־עדן, אין וועלכן זי רוט זיך אויס פון איר אייגענעם גיהנום. און אין דערזעלביקער צייט איז די קונסט די פאַרווירקלעכונג פון דעם אמת, אַז דער „איך" איז אַ „ג אָ ר נ י ש ט".

אָט דאָס איז — אין קורצן — די פילאָזאָפיע פון דער קונסט, דער מקור פון וואַנען זי איז אַרויסגעוואַקסן, דער באַטייט, וועלכן זי האָט אין דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. ד. ה. אין דעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן, ד. ה. אין דער גאַנצער וועלט, וואָס איז צוגענגלעך פאַר דער מענטשלעכער באַטראַכטונג (און קיין אַנדער וועלט האָט נישט דער מענטש, ווען אַפילו זי מעג זיך ערגעץ־ווו זיין).

אויב דער בליק אין אַ ריכטיקער, איז דעמאָלט קלאָר, אַז די באַדייטונג פון אַ קונסט־ווערק קאָן נישט ליגן אין דעם קינסטלערס „קאָנען".

שטעלן מיר אָן אונזער בליק אויף דעם „קאָנען", דעמאָלט דענקען מיר נאָך וועגן דעם ס ו ב י ע ק ט י וו ן מאָמענט אין דעם קינסטלערס שאַפן, וועגן דעם קינסטלערס „איך", און מיר פאַרשטעלן דערמיט די ה ו י פ ט־ז אַ ך: דעם ק ו נ ס ט־פ ר אָ ד ו ק ט, וואָס דאַרף אַריינגיין אין דעם עולם שכולו טוב און אין וועלכן דער „איך" דאַרף זיך צונויפגיסן מיט דער וועלט, ד. ה. מיט מאָמענטן פון דעם מענטשלעכן לעבן.

איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, ווי אַזוי אַ קינסטלער קאָן אַריינפאַלן אין דעם פעלער צו דענקען נאָר וועגן דעם אייגענעם קאָנען. ער איז דאָך יענער „איך", דורך וועמעס טעטיקייט עס דאַרף אַרויסקומען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פּאַרטיקולאַריקן, אַריינזויגן דעם גאַנצן „איך".

אין דעם פּראָצעס פון שאַפן מוז דער קינסטלער על־פּי נויטווענדיקייט זיין אַן „איך": אַ קריטיקירנדיקער, צעשטערנדיקער, בויענדיקער. איז דעריבער אפשר קיין חידוש נישט, וואָס

נישט איין קינסטלער איז אין *די מאָמענטן פון זיין געשטייגערטן זעלבסטבאַוווּסטזיין* פול פון זיך אַליין, פול פון זעלבסטבאַוווּנדערונג און זעלבסטבאַריי־כערונג, פול מיט דעם „איך־איך־איך", וועלכן אונזער יונגער דיכטער, מילער, באַזינגט מיט אַזאַ, קאָן מען זאָגן, ציניש ער אָפנקייט. עס איז דעריבער אפשר אויך קיין חידוש נישט, וואָס נישט איין קינסטלער ווערט פאַרבלענדט דורך דער שיינ־קייט פון דעם אייגענעם שאַפן, וואָס זיין „איך" ווערט פאַר אים דער צענטער פון דער וועלט, און אים פאַרגלוסט זיך צו אַנטלויפן פון איר „אין זיך".

אָבער ווי דער טעות און דער פעלער זאָל נישט דער־קלערט ווערן, אַ טעות און אַ פעלער איז דאָס, ווייל דער *איינעווייניקסטער זין* פון דעם קינסטלערס שאַפן איז נישט זיין „איך", נישט דער „שאַפנדיקער גאָרנישט", נאָר די באַשאַפענע וועלט, דאָס פאַרגייסטיקטע מענטשלעכע לעבן, וואָס אין זיין געניוס גיסן זיך צענויף אַלע צעשפּריצטע מענטש־לעכע „איכס", ווייל זיי אַלע פאַרשווינדן אין אים.

איוב און פאוסט

# איוב און פאוסט*)

## 1

ווען מען וואָלט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון די גרעס־
טע מבינים אין דער שיינער ליטעראַטור, ער זאָל אויסקלייבן
פון דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן שאַפן נישט מער ווי די צען
בעסטע ליטעראַרישע ווערק, — אַזעלכע ווערק, וואָס שטייגן
אַריבער אַלע אַנדערע, סיי דורך דער טיפקייט פון דעם
געדאַנק, סיי דורך דער שיינקייט פון דער פאָרם, — וואָלטן
אין די צען בלי ספק אַריינגעגאַנגען אונזער „איוב", דאַנטעס
„געטלעכע קאָמעדיע" און געטעס „פאַוסט".

מען קאָן גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אַז ווען מען
וואָלט פון די צען בעסטע ווערק דאַרפן אויסוויילן די גאָר
בעסטע דריי, וואָלט בנוגע דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" נאָך
אפשר געווען אַ חלוקי־דעות, אָבער „איוב" און „פאוסט"
האָלטן גאַנץ זיכער אַריין אין דער צאָל.

אגב: ווען מען וואָלט ביי מיר געפרעגט מיין מיינונג
וועגן דעם, וואָלט איך מיך אַרויסגעזאָגט פאַר דאַנטעס „געט־
לעכע קאָמעדיע", ווי דאָס דריטע בעסטע ווערק פון דער
אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. די דריי ווערק געהערן, נאָך מיין
מיינונג, צו יענע מייסטער־שאַפונגען, ועמענס ווערט עס לאָזט
זיך מעסטן דורך דער שיינקייט פון דער פאָרם, געכפלט, אַזוי־
צוזאָגן, אויף דער טיפקייט פון דעם געדאַנק.

פון די דריי ווערק האָבן נאָר „איוב" און „פאוסט" אַן

---

*) „די צוקונפט", 1919

אינעווייניקסטע נאָענטע שייכות, געוויסע ענלעכקייטן סיי לויט דעם מקור, פון וועלכן זיי זענען אַרויסגעפלאָסן, סיי לויט דער פאַבל, סיי לויט זייער געדאַנקלעכן אינהאַלט.

אַרויסצוברענגען אָט די פּאַראַלעלן און אינעווייניקסטע שייכותן, — אויף וויפל איך האָב זיי געקאָנט אויפפּאַסן, — איז די אויפגאַבע פון מיין איצטיקער אָפּהאַנדלונג.

לויט זייער מקור, שטאַמען אונזערע ביידע ווערק פון פאָלקס־מעשיות. דער וואָרצל זייערער רוט אין דער שוואַרצער ערד פון דעם פ אָ ל ק ס־שאַפן. ביידע זענען זיי ליטעראַריש־איבערגעאַרבעטע פ אָ ל ק ס־ל ע ג ע נ ד ע ס.

אַז „פאוסט" איז אויסגעוואַקסן פון אַ פאָלקס־לעגענדע און אַ פאָלקס־שפּיל, — דאָס ווייס יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַריינגעקוקט אין אַ געשיכטע פון דער נייצייטיקער ליטעראַטור. אָבער אויך „איוב" האָט דעמזעלביקן אָפּשטאַם. אַזוי נעמט דאָס אָן די מאָדערנע ביבל־קריטיק. און זי קאָן אָנווייזן אויף אַ סך אַרגומענטן, וואָס שטיצן איר סברה.

עס קאָן זיין, אַז אַ געוויסער חלק פון „איובס" און „פאוסטס" גרויס שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס זייערע וואָרצלען זענען אויסגעטראָגן געוואָרן אין דעם געמיט פון פאָלק. דערפון נעמט זיך אפשר די אַ ל מ ע נ ט ש ל ע כ ק ײ ט, וואָס דרינגט זיי ביידן דורך און וואָס רעדט צו אונז פון יעדער שורה זייערער.

גייען מיר איבער פון דעם שורש צו דער אויסגעוואַקסענער געשטאַלט, זעען מיר, אַז ביידע פּאָעמעס זענען אויפגעבויט אויף כמעט איין־און־דערזעלביקער פ אַ ב ל: די דערציילונג הויבט זיך אָן מיט אַ פּראָלאָג אין הימל, ווו דער שטן איז מקטרג אויף דעם מ ע נ ט ש ן, אפילו דעם ערלעכסטן און ערעכטשאַפנסטן, — אין איין פאַל אויף איובן, אין דעם אַנדערן אויף פאוסטן. אין ביידע ווערק באַקומט דער שטן דעם רשות אַריינצופירן דעם צדיק אין אַ נסיון, און אין זיי ביידן ענדיקט זיך דער נסיון מיט דעם טריאומף פון דעם צדיק.

דאָס איז די שותּפותדיקע „ראַם" אין „איוב" און אין „פאוסט". מיר וועלן שפּעטער זען, וואָס פאַר אַ געוואַלטיק-פאַרשיידענע בילדער זייערע מחברים האָבן אַריינגעשטעלט אין דער גלייכער ראַם: געוואַלטיק-פאַרשיידענע בילדער, וואָס זייערע אינעווייניקסטע געדאַנקען קלינגען אָבער סוף-כּל-סוף אויס אין אַן איינהייטלעכן אַקאָרד.

דערווײַלע אָבער לאָמיר נישט איבעררייסן דעם פאָדעם פון יענע וויכטיקסטע אַנאַלאָגיעס, וואָס געפינען זיך אין ביידע ווערק, — אַנאַלאָגיעס, וועלכע די רייכע פאַוסט-ליטעראַטור האָט שוין לאַנג אַרויסגעבראַכט.

סיי דער שטן אין „איוב", סיי מעפיסטאָפעל אין „פאַוסט" האָבן גאָר אַ קנאַפּע מיינונג וועגן דעם מענטשן און זיין מאָ-ראַלישן מהות. דערהויפּט וואַרפט זיך זיי אין די אויגן דעם מענטשנס ע ג אָ א י ז ם, זיין אַריינגעטויענקייט אין די אינטערעסן פון דעם אייגענעם „איך", דער באַנקראָט פון דעם מענטשן, ווען עס קומט צו העכערע איידעלערע אינטערעסן.

ווען גאָט ווייזט אָן דעם שטן אויף איובן, דעם טיף-רעליגיעזן, גאָטספאָרכטיקן און אָפּגעקערטן פון זינד, ענטפערט דער שטן:

„אומזיסט איז דען איוב גאָטספאָרכטיק? דו האָסט אים אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן, אים און זיין הויז און אַלץ וואָס ער האָט!... אָבער שטרעק נאָר אויס דיין האַנט. און ריר אָן אַלץ, וואָס אים געהערט, וועסטו זען, ווי ער וועט דיך אָפּן פאַרשילטן."

אין די אויגן פון דעם שטן איז דער מענטש, אַזויצוזאָגן, אַ פ ע ל - ה ע נ ד ל ע ר: ער איז גוט נאָר דעמאָלט, ווען מען איז גוט צו אים. „אַ פעל פאַר אַ פעל", זאָגט דער שטן, „און אַלץ וואָס אַ מענטש האָט, וועט ער אַוועקגעבן פאַר זיין לעבן."

אין תּוך אַריין האָט אויך מעפיסטאָפעל דעמזעלביקן בליק אויף דעם מענטשן. אָבער ביי אים טרעט אַרויס נישט אַזוי

דער קעגנזאַץ צווישן עגאָאיזם און נישט-פּאַראינטערעסירטער איבערגעגעבנקייט צו אַ העכערן אידעאַל (גאָטספאָרכטיקייט און מאָראַלישע ריינקייט), ווי דער קעגנזאַץ צווישן די נידעריקערע חיהשע באַשטרעבונגען אין דעם מענטשן און זיינע אידעאַלן.

לויט מעפיסטאָפעלן, שפּילן די מענטשלעכע אידעאַלן קיין ברעקל ראָלע נישט אין דעם מענטשלעכן לעבן. דער מענטש איז אַ חיה און נישט מער, און ער וואָלט געווען אַ סך אַ האַרמאָנישערער באַשאַף, ווען ער וואָלט פון זיינע כּלומרשדיקע אידעאַלן גאָר נישט געוווּסט.

מעפיסטאָפעל זאָגט צו דעם רבונו של עולם:
אַ ביסל בעסער וואָלט ער לעבן,
וואָלטסטו דעם שיין פון הימל-ליכט אים
נישט געגעבן.
ער רופט דאָס שכל און שטעלט דאָס איין,
כּדי נאָך חיה רעהשער, איידער
די חיה זיין.
ער דוכט מיר אויס, במחילת כּבודכם,
ווי איינע פון די לאַנגפיסיקע ציקאַדן,
וואָס רק זי פליט און רק זי שפּרינגט,
לסוף אין גראָז איר אַלט לידל זינגט.
און וואָלט ער נאָך געלעגן נאָר אין גראָז:
אין יעדן מיסט שטעקט ער אריין זיין נאָז.

דער רבונו של עולם האָט אָבער אַ סך אַ העכערע מיינונג וועגן דעם מענטשן בכלל און וועגן די בעסערע עקזעמפּלאַרן פון דעם מענטשלעכן מין בפרט. ער וויליקט דעריבער איין, אַז דער מענטשן-פיינט זאָל מאַכן אַן עקספּערימענט מיט די בעסטע מענטשן. אין דעם שטנס האַנט גיט ער איבער איובס גורל, אין מעפיסטאָפעלס הענט — פאַוסטן.

נאָר — אין אָט דעם געמיינשאַפטלעכן פּונקט טרעט אַרויס אַ גרויסער חלוק צווישן די ביידע ווערק. דער שטן נעמט זיך

פאַר איובס ל י י ב: איוב דאַרף געפּרווט ווערן מיט אומגע-הויערע קערפּערלעכע יסורים. מעפיסטאָ קוקט אויס אויף פאַוסטס נ ש מ ה: דער נסיון פאַר פאַוסטן דאַרף באַשטיין אין אומענדלעכע פריידן און תענוגים פאַר דעם גוף.

און מערקט אייך: דאָס הייסט נישט, אַז מעפיסטאָפעל וועט א ו י ס מ אָ ל ן פאַר פאַוסטס גייסטיקן אויג די אַלע הנאות פון דעם עולם הזה, כדי אַראָפּצופירן אים פון דעם ריכטיקן וועג, ווי דאָס האָט אַמאָ׳ דער שטן געטאָן מיט קריסטוסן אין מדבר.

ניין. דאָס הייסט, אַז מעפיסטאָפעל וועט מיט פאַוסטס צושטימונג לאָזן ווירקלעך דורכגיין זיין נשמה דורך אַלע וועלטן פון ערדישן געניס. אַזאַ דערלויבעניש האָט אים גאָט דער האַר געגעבן. ער זאָגט צו מעפיסטאָפעלן:

צי יענעם גייסט פון הויכן אור-קוואַל אָפּ
און פיר אים, אויב דו קענסט אים פּאַקן,
אין דיינע דרכים טיף אַראָפּ
און שטיי פאַרשעמט, ווען מודה זיין דו מוזט:
דעם גוטן מענטשן איז דער רעכטער וועג
אין זיין נאָך טונקעלן דראַנג באַוווסט.

אַ פרומער מחבר פון די אַלטע דורות וואָלט גאָר אויפן זין נישט געקאָנט אַרויף דער געדאַנק, גאָט זאָל געבן זיין הסכמה צו אַזאַ נסיון, ווו דער צדיק וועט זיך דאַרפן אויס-ווייקן אין אַלע תענוגי עולם הזה און באַגיין די ערגסטע עבירות און פאַרברעכנס אין דער וועלט, און דאָס אַלץ זאָל אים דערנאָכדעם געשענקט ווערן בלויז דערפאַר, וואָס ער וועט פאָלגן זיין אייגענעם טונקעלן דראַנג און וועט זיך ווידער אַרויפרייסן אויף דעם רעכטן וועג, וועלכער פיו ט צוריק צו זיין הויכן שורש און אורקוואַל.

אָבער געטעס גאָט איז דער אויפגעקלערטער גאָט פון דעם אכצנטן יאָרהונדערט, — מיט אַ ספעציעל-געטעשן פירוש

אויף אים: ער האָט נישט קיין „עשרת-הדברות" און קיין שלחן-ערוך; ער ווייס נישט פון מצוות און עבירות, אפילו נישט פון גוטע מדות און שלעכטע, פון רעכטשאַפנקייטן און צולאָזנקייטן; אפילו נישט פון דער געוויינלעכער מאָראַלישער איינטיילונג אין „גוט" און „שלעכט".

זיין מאָראַלישע אָפּשאַצונג ווערט געמאַכט לויט אַ גאַנץ אַנדער מאָסשטאַב: „הויך" און „נידעריק". און דערביי קוקט ער נישט אויף דעם מענטשנס מעשים, אפילו נישט אויף די צייטווייליקע אינעווייניקסטע מאָטיוון פון אַזעלכע מעשים. ער ווייס, אַז „עס בלאָנדזשעט דער מענטש, אַזוי לאַנג, ווי ער שטרעבט". ער נעמט דעריבער דעם מענטשן, ווי איין גאַנצע זאַך, ווי אַ כאַראַקטער, ווי אַ פּערזענלעכקייט. און אינטערעסירן אינטערעסירט אים דאָס, — וואָס פאַר אַ מין מענטש דאָס איז, צו וואָס שטרעבט דער מענטש אין זיין טונקעלן דראַנג: צו עפּעס „הויך" אָדער עפּעס „נידעריק"?

דערפאַר אַרן דעם אויבערשטן נישט די אַלע אומגע-הויערע פאַרברעכנס און די אַלע שמוציקע זומפּן, אין וועלכע מעפיסטאָפעלעס וועט אַריינשלעפּן פאַוסטס נשמה: אויב פאַוסט איז נאָר אַ „גוטער מענטש", — און אין דעם צווייפלט נישט דער רבונו של עולם,—וועט אים שוין זיין „טונקעלער דראַנג" ווידער אַרויסטראָגן אויף דעם רעכטן וועג.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ענדיקט זיך דער נסיון אין ביידע ווערק מיט דעם פולן טריאומף פון דעם מענטשן איבער זיין „שטן מקטרג".

אָבער נישט נאָר אין דער פאַבל, אויך אין דעם אינ-האַלט פון די געדאַנקען, וועלכע איוב און פאַוסט אַנט-וויקלען אין זייערע רייד, האָט די רייכע פאַוסט-ליטעראַטור אַרויס-געפונען אייניקע זייער אינטערעסאַנטע אַנאַלאָגיעס און אינע-ווייניקסטע קרובהשאַפטן.

איך וועל דאָ אין גאַנצן לאָזן אָן אַ זייט יענע פּירושים וואָס ווילן באַווייזן, אַז איוב און פאַוסט זענען נאָענט איינער

צו דעם אַנדערן, לויט זייער פילאָזאָפישער וועלט אָנשויאונג; דערהויפּט יענע פּרוּוון, וואָס ווילן אַריינפּלפּילן אין איובס רייד דעם העראַקליטישן פּאַנטעאיזם, מיט וועלכן געטעס ווערק איז באמת איינגאַנצן דורכגעזאַפּט: איך האַלט דאָס פאַר אַ צו ווייטלויפיקער השערה.

דערפאַר וואַרפן זיך באמת אין די אויגן די פּעסימיסטישע קלאָגן, וואָס געפינען זיך ביי ביידן. — „קצתי בחיי!" „מיין לעבן איז מיר פאַרהאַסט!" איז זייער ביידנס אויסגעשריי, — ווי אויך זייער ביידנס סקעפּטיציזם, ביידנס פאַרצווייפלונג, אַריינצודרינגען מיטן שכל אין די סודות פון דער נאַטור.

פאַוסט באַקלאָגט זיך פאַר מעפיסטאָפעלן:

אין קאַלטע אַנגסטן שטיי איך יעדן מאָרגן אויף,
עס ווילט זיך מיר מיט ביט'רע טרערן וויינען.
צו זען אַ טאָג פאַר זיך, וואָס אין זיין גאַנצן לויף
קיין איינציקן ווונש דערפילן מיר קיין איינעם...
איז מיר דאָס זיין געוואָרן ווי אַ לאַסט,
דער טויט — אַ ווונש; דאָס לעבן זי מיר פאַרהאַסט.

נאָך טיפער איידער פאַוסט, אַ סך אַלגעמיינער, אַרומנעמענדיקער, יעדעס מענטשלעכע לעבן אויף דער וואָג געלייגט קריטיקירט איוב דעם גורל פון דעם מענטשן:

דער מענטש, פון אַ ווייב געבאָרן,
קורץ אין טעג און זאַט מיט שווערן אומרו!
ווי אַ בלום, גייט ער אויף און פאַרוועלקט;
ווי אַ שאָטן פאַרפליט ער און האָט קיין באַשטאַנד.

אַזוי הויבט זיך אָן דער באַרימטער פערצנטער קאַפּיטל

פון איוב. — די קווינטעסענץ פון דעם מענטשנס קלאָג אויף זיין מזל, — וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

נאָר איבער זיין לייב טוט אים וויי
און איבער זיין נשמה איז ער פאַרטרויערט.

עס זענען נאָך דאָ אַ סך שטעלן אין ביידע ווערק, ווי דער צער איבער דעם מענטשלעכן לעבן געפינט אַ טיפן פּאַטעטישן אויסדרוק. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צוצורעכענען „איוב" און „פאַוסט" צו דער פּעסימיסטישער ליטעראַטור.

פאַרגעסן מיר נישט: פאַוסטס פּעסימיזם טרעט אַרויס נאָר אין די ערשטע סצענעס פון דער טראַגעדיע און הענגט ווי אַ וואָלקן פון טרויער נאָר איבער דעם ערשטן טייל. שוין אין דעם אָנהויב פון דעם צווייטן טייל געפינען מיר פאַוסטן אין אַ סך אַ מילדערער שטימונג. און אָט די מילדערע, לעבנספריינטלעכערע שטימונג האַלט ביי אים אין איין אָנ־וואַקסן. קיין איין ביטער וואָרט ווערט פון אים נישט אַרויס־געזאָגט ביז צום סוף פון זיין לעבן. און שטאַרבן שטאַרבט ער אין אַ גליענדיקן אויסגעשריי פון פרייד, ווייל ער האָט ענדלעך געפונען דאָס, צו וואָס ער האָט זיין גאַנצן לעבן געשטרעבט — דעם מאָמענט פון דעם העכסטן גליק.

צורעכענען „פאַוסט" צו דער פּעסימיסטישער ליטעראַטור קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען בלייבט שטיין,—ווי דאָס ווערט געטאָן דאָס רוב, — ביי דעם ערשטן, טיף טראַגישן טייל פון דעם ווערק. קוים באַטראַכט מען אָבער ביידע טיילן, ווי איין גאַנצעס, — און ביי געטען זענען דאָך ביידע טיילן געווען צונויפגעשמאָלצן אין איין געדאַנק, — אַזוי ווערט איינעם קלאָר, אַז מיט זיין ווערק האָט געטע געוואָלט נישט פאַרשטאַרקן דעם פּעסימיזם, נאָר געבן אַן ענטפער אויף אים, פאַרמאַכן אים זיין מויל.

אויך איובס פּעסימיזם ווערט לסוף, — אָן אַ ברעקל

קלאָר-לאָגישן טעם, — צוגאַנגען אין די שטראַלן פון מענטש-לעכן גליק און קינדישער איבערגעגעבנקייט צו גאָטס השגחה. ווי אין דעם צווייטן גרויסן פעסימיסטישן ווערק פון דעם יידישן פאָלק – „קהלת", ווערט די שאלה וועגן גורל פון דעם מענטש-לעכן לעבן אויך אין „איוב" נישט פאַרענטפערט, נאָר אָפּגע-שטופּט אָן אַ זייט דורך דער גרעסערער שאלה וועגן גאָט און אַ רעליגיעז לעבן, און עס ווייזט אויס, אַז ביידע ווערק נעמען אויף דעם אמת פון דעם פעסימיזם, ווי אַ נויטווענ-דיקן באַשטאַנדטייל פון אַ טיף-רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג, אַ וועלטאַנשויאונג, וואָס איז אין איר לעצטן רעזולטאַט אָפּ-טימיסטיש, פול מיט לעבנס-לוסט און אינעווייניקסטער צו-פרידנקייט.

מיט אַ סך מער רעכט קאָן מען אונזערע ביידע פּאָעמעס צושרייבן צו דער סקעפּטישער ריכטונג פון דעם מענטש-לעכן געדאַנק, דערהויפּט, ווען מען זאָל די „סקעפּטיק" פאַר-שטיין אין אַ גאַנץ ברייטן זין פון דעם וואָרט און אָנרופן מיט איר אַלע יענע שטרעמונגען אין דעם מענטשלעכן דענקען, וואָס זענען זיך מיאש אין דעם מענטשלעכן שכל, וואָס באַצווייפלען זיין מאַכט אַריינצובליקן אין די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער נאַטור, און האַלטן דעריבער ווייניק וואָס פון דער גאַנצער וויסנשאַפט און דער גאַנצער „קלוגשאַפנקייט" („חכמה").

אין דעם פּרט בלייבן „פאַוסט" און „איוב" אויסגעהאַלטן פון אָנהויב ביזן סוף.

איוב רעכנט אויס די גרויסע גבורות, וואָס דער מענטש-לעכער גייסט האָט באַוויזן:

ס'איז דאָ אַ געפינ-אָרט פאַר זילבער,
אַן אָרט, ווו מען רייניקט אָפּ גאָלד;
פון דער ערד ציט מען אייזן אַרויס,
פון שטיין ווערט געשמאָלצן מעטאַל.

אַ סוף צו דעם חושך געמאַכט...
פון דר׳ערד ווערט אויך ברויט אונז געצויגן;
דעם סאַפיר געפונען אין שטיין,
געמישט מיט אַ גילדערנעם שטויב
אויף אַ וועג, וואָס אים קאָן נישט דער אָדלער...
אַרויף מיט די וואָרצלען די בערג אומגעקערט.
אין שטיינער געהאַקט אַ טונעל...
די קוואַלן פון שטראָמען דורכפאָרשט...

(איוב, כח.)

אָבער די אַלע קענטענישן און טריאומפן פון דעם מענטשנס שכל איבער דער נאַטור, באַפרידיקן איובן נישט. ער וויל האָבן די „קלוגשאַפנקייט", יענע „חכמה", מיט וועלכער גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, דורך וועלכער זי ווערט צו־נויפגעהאַלטן... און ער פרעגט:

„די חכמה, וווּ זאָל מען זי זוכן?
און וווּ איז דער אָרט פון דערקענען?
קיין מענטש קאָן צו זיי נישט געפינען דעם וועג...
דער תּהום זאָגט: „ביי מיר איז נישטאָ זי!"
דער ים זאָגט: „נישטאָ אויך ביי מיר!".
די חכמה! פון וואַנ׳ טוט זי קומען?
און וווּ איז דער אָרט פון דערקענען?...
נאָר גאָט ווייס דעם וועג צו דער חכמה.
נאָר ער ווייס, וווּ זי צו געפינען.

גאָט ווייס עס, נאָר ער זאָגט דאָס נישט אויס — איז איובס קלאָג*).

---

*) אַלע איבערזעצונגען פון דעם העברעאישן טעקסט זענען דאָ געמאַכט געוואָרן אין איינקלאַנג מיט דער דייטשישער, קריטיש־וויסנשאַפטלעכער איבערזעצונג פון פראָפ. שטייערנאַגעל אין דער באַרימטער ביבל פון קויטש. לויט די פאָדערונגען פון דער ביבל־קריטיק דאַרפן פון דעם איוב־טעקסט אַרויסגעוואָרפן

פונקט ווי איוב, הויבט אויך פאוסט אָן זיין סקעפּטיש־פּעסימיסטישן מאָנאָלאָג מיט דער אויסרעכענונג פון אַלע וויסנ־שאַפטן, וועלכע זיין צייט האָט אַרויסגעבראַכט און וועלכע ער האָט אַריינגענומען אין זיך, און ער ענדיקט מיט די ווערטער:

דאַ שטעה איך נון, איך אַרמער טהאָר
און בין זאָ קלוג, אַלס ווי צופאָר!

די צייט, אין וועלכער פאוסט האָט, לויט דער לעגענדע, געלעבט, — און וועלכע אויך געטע האָט אין זין אין זיין ווערק, — איז די צייט, ווען די סכאָלאַסטישע וויסנשאַפט, וואָס איז געווען אויפגעבויט אויף אַ געמיש פון קריסטנטום און אַריסטאָטעלעס, האָט גענומען באַנקראָטירן; ווען די נאַטור־וויסנשאַפט האָט זיך גענומען באַפרייען פון דעם סכאָלאַסטישן שולחן־ערוך און האָט אויף אייגענער אחריות, אָן דעם אויטאָ־ריטעט פון די הייליק־געוואָרענע ביכער, זיך אַ לאָז געטאָן צו שטודירן די נאַטור אין דער נאַטור גופא; ווען פּאַראַלעל צו אָט דעם פּראָצעס הויבן אָן שפּראָצן און ווערן אויפ־געבליט מיסטישע, קאַבאַליסטישע און מאַגישע געדאַנקען־בנינים, וואָס ציען צו צו זיך די בעסטע מוחות פון יענע דורות.

פאוסט, ווי יעדער פּראָגרעסיווער גייסט פון זיין דור, ווערט פאַרשכורט פון דער נייער מיסטיק, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. אַריינגעדרונגען אין איר, זיך גייסטיק צונויפגעגאָסן מיט די מיסטישע כוחות, וואָס באַהערשן דעם וועלטאַל, באַ־מערקט ער ערשט רעכט, ווי קליינגעוואַקסן עס איז דער מענטש־לעכער שכל, ער זאָל קאָנען אַרומנעמען דעם גאַנצן שכל, וואָס שטעקט אין דער וועלט.

זיין אויסגעשריי: „וואָ פאַס איך דיך, אומענדלעכע נאַ־

---

וערן א סך שורות, וואָס זענען נישט מער ווי א שפּעטערע פרומע אריינגעשטעלטע(?)
כדי צו פארשטאָפן איובס לעסטערנדיק מויל.

טור״? — האָט דעריבער אין זיך דעמזעלביקן יאוש־טאָן, ווי איובס: „והחכמה מאין תמצא?״

ווי געזאָגט: אויב מען זאָל דעם סקעפּטיציזם פאַרשטיין אין אַ זייער ברייטן זין פון דעם וואָרט און אַריינגעמען אין אים אַלע שטרעמונגען, וואָס גלויבן נישט אין דעם מענטשלעכן שכל און פאַרמינערן דעם ווערט פון דער ריין־וויסנשאַפט־לעכער דערקענטעניש, דעמאָלט קאָן מען מיט אַ געוויסן רעכט אַריינשטעלן „איוב״ און „פאַוסט״ אין דעם צייל פון די „סקעפּ־טישע דראַמעס״.

דאָס האָבן אויך אייניקע געטאָן. איך רעכן אָבער, אַז מען טאָר נישט גיין אַזוי ווייט. דעם סקעפּטיציזם דאַרף מען נעמען אין אַן ענגערן און פּינקטלעכערן זין. דער סקעפּטיקער דאַרף באַצווייפלען נישט נאָר די מאַכט פון דעם מענטשלעכן שכל אין דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, נאָר איבערהויבט די מאַכט פון דעם מענטשן אויסצוגעפינען עפּעס זיכערס וועגן דער וועלט; מיטן שכל אָדער מיטן אויבערשכל, אָדער מיט דער מיסטישער התלהבות אָדער, לאָמיר זאָגן, דער „אינעווייניקסטער אינטואיציע״, ווי דאָס וויל איצטער טאָן בערגסאָן.

קיינער וועט . ש צורעכענען בערגסאָנען, ווי אויך אַלע גרויסע מיסטיקער און פילאָזאָפן, וואָס האָבן חוזק געמאַכט פון דעם מענטשלעכן קלאָרן פאַרשטאַנד, צו די סקעפּטיקער. זיי זענען אַלע פּונקט דער היפך פון סקעפּטיציזם: זיי זענען דאָגמאַטיקער. זיי גלויבן אין אַן אַבסאָלוטן אמת, וועלכן זיי געפינען אויס (אָדער מיינען, אַז זיי געפינען אויס) אויף אַן אַנדער וועג, איידער דעם וועג פון דעם מענטש־לעכן שכל.

לויט אָט דעם פּינקטלעכערן בליק אויף דעם מהות פון סקעפּטיציזם, זענען איוב און פאַוסט אין תוך אַריין אַקוראַט אַזוי ווייניק סקעפּטיקער, ווי ווייניק זיי זענען פּעסימיסטן.

פאַוסט האָט איינגעזען, אַז מיט דעם שכל און מיט דער

טעאָרעטישער דערקענטעניש בכלל קאָן מען נישט חייט איינ־פאָרן. ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם „בראשית״ פון דעם עוואַנגעליום, וואָס זאָגט, אַז „אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט״, ד. ה. דער „לאָגאָס״, די שכלדיקע מחשבה. ער האָט אויסגעפונען אַן אַנדער „בראשית״, אַן אַנדער אמת וועגן דער וועלט: „אין אָנהויב איז געווען די ט אַ ט !״ — זאָגט פאַוסט.

און בויענדיק אויף דעם אמת, וואָס מאַכט דעם מענטש־לעכן שכל און די וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש פאַר אַ ש פּ ע ט ע ר ע, סעקונדערע און אַ ווייניקער זיכערע זאַך, זאָגט ער זיך אינגאַנצן אָפּ פון אַ לעבן צוליב דענקען, וויסן און דערקענען. די ריין־אינטעלעקטועלע באַטראַכטונגען און הנאות פאַרוואַרפט ער אינגאַנצן און בענקט נאָך ש ט ר ע ב ן, נאָך ט ע ט י ק ײ ט.

פאַוסט איז אין דעם פרט נישט קיין סקעפּטיקער, נאָר אַ פאָרלויפער פון אונזער צייט, מיט איר נייעם געדאַנקענגאַנג, וואָס איז אַזוי פיינטלעך צו דעם שכל הישר.

איוב ווידער איז אַ סקעפּטיקער נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער איז אַ פּעסימיסט, אַזוי לאַנג, ווי עס הערשט אַרום אים די פינסטערע נאַכט, אין וועלכער דער שטן האָט אים אַריינגע־וואָרפן; אַזוי לאַנג, ווי ער קאָן זיך נישט אויסאיינען מיט זיין גאָט, אַנטקעגן וועלכן ער האָט דערקלערט אַ העראָאישן קריג.

קוים אָבער ווערט זיין נאַכט דערלויכטן דורך דער געט־לעכער דערשיינונג, קוים דריקט ער זיך ווידער, מיט קינדלעכן צוטרוי, צו דער פאָטערלעכער ברוסט פון זיין רעליגיעזן גלויבן, אַזוי פאַרפליט אויך זיין סקעפּטיציזם אינאיינעם מיט דעם פּעסימיזם. און אַקוראַט ווי דער יידישער פּעסימיזם ווערט נישט בשום בייגעקומען און אַנידערגעוואָרפן, נאָר ער ווערט איינגעשפּאַנט אין דעם טריאומף־וואָגן פון דעם רעליגיעזן גלויבן, אַזוי פּאַסירט דאָס אויך מיט דעם יידישן סקעפּטיציזם:

ער ווערט נישט אַריבערגעשטיגן, ער ווערט נישט אָפּגעפּרעגט, נאָר אדרבה, ער ווערט אריינגעאַרבעט אין דער סיסטעם פון אַ פרומער גאָט-גלויביקער וועלטאָנשויאונג.

טראַכט נישט און פאָרש נישט וועגן זאַכן, וואָס זענען העכער פאַר דיין שכל. דיין שכל וועט סיי ווי סיי גאָרנישט אויסגעפינען. טראַכט נישט וועגן זיי און האָב בטחון אין גאָט, דיין גאָט, — אָט דאָס איז דער זין פון איובס „סקעפּטיציזם". אויב מען קאָן דאָס איבערהויפּט אָנרופן מיט יענעם גרויסן און שווערוואָגיקן נאָמען.

ווי טיף עס זאָל נישט זיין דער באַטייט פון אָט די אַלע פּאַראַלעלן, שייכותן און קרובהשאַפטן, וואָס מיר האָבן ביז אהער באַרירט אין „איוב" און „פאַוסט", ליגן זיי דאָך נישט אַזוי טיף, זיי זאָלן דערגרייכן ביז צו דעם גרונט פוןביידע ווערק, ביז צו יענער אינעווייניקסטער איינהייטלעכער א י ד י י ע, וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין זיי.

און ווען איך רעד וועגן אַן איינהייטלעכער אידייע פון אַ וועלכן-עס-איז ווערק, מיין איך נישט דווקא יענעם קלאָרן געדאַנק, וועלכן דער מחבר האָט געוואָלט אַרויסברענגען דורך זיין שאַפן. איך האָב דאָ אין זין מער יענעם געדאַנק, וואָס האָט זיך אַליין אַרויסגעבראַכט אין דעם ווערק, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט, ווי זיין לאָגישער תּמצית, אַלץ איינס, צי דער מחבר האָט געוווסט פון אים, אָדער נישט; אַלץ איינס אַפילו, צי דער מחבר איז מסכּים מיט אים, אָדער נישט.

יעדעס גרויסע דיכטער-ווערק האָט אַזאַ אינעווייניקסטן לאָגישן תּמצית אין זיך, ווייל יעדער גרויסער דיכטער איז אין דערזעלביקער צייט אַ גרויסער דענקער, צי ער ווייס דערפון אָדער נישט. אַזאַ אינעווייניקסטע אידייע האָבן אויך „איוב" און „פאַוסט", און ווען מען גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן דין-וחשבון וועגן די גרונט-אידייען פון ביידע ווערק, קומט מען צו דעם איבעררעשנדיקן באַשלוס, אַז זיי, — די גרונט-אידייען, מיין איך, — שטייען אין אַ טיפער ענגער שייכות

איינע צו דער אַנדערער. נאָך מער: אַז זיי ביידע זענען איין אידייע; אָדער ריכטיקער: זיי געהערן איינע צו דער אַנדערער, ווי צוויי זייטן פון איין־און־דעמזעלביקן פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם ווערט פאַרענטפערט — אין אַ טיפערערן זין אויף איין־און־דעמזעלביקן שטייגער.

און דער ענטפער איז אַזאַ, אַז ער צווינגט אונז נאָך אַמאָל צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער וויכטיקסטער פון אַלע פילאָזאָפישע פראַגן: וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן; צו פאַרטראַכטן זיך און צו פרעגן זיך: אפשר ליגט דער ענטפער אויף דער שאלה פּאָרט אויף יענער ליניע, וואָס ווערט אָנגעטייט אין די גרונט־אידייען פון „איוב" און „פאַוסט".

פון דעם אויבנאויף געזען, איז דאָס פּראָבלעם, אַרום וועלכן ביידע ווערק דרייען זיך, ווי אַרום זייער אַקס, — די אַלטע, אַלטע שאלה פון צדיק ורע לו, רשע וטוב לו. פאַרוואָס איז דעם גערעכטן אַזוי שווער צו לעבן אויף דער וועלט? פאַרוואָס האָט ער אויסצושטיין אַזעלכע יסורים? און פאַרוואָס איז דעם רשע אַזוי גוט אויף דער וועלט? פאַרוואָס קומט אים אַזוי פיל גליק?

די ביידע ווערק טיילן זיך איין מיט די צוויי זייטן פון דעם פּראָבלעם. „איוב" האָט צו טאָן מיט דעם צדיק, וואָס ליידט, „פאַוסט" — מיט דעם רשע, וואָס באָדט זיך אין אַלע פאַרגעניגנס.

אָבער דאָס איז נאָר דער אויבנאויף. די גרונט־אידייען זייערע פאַרטיפן דאָס פּראָבלעם, ברענגען עס אַריין אין יענע עולמות פון געדאַנק, ווו עס פאַרשווינדט דער חלוק צווישן „צדיק" און „רשע", ווו אָנשטאָט ביידן טרעט אַרויס דער מענטש מיט זיינע ליידן און זיינע פריידן. און געפרעגט ווערט דערביי וועגן דעם זין פון די ליידן, וועגן דעם זין פון דעם גליק, ד. ה. אין דער לעצטער שורה: וועגן דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן.

פדי בעסער אַרויסצוברענגען אָט די האַרמאָנישע איינ־הייט, וועלכע יענע גרונט־אידייען האָבן אין זיך, מוזן מיר זיך אַביסל נענטער צוקוקן צוביידע ווערק. מיר הויבן אָן מיט „פאַוסט".

II

איוב איז דער צדיק. איז אָבער פאַוסט דער רשע? אין דער פאָלקס־לעגענדע, וועלכע געטע האָט איבערגעאַרבעט אין זיין ווערק, איז פאַוסט גאַנץ זיכער דער טיפ פון אַ צעלאָזע־נעם אויסוואורף און שאַרלאַטאַן.

איינער אַ דאָקטאָר פאַוסט, — אַזוי דערציילט די לע־גענדע, — האָט זיך גענומען באַשעפטיקן מיט כישוף און מאַגיע און איז אַריינגעטראָטן אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דעם בעל־דבר אַליין, מיט מעפיסטאָפעלן, דעם אויבערהאַר פון די טייוואָלים.

מעפיסטאָפעל שלאָגט אים פאָר, ער זאָל אים פאַרקויפן זיין נשמה נאָכן טויט און דערפאַר וועט ער, מעפיסטאָפעל, באַ־פרידיקן אַלע זיינע פאַרלאַנגען, כל זמן פאַוסט וועט לעבן.

פאַוסט נעמט אָן. דער אָפּמאַך ווערט אונטערגעשריבן מיט פאַוסטס בלוט, און ס'הויבט זיך פאַר אים אָן אַ סדרה פון אַ ברויזנדיקן, לוסטיקן לעבן. אַלץ וואָס אים ווילט זיך, ווערט באַשאַפן דורך מעפיסטאָס איבערנאַטירלעכער מאַכט.

האָט זיך פאַוסטן פאַרוואָלט גאָר אַ קלייניקייט: דווקא וויל ער האָבן די „שיינע העלענאַ", — יענע באַרימט ווייבל, צוליב וועלכן אַזוי פיל אַלט־גריכישע מלכים האָבן זיך גע־שלאָגן, צוליב וועלכן די שטאָט טראָיאַ איז חרוב געוואָרן: מוז מעפיסטאָ אויספירן פאַוסטס פאַרלאַנג, ברענגען אים פון גיהנום די שיינע העלענא. פאַוסט לעבט מיט איר, און זי גע־בערט אים אַ זון, וואָס ווערט שפּעטער אויך באַרימט ווי אַ דאָקטאָר: דר. פאַוסט דער יינגערער.

און די לעגענדע האָט אַ ראיה, אַז אַלץ, וואָס זי דער־ציילט וועגן דר. פאַוסטס לעבן איז דער ריינער אמת. די ראיה איז -- וואָס אַ סך מענטשן האָבן אַליין מיט זייערע אויגן געזען דר. פאַוסט, דעם יינגערן...

דער סוף פון פאַוסטס לעבן איז אַזאַ, ווי מען האָט גע־דאַרפט דערוואַרטן. זיינע יאָרן גייען אויס און — אויס צו דעם גאַנצן יום־טוב און דעם פריילעכן „הו־האַ״ פון פאַוסטס תענוגים! זיין נשמה איז אויף אייביק אין דער מאַכט פון דעם טייוול, אייביק קאָן זי זיך נישט אויסלייטערן, אייביק מוז זי זיך בראָטן אין דעם שטינקנדיקן פייער פון ברענענדיקן פעך און שוועבל...

די טענדענץ פון דער פאָלקס־לעגענדע איז אַן איינפאַכע און אַ קלאָרע: דער רשע פאַוסט איז נישט נאָר אַ רשע, נאָר אַ גרויסער שוטה. פאַר אַ פּאָר מאָמענטן קערפּערלעכן תענוג (וויפיל געדויערט אַ מענטשלעך לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט?) האָט ער זיך איינגעהאַנדלט אַן אייביקייט פון אומבאַשרייבלעכע ליידן (אַן אייביקייט!). די גוטס, וואָס דער רשע האָט אויף דער וועלט, איז דעריבער נישט מער ווי אַ וואָלקן, וואָס פאַר־פליט, און עס איז אים נישטאָ וואָס מקנא צו זיין.

דער ענטפער, וואָס די פאָלקס־לעגענדע גיט אויף דעם פּראָבלעם פון „רשע וטוב לו״ קאָן צופרידנשטעלן דאָס רע־ליגיעזע באַוווסטזיין פון אַ געוויסער צייט. אַ דאַנק דער אידייע פון אַ יענער וועלט, פון אַן אייביק לעבן נאָכן טויט, פון אַ גיהנום פאַר די רשעים און אַ גן־עדן פאַר די צדיקים, ווערט געראַטעוועט דער גלויבן אין גאָטס אַבסאָלוטער גערעכטי־קייט: נישט אומזיסט האָט קאַנט שפּעטער געלערנט, אַז דער גאַנצער גלויבן אין גאָט קאָן נישט זיין קיין פּראָדוקט פון דעם מענטשנס קלאָרן שכל, נאָר איז — אין זיין טיפסטן תוך אַריין — אַ פאָדערונג, אַ „פּאָסטולאַט״ פון דעם מענטשנס ווילן, וואָס בענקט אייביק נאָך אייביקן יושר.

על־כל־פנים איז פאַוסט אין דער לעגענדע — אַן אויס־

בונד פון אַלדאָס־בייז, דער בולטסטער טיפּ פון אַן עכטן רשע — און מיר מוזן באַזונדערן יענע אינטערעסאַנטע אידייען־אַסאָציאַציעס ביי געטען, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז די געשטאַלט פון דעם רשע פאַוסט זאָל זיך ביי אים אָנהויבן צונויפגיסן מיט דער געשטאַלט פון זיין קעגנזאַץ, דעם צדיק איוב, איידער ער האָט געקאָנט זיך נעמען פאַר דער אויס־אַרבעטונג פון זיין געניאַלן ווערק.

וואָס איז געוואָרן פון דעם רשע פאַוסט אין געטעס באַאַרבעטונג? ווער און וואָס איז געטעס פאַוסט?

אין דעם ווערק גופא האָבן מיר פאַרשיידענע אָפּשאַצונגען פון פאַוסטס מהות און מענטשלעכן ווערט. דאָס איז ערשטנס גאָטס מיינונג וועגן אים; דאָס איז, צווייטנס, מעפיסטאָ־פעלס בליק אויף אים; דערנאָך קומט, דריטנס, פאַוסטס אייגענע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק און זעלבסט־קריטיק.

אין גאָטס אויגן איז פאַוסט אַ „גוטער מענטש", „גאָטס אַ קנעכט". ער באַטראַכט אים נישט פאַר אַן אויסנאַם, ווי ער האָט אַמאָל באַטראַכט איובן. ער איז דער מענטש, מיט זיינע מעלות און חסרונות, גראָד אַזאַ, ווי ער, דער רבונו־של־עולם, האָט אים געוואָלט באַשאַפן: געוויס, אין קיין פאַל נישט, חלילה, קיין רשע: גיכער אַ צדיק, איינער פון די בעסטע אין דעם מענטשלעכן מין.

מעפיסטאָפעל, דער ענגער, איינזייטיקער מענטשן־פיינט, פאַרשטייט נישט פאַוסטן און פאַרוויקלט זיך אין ווידערשפּרוכן וועגן אים. טריי זיין אַלטן בליק אויף דער עגאָאיסטי־שער און געמיינער נאַטור פון דעם מענטשן (עור בעד עור"!), קאָן ער אויך אין פאַוסטן נישט דערבליקן קיין אַנ־דער זאַך, ווי נאָר אַ בריאה, וואָס יאָגט זיך נאָך איר אייגע־נער הנאה. מער נישט ביי פאַוסטן זענען די הנאות אַנדערע, פאַרפיינערטע, און די אַפּעטיטן זענען שטאַרקערע, גרעסערע, אַ סך שווערערע צו באַפרידיקן. „באמנות, דינען טוט ער אייך נאָר אויף אַ באַזונדער אַרט", זאָגט ער דעם רבונו־של־עולם.

ניש ערדיש איז דעם שוטהס שפייז און טרונק.
עס טרייבט אים אין די ווייט זיין גערן,
זיין פירוש איז אים האַלב באַוווּסט:
פון הימל פאָדערט ער די שענסטע שטערן
און פון דער ערד יעטוועדע העכסטע לוסט,
און יעדעס נאָנט, יעדע ווייט
באַפרידיקט נישט זיין טיף־באַוועגטע ברוסט..."

די בענקשאַפט נאָך די שענסטע שטערן פון דעם הימל, נאָך יעטוועדער העכסטער לוסט פון דער ערד, — דאָס זענען גענוג קלאָרע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ העכערן גענוס־מענטשן, פון אַן איידעלערן בעל־תאווה און בעל־תענוג, וועמענס דורשט נאָך אַלץ פיינערע און דינערע הנאות עס איז שווער צו שטילן.

און דאָך מוז מעפיסטאָ, אין ווידערשפּרוך צו זיך גופא, מודה זיין, אַז נישט ערדיש איז די שפייז פון פאַוסטס נשמה. אין זיין ענגער איינזייטיקייט (טייוואָלים און מלאכים זענען אַלע מאָל איינזייטיק: נאָר גאָט און דער מענטש קאָנען זען די ביידע זייטן פון אַ זאַך!) — אין זיין ענגער איינזייטיקייט, זאָג איך, פאַרשטייט נישט מעפיסטאָ פאַוסטן. און דעריבער איז פאַוסט אין זיינע אויגן — דער שוטה! אַ גענוס־מענטש און אַ נאַר דערצו.

איצטער — ווי קוקט פאַוסט אויף זיך אַליין?

מיר האָבן פאַר אונז די באַרימטע שטעל פון זיין אייגענעם ווידוי, די פיל און אָפט ציטירטע פערזן וועגן די „צוויי־זעלן" אין איין ברוסט.

צוויי נשמות וווינען, אַך! ביי מיר אין ברוסט
און איינע וויל זיך פון דער אַנדערער שיידן:
די איינע הענגט זיך אָן אין ליבע־לוסט
אָן דער וועלט מיט גראָב־זינלעכע מחשבות,
די אַנדערע הויבט זיך אויף געוואַלטזאַם פון דעם שטויב
צו די דערהויכטע ספערן פון די אבות.

הייסט עס: פאַוסט קוקט אויף זיך, ווי אויף אַ מענטש, וואָס איז אין זיך גופא דואַליסטיש געשפּאָלטן. ער איז האַלב-צדיק, האַלב-רשע; אַ געמיש פון „גוט" און „שלעכט".

דאָס רוב — אויב נישט אַלע — פאָרשער נעמען אָן, אַז דאָס איז אויך געטעט אויפפאַסונג פון פאַוסטס פּסיכאָלאָגישן מהות. פאַוסט איז דער פּראָטאָטיפּ פון דעם מענטשן בכלל. און יעדער מענטש איז אין זיך גופא אַ געשפּאָלטענע זאַך, אַ „ויתרוצצו" צווישן „הויך" און „נידעריק". אין פאַוסטן האָט זיך אָט דער שטריך פאַרקערפּערט אַמבולטסטן און קלאָרסטן. דעריבער רעדט מען אָפט וועגן מענטשן פון אָט דעם טיפּ, ווי וועגן „פאַוסט-נאַטורן".

מיר דוכט, אַז דאָס רוב — אויב נישט אַלע — פאָרשער מאַכן דאָ אַ גרויסן טעות; אַז אַלע, וואָס שטייען אָט אויף דעם שטאַנדפּונקט, לאָזן אַרויס פון אויג אייניקע העכסט-אינטערעסאַנטע שטריכן, וועלכע געטע האָט פאַר נויטיק אַריינצוּוועבן אין דער שילדערונג פון פאַוסטס כאַראַקטער און וואָס שטעלן אים אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדער באַלייכטונג. דורך דעם גופא ווערט אויך געוואָרפן אַ גאַנץ אַנדער ליכט-שטראַל אויף געטעס באַגריף וועגן דעם מהות-מענטש בכלל.

לאָמיר זיך באַקאָנען מיט יענע העכסט-וויכטיקע כאַראַקטער-שטריכן.

פאַוסט, אַ גרייז-גראָער באַרימטער געלערנטער, האָט איינמאָל, אין אַן ערב קריסטלעכן פּסח, דורכגעלעבט אַ שרעקלעך-שווערע נאַכט פון יאוש און צער. ער האָט געמאַכט דעם חשבון פון זיין גאַנצן לעבן און געפונען, אַז ער איז באַנקראָט, אַז „קיין הונט וואָלט נישט געוואָלט אַזוי נאָך ווייטער לעבן". אייניקע פּרוּוון צו ראַטעווען זיך מיט דער הילף פון אַ מיסטישער וועלטאָנשויאונג גיבן זיך אים נישט איין, און ער באַשליסט שוין צו נעמען סם, ערשט די קירכן-גלאָקן הויבן אָן פריידיק צו קלינגען, אָנזאָגנדיק דער וועלט דעם תחית-המתים פון דעם קריסטלעכן משיח.

אָט די אומדערוואַרטעטע דערינערונג אָן דער קריסט־לעכער לעגענדע, — פאַוסט ווייס, אַז דאָס איז אַ לעגענדע, — טריפט אַריין אַביסל רו אין זיין געמיט. דער שרעקלעכער אָנגעשפּאַנטער יאוש לאָזט אָפּ, און ער בלייבט דערווײַלע בײַם לעבן.

נאָך מיטן טויט אין זיין האַרצן, גייט ער אַרויס אויף מאָרגן מיט זיין תּלמיד אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן, צווישן דעם פרייילעכן עולם פון שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער.

און אומעטום, ווו ער גייט דורך, ווערט ער באַגעגנט מיט דעם גרעסטן רעספּעקט און דער טיפסטער ליבע. אַלטע פויערים דערמאָנען אים די צייט פון דער גרויסער מגפה, ווען ער, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, פלעגט אומגיין מיט זיין פאָטער, דעם ראָפא, פון איין חולה צו דעם אַנדערן, כּדי צו העלפן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער שרעקלעכער חולאת.

פאַוסט דערמאָנט זיך דאָס און דערמאָנט זיך נאָך אַ קליינעם עפּיזאָד, פון זיין יענער יוגנט־צייט: דער פריינטלע־כער לויב פון די פויערים שניידט אים אין דער נשמה. ער זאָגט צו זיין תּלמיד:

נאָך איין פּאָר שריט אַרויף צו יענעם שטיין,
מיר וועלן דאָרט אַביסל רוען פון דעם גאַנג.
ווי אָפט בין איך געזעסן דאָרט. פאַרזונקען אין
גערדאַנק,
מיט תּפילות און תּעניתים האָב געפּייניקט מיך אַליין;
אין האָפנונג רייך, אין גלויבן פעסט,
מיט טרערן, זיפצן, טיפן צער,
האָב איך געוואָלט אַרויסרייסן פון גאָט, דעם האַר,
דעם סוף פון יענער פּעסט.

אָט דער קליינער עפּיזאָד פון זיין יוגנט־צייט מאָלט אונז דעם יונגן פאַוסטן נישט ווי אַ „ויתרוצצו"־מענטשן, נאָר ווי

אַ ריינעם, גאַנצן אַלטרואיסט און אידעאַליסט, אָן אַ שום פּגימהלע. און וואָס אויפמערקזאַמער מיר לייענען זיך אַריין אין פאַוסטס רייד, איידער ער האָט זיך איבערגעגעבן אין דער מאַכט פון דעם טייוול, אַלץ פולער מערן זיך די צייכנס, אַז פאַוסט איז אין זיין ערשטן פּעריאָד געווען אַן אידעאַליסטיש-אַלטרואיסטישע נאַטור פון ריינסטן וואַסער.

דערויף קאָן מען אונז אפשר ענטפערן, אַז זיין איבער-געגעבנקייט צו די אינטערעסן פון דעם אָרעמען פאָלק, — זיינע „טרערן, זיפצן, טיפער צער", זיינע „תפילות און תעניתים", מיט וועלכע ער האָט זיך געפּייניקט אין דער יוגנט, כדי אָפּ-צושטעלן די מגפה, איז נאָך קיין באַווייז נישט פאַר אונזער באַהויפּטונג; מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פאַוסט איז געווען קודם כל אַ „פאַוסט-נאַטור", אַ מענטש מיט אַ צעשפּאָלטענעם מהות, אַ מענטש, וואָס „צוויי נשמות וווינען, אַך! ביי אים אין ברוסט".

וואָס איז דען דער חדוש, וואָס אין זיין לעבן און אין זיין כאַראַקטער געפינען זיך שטריכן פון דער העכערער נשמה, פון דער, וואָס „הויבט זיך אויף געוואַלטזאַם פון דעם שטויב צו די דערהויכטע ספערן פון די אבות?" די שאלה איז, צי איז נישט אין דערזעלביקער יוגנט-צייט געווען טעטיק אין אים אויך די אַנדערע נשמה, אָט די, „וואָס הענגט זיך אָן אין ליבע-לוסט אָן דער וועלט מיט גראָב-זינלעכע מחשבות"? —

מיר מוזן וועגן דעם זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ווען איך רעד וועגן אַ אידעאַליסטיש-אַלטרואיסטישער נאַטור אַפילו פון „ריינסטן" וואַסער, האָב איך נישט אין זינען דעם אַסקעט, דעם גוף-פּייניקער און גלות-אָפּריכטער, וואָס באַטראַכט זיין חומר פאַר אַן אייביקן שונא, וועמען מען דאַרף נישט נאָר האַלטן אין צוים, נאָר כסדר האַלטן אין איין ברעכן די ביינער.

די פאַראַכטונג צו דעם מענטשלעכן גוף און צו זיינע נאַטירלעכע באַדערפענישן געהער בשום אופן נישט צו דעם

אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות. מען קאָן זיין דער גרעס-טער אידעאַליסט פון דעם „ריינסטן" וואַסער און דאָך האָלד האָבן, זאָגן מיר, פרישע שוועמלעך, געפּרעגלט אין זויער-שמאַנט און פּוטער, און זיך קיינמאָל נישט לאָזן בעטן, ווען אַזאַ מאכל שטייט אויפן טיש.

נבזהדיק ווערט דער מענטש נאַר, ווען ער ווערט אַ זולל וסובא; ווען די „געפּרעגלטע שוועמלעך" פאַרנעמען דעם אויבנ-אָן אין זיין נשמה; ווען זיי ווערן דער צענטער פון זיין גע-דאַנק; ווען שבחים ווערן געזונגען צוליב זיי.

אין די צוקונפטיקע דורות, וואָס וועלן אַרויסברענגען אַ האַרמאָניע צווישן „גוף" און „נשמה" סיי אין דער פילאָזאָפיע, סיי אין דער מאָראַל, סיי אין דעם פּראַקטישן לעבן, ווען יע-דער מענטש וועט קאָנען פריי, פאַרנונפטיק און אויף אַ מענטש-לעך-חשובן אופן באַפרידיקן זיינע באַדערפעניש, שטילן זיין הונגער, סיי דעם שפייז-הונגער, סיי דעם סעקסועלן, וועט מען אויף דער זולל-וסובאשער עראָטישער ליריק פון דעם ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קוקן מיט דערזעלביקער פאַר-וווּנדערונג און אומפאַרשטענדעניש, מיט וועלכער מיר באַטראַכטן די אַלט-רוימישע זולל-וסובאס, וואָס פלעגן אַריינשפּאַרן זייערע פינגער אין האַלז אַריין, כדי אויסצוברעכן די אָקאָרשט אויפ-געגעסענע סעודה און מאַכן פּלאַץ אין מאָגן פאַר נייע גע-שמאַקע מאכלים.

דערווייל אָבער זענען ליבּ-געזאַנגען צוליב „געפּרעגלטע שוועמלעך" אַ נאַטירלעכע אומפאַרמיידלעכע רעאַקציע אַנטקעגן דעם אַסקעטישן גייסט און דער אַסקעטישער מאָראַל, וואָס האָבן נאָך לאַנג נישט אַרויסגעלאָזן די מענטשהייט פון זייערע נעגל.

און נאָך טיפער זעִען יענע נעגל געזעסן אין לייב און נשמה אין דער צייט, ווען דער מיטלאַלטער מיט זיינע מאָראַ-לישע אידעאַלן האָט גענומען מאַכן פּלאַץ פאַר דער נייער וועלט אָנשויאונג. גראָד אין האַרבסט זענען די פליגן נאָך שטע-

כיקער; גראָד פאַר זייער פאַרשווינדן ווירקן די אָפּגעלעבטע אידייען נאָך פיינלעכער. אפילו אַזאַ אומגעהויער פרייער גייסט ווי פאַוסטס האָט אַנדערש נישט געקאָנט קוקן אויף דער „ליבע-לוסט“ און אויף ד ע ר וועלט, ווי נאָר אויף „גראָב-זינלעכע מחשבות“. די נאַטירלעכע באַדערפענישן און בענקענישן פון זיין גוף האָט ער געמוזט באַטראַכטן ווי א צ ו י י ט ע נ ש מ ה, אַ נידעריקערע, וואָס פירט אַ שטענדיקן קאַמף מיט דער אַנדערער, וואָס „הויבט זיך אויף ג ע ו ו אַ ל ט ז אַ ם פון דעם שטויב צו די דערהויכטע ספערן פון די אבות.“

דע־פון האָט זיך גענומען זיין א י ל ו ז י ע, אַז ער איז אַ צעשפּאָלטענער מענטש מיט צוויי גלייך-שטאַרקע, אָבער פיינטלעכע נשמות אין זיין ברוסט. אין דער אמתן אָבער איז פאַוסט געווען אַן איינהייטלעכער גאַנצער אמתער אידעאַליסט, און אַ חוץ דער ציטירטער זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק, געפינען מיר נישט אין געטעס ווערק, — נישט אין דעם ערשטן, נישט אין דעם צווייטן טייל, — קיין איין ברעקל אָנדייט, וואָס זאָל אונז געבן אַ רעכט צו גלויבן, אַז די „ערדישע“, די גראָב־זינלעכע תענוגים האָבן פאַרנומען אַ וועלכן עס איז באַדייטנדיקן פּלאַץ אין זיין ברוסט. אַדרבה, אַלץ זאָגט אונז, אַז דעם אויבנאָן אירן האָט שטענדיק געהאַלטן דאָס אידעאַ־ליסטישע שטרעבן צו די „דערהויכטע ספערן“ און אַז דער שיין פון אָט דעם שטרעבן האָט זי אָנגעפילט דורך-און־דורך.

ווער עס האָט אין זכרון פאַוסטס יוגנט-דערינערונג וועגן זיינע יסורים בעת דער גרויסער מגפה, יענער וועט זיך לייכט קאָנען פאָרשטעלן, אַז פאַוסט האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם שטודיום פון דער סכאָלאַסטישער וויסנשאַפט נישט נאָר כדי צו שפייזן זיין שכל מיט גייסטיקע הנאות און כדי צו באַ־פרידיקן זיין נאַטירלעכן מענטשלעכן וויסנס־דאָרשט. אין דעם צענטער פון זיינע מאָטיוון איז געוויס געשטאַנען די האָפנונג, אַז ער וועט מיט זיין וויסן קאָנען העלפן זיינע מענטשלעכע מיט-ברידער.

דאָס גייט קלאָר אַרויס פון זיין טיף־טרויעריקן סך־הכּל וועלכן ער מאַכט אויף דער עלטער פון זיין לעבן און זיין וויסן.

די איינציקע גוטע זאַך, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין וויסנשאַפטלעכן דענקען און פאָרשן, איז — וואָס זיי האָבן אים פריי געמאַכט פון אַלערליי אָבערגלויבנס און ספיקות, פון מורא פאַר גיהנום און פאַר שדים. „דערפאַר איז אָבער" באַקלאָגט ער זיך, „יעדע פרייד פון מיר פאַרשוווּנדן."

איך שמועס מיך נישט איין, אַז איך ווייס עפּעס
רעכטס,
ווי מענטשן צו פאַרבעסערן און אָפּ־
ציִען פון שלעכטס.
אויך האָב איך נישט קיין גיטער, נישט קיין געלט
און נישט קיין כּבוד, נישט קיין פּרעכטיקייטן פון
דער וועלט.
קיין הונט וואָלט נישט געוואָלט אַזוי נאָך ווײַטער
לעבן!

„ווי מענטשן צו פאַרבעסערן און אָפּציִען פון שלעכטס!" — אָט דאָס איז געווען פאַוסטס צענטראַל־מאָטיוו אין זיין שטרעבן צו וויסנשאַפט.

באַמערקט דערבײַ דעם „אויך", מיט וועלכן ער רעדט וועגן די פּרעכטיקייטן פון דער וועלט. עס איז אַ נעבן־זאַך. עס וואָלט אפשר געווען גרינגער צו שלעפּן די לאַסט פון לעבן, ווען זיי וואָלטן געווען. — איז אפילו זיי האָט ער אויך נישט.

נאָך בולטער טרעט אַרויס פאַוסטס אידעאַליסטישער כאַ־ראַקטער, בעת ער וואַרפט זיך אַריין שווימען אין דעם גע־היימנישפולן ים פון דער מיסטיק, בכדי ער זאָל מיט איר הילף

...דערקענען, וואָס עס האַלט צונויף
טיף אינעווייניק די וועלט.

ער דערבליקט אין דעם געהיימנישפולן בוך דעם צייכן פון דעם מאַקראָקאָסמאָס, מיט וועלכן מען קאָן אַרויסרופן דעם גייסט פון דער גאַנצער וועלט. און שוין פאַלט ער אַריין אין אַ יוגנטלעכער התלהבות.

וואָס פאַר אַ תענוג פליסט פון אָט דעם בליק
גאָר פלוצלונג מיר דורך אַלע מיינע זינען ?
איך פיל אַ יונג און הייליק לעבנס-
גליק
ניי-גליענדיק דורך נערוו און אָדערן רינען.

די התלהבות זיינע ביי דעם אָנבליק פון דעם וועלט-גייסט דויערט אָבער נישט לאַנג. באַלד זעט ער איין, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז צו קליין געוואַקסן, ער זאָל קאָנען אַרומנעמען די סודות פון דעם וועלט-גייסט („ווו גרייף איך דיך, אומענדלעכע נאַטור ? !"), און מיט מער פאַרטרויען ווענדט ער זיך צו דעם צייכן פון דעם ערד-גייסט, כדי אַרויסצורופן אים מיט דער הילף פון די נויטיקע השבעות און כוונות.

און ווי נאָר זיין בליק פאַלט אויף דעם צייכן פון דעם ערד-גייסט — אַזוי זאָגט ער:

שוין פיל איך מיינע קרעפטן שטייגן,
שוין גלי איך ווידער ווי פון נייעם וויין.
איך פיל דעם מוט, זיך וואַרפן אין דער וועלט אַריין,
פון דר׳ערד דעם וויי, פון דר׳ערד דאָס גליק
צו טראָגן,
מיט שטורעמס זיך אַרומצושלאָגן...

ווי מען זעט, טראַכט דאָ פאַוסט נישט נאָר וועגן גליק, ער וויל זיך צונויפגיסן מיט דער ערד אוז אירע ענינים.

טראָגן אויף זיך נישט נאָר איר גליק, נאָר אויך איר ווײ.

און ווען אויך דער אַרויפבאַשוואָרענער גייסט פון דער ערד קאָן אים נישט געבן קיין באַפרידיקונג און ער באַשליסט אויף אייביק צו זעגענען זיך מיט דער וועלט, ווערט ער נישט צוגעצויגן צו דעם טויט דורך דעם גרויסן „גאָרנישט”, וואָס דאַרף אים איינשלינגען, דורך דעם געדאַנק פון דער אינדישער „נירוואַנאַ”, וואָס דאַרף מאַכן אַ סוף צו זיין אינדיווידועלער עקזיסטענץ מיט אירע אומענדלעכע ליידן.

פאַוסט גלויבט אין אומשטערבלעכקייט: נישט אין דער רעליגיעזער, מיט איר גיהנום און גן-עדן, ער גלויבט אין אַ נייער מין עקזיסטענץ, וואָס וועט אים מעגלעך מאַכן אַ נייע מין טעטיקייט:

איך פיל מיך אָנגעגרייט, אויף נייע וועגן
דעם עטער צו דורכדרינגען,
צו נייע ספערן פון אַ ריינער טעטיקייט.

אַ ריינער: דאָס הייסט, אַ באַפרייטער פון יעדע אייגננוציקע צילן. אַ שאפן צוליב דעם שאַפן אָדער צוליב צילן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די דאגות וועגן דעם אייגענעם איך.

מיר וויסן שוין, פאַר וואָס פאַוסט האָט נישט דורכגעפירט זיין זעלבסטמאָרד-געדאַנק. גראָד אין דעם מאָמענט, ווען דער בעכער מיט סם איז שוין געווען ביי זיינע ליפן, האָט זיך דערהערט דער יום-טובדיקער קלאַנג פון די פּאַסכאַ-גלאָקן, און די מאַכט פון דער גרויסער טראַגיש-פריידיקער לעגענדע האָט וויך געמאַכט זיין געמיט און אָפּגעשפּאַנט זיין ווילן.

עס איז אינטערעסאַנט נאָכצוגיין נאָך פאַוסטן שריט נאָך שריט, בעת ער גייט אויף מאָרגן אַרויס שפּאַצירן מיט זיין תלמיד צווישן דעם פריילעכן יום-טובדיקן פאָלק. אַלע

זיינע באַמערקונגען זענען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל פאַר־שטענדעניש פאַר דאָס פאָלק און זיין לעבן, מיט אַזוי פיל ליבע צו אים און צו יעדן לעבעדיקן באַשאַף.

און ווען ער קומט אַהיים, צוריק אין זיין שטודיר־צימער, מיט דעם פאַרלאָפענעם שוואַרצן פודעל, וועלכן ער האָט מיט־געבראַכט פון דרויסן, פילט ער, ווי דער קאָנטאַקט מיט די אַנדערע מענטשן און בעלי־חיים, מיט זייערע ליידן און פריידן, טריפן אַריין אויף אַ ווייַלע דעם באַלזאַם פון רו אין זיין נשמה.

עס רירט די מענטשנליבע זיך אין מיר,
די גאָטעס־ליבע וואַכט איצט אויף...

פאַוסט איז אַ צדיק. איז דען אַן עולה, וואָס אַ צדיק היל האָבן גליק? וואָס איז דען גליק, אויב נישט די דערפי־לונג פון ווונשן? טאָר דען אַ צדיק נישט האָבן קיין ווונשן? טאָר ער נישט האָבן אפילו אַזעלכע, וואָס זענען די איידלסטע און ריינסטע?

פאַרנעמט טאַקע ביים האַרצן, ווען מיר הערן זיך איין, ווי אָט דער גרויסער גייסט, אָט די איידעלע און צאַרטע נשמה באַקלאָגט זיך פאַר מעפיסטאָפעלן מיט די ווערטער, וועלכע מיר האָבן שוין אויבן אַמאָל ציטירט:

אין קאַלטע אַנגסטן שטיי איך יעדן מאָרגן אויף,
עס ווילט זיך מיר מיט ביטערע טרערן וויינען,
צו זען אַ טאָג פאַר מיר, וואָס׳ט אין זיין גאַנצן לויף
קיין איינציקן ווונש דערפילן מיר — קיין איינעם!..."

מעפיסטאָפעל נעמט זיך אונטער צו ברענגען אים גליק. פאַוסט גלויבט נישט אין דעם, אָבער ער נעמט אָן דעם פאָר־שלאָג. וואָס האָט ער, דער פאַרביטערטער, פאַריאושטער, וואָס

אָנצוּווערן? און עס איז פאוּסטן לייכט אָנצוּנעמען דעם טייוולשן פאָרשלאג, ער זאָל פארן גליק באַצאָלן מיט דער נשמה, ווייל ער גלויבט שוין מער נישט אין דער מעגלעכקייט פון גליק פאַר אַ מענטשן; ער איז זיכער, אַז דער טייוול וועט נישט קאָנען האַלטן דעם קאָנטראַקט.

ווייל — וואָס איז גליק? פאוּסט איז שוין אַרויס פון יענע יאָרן און יענעם פארשטאַנד, ווען מען גלויבט, אַז מען קאָן – ווי אַ יונגער יידישער שרייבער האָט זיך נישט לאַנג אויסגעדריקט — נעמען „שטיקער לעבנס און צודריקן צו דער ברוסט". פאוּסט ווייס דעם כּלל פון דעם אַלטן הערַאקליט, אַז „פאַנטאַ רעי", אַלץ פליסט, ־אַלץ פאַרשווינדט אין ז'עם ברויזנדיקן שטראָם פון דעם וועלט־אַל. און ער ווייס נאָך מער, ער ווייס, אַז אין דעם מענטשלעכן לעבן איז נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל ווערט זיין „צוגעדריקט צו ווערן צו דער ברוסט."

ער ווייס, אַז וואָס מעפיסטאָ זאָל אים נישט געבן, וואָס ער, פאוּסט, זאָל אַליין נישט דורכפירן מיט מעפיסטאָס הילף, וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן די שאַרפע און גערעכטע קריטיק פון דעם מענטשן, וועט נישט קאָנען אַרויסרופן זיין אומבאַדינגטע פרייד, אַפילו אויף אַ מאָמענט. די אומבאַדינגטע פרייד מיט אַ „שטיק לעבן", וואָס פאַרדינט דעם העכסטן ענטוזיאַזם פון אונזער האַרצן, די העכסטע אָפּשאַצונג פון אונזער שכל, — אָט דאָס איז, לויט פאוּסטן, דאָס גליק. און אַזאַ זאַך איז פאַר דעם מענטשן נישט בנמצא.

ער איז דעריבער מסכּים אויף מעפיסטאָפעלס אָנבאָט, און רעדט מיט אים אויס קלאָרע און שאַרפע דבורים, מכּוח דעם, ווען ער, דער טייוול, זאָל מעגן דענקען, אַז ער האָט דורכגעפירט דעם אָפּמאַך, און אַז אים קומט פאוּסטס נשמה.

ווען איך צום אויגנבליק וועל זאָגן:
בלייב שטיין אַ ווײַלע דאָך! ביסט אַזוי שיין!
איז דעמאָלט מעגסטו מיך אין קייטן שלאָגן.
אויף אייביק מעג איך דעמאָלט שוין פאַרגיין...

ווען פֿאַוסט איז איינגעגאַנגען אויף דעם אָפּמאַך, איז ער נישט אויסן געווען קיין תּענוגים. קלאָר לייגט ער פֿאַנאַנ־דער פֿאַר מעפֿיסטאָן די מאָטיוון פֿון זיין באַשלוס, יענער זאָל וויסן, וואָס עס ווערט פֿון אים פֿאַרלאַנגט. דער עיקר איז — פֿאַוסט זאָל קאָנען זיין טעטיק אָן אַ ברעקל רו. („נור ראַסטלאָז בעטעטיקט זיך דער מאַן”). ער וויל זיך אַריינוואַרפֿן אין דעם רויש פֿון דער צייט, אין דעם גלגל פֿון אַלע צופֿעליקע פּאַסירונגען. זאָל דאָ גיין איינס אויפֿס אַנדערע, ווי עס גייט. זאָל דעמאָלט

שמאַרץ און גענוס
און מזל און פֿאַרדרוס
זיך בייטן איינס אויפֿס אַנדערע, ווי עס קאָן.

און כּדי ביי מעפֿיסטאָפֿעלן זאָל קיין ברעקל ספֿק נישט בלייבן וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פֿון פֿאַוסטס מאָטיוון, שאַרפֿט ער אים אָן נאָכאַמאָל:

דו הערסט דאָך: וועגן פֿרייד
איז נישט קיין רייד.
איך גיב מיך אָפּגיט דעם טומל און דעם
שמערצלעכן גענוס;
איך וויל פֿאַרליבטן האַס, דערקוויקנדיקן פֿאַרדרוס.
מיין ברוסט, וואָס איז פֿון וויסנס־דראַנג געהיילט,
זאָל זיך פֿאַר קיינע שמאַרצן נישט פֿאַרשליסן
און אַלץ, וואָס איז דער גאַנצער מענטשהייט
צוגעטיילט,
וויל איך אַליין טיף־אינעווייניק געניסן,
צו העכסט און טיפֿסט זאָל מיך מיין גייסט
דערפֿירן,
אויף מיין ברוסט אָנזאַמלען דעם צער און
תּענוג אירן,

מיין אייגן „זעלבסט" ביז צו דעם מענטשהייטס
„זעלבסט" פארברייטערן..

פון אָט דעם פראָגראַם טרעט אַרויס קלאָר, ווי פאַלש און איינזייטיק מעפיסטאָפעל איז געווען, ווען ער האָט געשילדערט פאַוסטן פאַר דעם אויבערשטן, ווי אַ פאַרפיינערטן גענוס-מענטשן, וואָס „פאָדערט פון הימל די שענסטע שטערן און פון דער ערד די העכסטע לוסט". פאַוסט איז דער צדיק. ער גיסט זיך צונויף אין געזאַנג און געפיל מיט דער גאַנצער מענטשהייט, ער וויל נישט נאָר אירע תענוגים, נאָר אויך אַלע אירע שמערצן און איר גאַנצן צער. ער וויל זיין אייגענעם „איך" מאַכן אַזוי ברייט, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל קאָנען אַריין אין אים.

אָט אויף די באַדינגונגען האָט ער זיך איבערגעגעבן אין דער שליטה פון דעם טייוול. און דער טייוול האָט גענומען טאָן זיינס: ווען די פאַוסט-מעשה וואָלט געווען געשריבן פון אַ פרומען מחבר, וואָלטן דאָ געדאַרפט שטיין די ווערטער ווי אין איוב:

„און מעפיסטאָפעל האָט געשלאָגן די נשמה פון פאַוסטן מיט אַ בייזער קרעץ פון איר פוס-טריט ביז צו איר קאָפּ-שייטל". דאָ איז פאַוסט געוואָרן דער „רשע".

III

מעפיסטאָ, דער אויבער-טייוול, דער שונא פון דעם מענטשן, ווייס גאַנץ גוט, מיט וועלכע מיטלען צו פאַראומרייניקן אַ מענטשלעכע נשמה, ווי אַזוי זי „אַראָפּצוציען פון הויכן אור-קוואַל" און אַוועקפירן זי „אין זיינע דרכים טיף אַראָפּ". „ליבע-לוסט" איז דער מקדמונים אויסגעפרווטער און אומפעלהאַפטער רעצעפּט דערצו: ליבע-לוסט, וואָס איז ווי אַ שמאָלער גליטשיקער באַלקן איבער אַ ברויזנדיקן שטורמישן וואַסער-פאַל. וועמעס פיס האָבן זיך דאָ נישט אויסגעגליטשט? ווער איז

אַריבער דעם באַלקן אינגאַנצן טרוקן און ריין, אָן אַ ברעקל פלעק אויף זיין נשמה?

בפרט, ווען איינער איז גאָרנישט אויסן אַריבערצוגיין אויף יענער זייט; ווען איינער וויל לכתחילה באַנוצן דעם גליטשיקן באַלקן, נישט מער ווי אַ שפרונג-פלאַץ, כדי פון אים זיך אַריינצושליידערן אין דעם רעכטן מיטן פון די ווילד-שטירצנדיקע וואַסערן.

פאַוסטן, ווען ער האָט מיט זיין בלוט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט דעם טייוול, איז געווען אַלץ איינס, אין וועלכן לעבנס-שטראָם זיך אַריינצווואַרפן. דער טייוול האָט אים אַריינגענומען אין ז יי נ ע הענט, האָט אים צוריקגעקערט זיין יוגנט, האָט ווידער אויפגעלעבט די פאַרשטאָרבענע חושים און האָט מיט אַ צויבער-געטראַנק אָנגעצונדן זיין בלוט מיט דער ווילדסטער ליידנשאַפט: און פאַוסט האָט זיך אַריינגעשליידערט אין רעכטן מיטן פון דעם ווילדן וואַסער-פאַל פון זינלעכע תענוגים און איז געפאַלן אינאיינעם מיט אים אַלץ טיפער און טיפער אַראָפּ.

דער אָנהויב איז נאָך געווען אַ מענטשלעכער; אַ שטאַרקע און טיפע ליידנשאַפט צו אַן אומשולדיק מיידל איז אין אים דערוועקט געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגישער ראָמאַן מיט גרעטכען, וואָס איז דער אייגנטלעכער אינהאַלט פון דעם ערשטן טייל: איך מיין דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט דעם פילאָזאָפישן אינהאַלט, נאָר דעם ליטעראַרישן. אין דער שילדערונג פון יענעם ראָמאַן האָט געטע כמעט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן אָן די טיפערע פילאָזאָפישע צילן, וועלכע ער האָט געהאַט אין אויג, ווען ער האָט דעם ראָמאַן באַשאַפן. דער גרויסער קינסטלער און פסיכאָלאָג האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די פיגורן, וואָס ער ברענגט אַרויס, מיט די לעבנס-סיטואַציעס, וואָס ווערן באַשאַפן, מיט געפילן, וועלכע די האַנדלענדיקע פערזאָנען לעבן דורך.

און באַטראַכט מען יענעם ראָמאַן, ווי אַ קונסט-ווערק פאַר

זיך, זעט מען באַלד, אַז לויט דעם פסיכאָלאָגישן אינטערעס, וואָס דער מחבר ווייזט אַרויס, שטייט דאָ פאַוסט אויפן צווייטן פּלאַן: ער איז דאָ נישט מער, ווי אַ שיינער, יונגער, איידעלער און ליידנשאַפטלעכער ליבנדיקער אַדלמאַן, וואָס „פירט אַ ליבע” מיט אַ פּשוטער טאָכטער פון פאָלק, ווי דאָס פלעגט אַזוי געוויינלעך פּאַסירן אין יענע צייטן און האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו פּאַסירן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

ער ליבט „דאָס קינד”, וויקלט זי איין אין זיין ליבע, שענקט איהר מתּנות פון פולן ליבנדיקן האַרצן, לאָזט זיך אַראָפּ צו איר גייסטיקן שטאַנד, און האָט נישט קיין ברעקל אויג פאַר די רייכע אוצרות פון איר נשמה, און האָט נישט קיין ברעקל השגה וועגען דער גרויס פון איר ליבע צו אים און וועגן די קרבנות, וועלכע זי קאָן ברענגען און ברענגט אויף דעם מזבח פון איר ליבע. און אינטערעסירן — אינטערעסירט ער זיך מיט איר אַזוי לאַנג, ווי זיין געפיל צו איר שטייט אין בליאונג. אָפּגעבליט, איז ער אויס מחותּן מיט איר. פאַרשווונדן פון האַרצן, פאַרשווונדן פון אויג. אים גייט נישט אָן די פרוכט פון דער בליאונג. ער פאַרלאָזט זיין געליבטע צו איר אייגענעם גורל... ווי דאָס פלעגט געוויינלעך אַזוי פּאַסירן אין יענע צייטן און האָט נישט אויפגעהערט צו פּאַסירן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

דער העלד פון דעם פאַוסט-גרעטכען-ראָמאַן איז נישט פאַוסט, דער העלד איז אַ העלדין. דאָס איז גרעטכען, די וווּנדערבאַרע פרויען-געשטאַלט, וועלכע געטע האָט באַשאַפן.

עס טוט מיר באמת לייד, וואָס לויט די אויפגאַבן פון אונזער אָפּהאַנדלונג, קאָנען מיר זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַ נאָנטערן אַנאַליז פון יענער פרויען-נשמה. מיר וואָלטן געקאָנט באַווייזן, אַז די „סענטימענטאַלע ערלעכע נאַאיוויטעט”, מיט וועלכער מיר זענען געוווינט צו פאַרבינדן גרעטכענס נאָמען, איז נישט דער תּמצית פון איר נשמה, נישט די „סובסטאַנץ”, אירע, נאָר נישט מער, ווי די אויסערע נויטווענדיקע פאָרם

דער „אַטריבוט", אין וועלכן יענע סובסטאַנץ טרעט אַרויס; אַז איר נשמה שטאַמט פון אַקוראַט אַזאַ הויכן שורש און אור-קוואַל, ווי פאַוסטס, הגם אַ ביסל אַן אַנדערן, און אַז גישט קיין פשוטע פעלד-בלום האָט דאָ פאַוסט אָפּגעפליקט און באַרבאַריש צוטראָטן.

נאָר וואָס איז די נפקא מינה? לאָז זיין, אַז גרעטכן איז אַן איינפאַך בירגער-מיידל פון אַ קליינעם דייטשישן שטעטל, אַ געוויינלעכע „גרעטכען מיט דעם בלאָנדן צאָפּ": דאָס פאַרמינערט אַ האָר נישט די גאַנצע ברוטאַליטעט, מיט וועלכער פאַוסט האָט זיך מיט איר באַגאַנגען; דאָס מאַכט אַ ברעקל גישט גרינגער די פאַרברעכנס, וואָס זענען דורך זיין שולד געשען.

מען דאַרף דער אַלטער מוטער איינגעבן אַ שלאָף-געטראַנק, פאַוסט זאָל קאָנען אומגעשטערט פאַרברענגען מיט זיין געליבטער. נו — האָט מעפיסטאָפעל געמאַכט אַ ביסל צו שטאַרק די משקה, — און גרעטכען פאַרסמט מיט איר די אייגענע מוטער; שטאַרבט די אַלטע פרוי. גרעטכענס אויפפיר הערט אויף צו זיין אַ סוד פאַרן שטעטל, בייזע צינגער באַשמוצן איר נאָמען. איר ברודער איילט זיך איינצושטעלן פאַר איר ערע. ער שלאָגט זיך מיט פאַוסטן אויף אַ דועל. נו — איז מעפיסטאָפעל דער אויסהעלפער, און דער ברודער פאַלט אַ דערשטאָכענער.

פאַוסט אַנטלויפט פון שטאָט, צו ראַטעווען זיין פעל — און גרעטכען בלייבט אַליין, אַ פאַריתומטע, אַ פאַרלאָזענע מיט אַ קינד אונטער דער ברוסט, אין איר אומענדלעכער פיין. און אַז זי האָט געהאַט איר קינד און אין פאַרצווייפלונג עס אומגעבראַכט, האָט מען זי פאַרשפאַרט אין תפיסה און פאַרמשפט צום טויט. באַלד וועט דעם תליונס שאַרפע האַק זיך אַראָפּלאָזן אויף איר איידעלן נאַקן.

אָרעמע, אָרעמע גרעטכען! האָט פאַוסט די גאַנצע צייט ווען אַ טראַכט געטאָן וועגן איר? ניין! זיין געפיל האָט שוין אָפּגעבליט. די נשמה איז ווידער וויסט און ליידיק און ער

זיכט זי אָנצופילן מיט אַלץ נייע זינלעכע איינדרוקן, דער צו־לאָזענער יונג!

אין אַ מאָמענט פון זעלבסט־באַזינונג און זעלבסט־קרי־טיק טראָגט ער אַליין וועגן זיך אַרויס דעם ריכטיקן אורטייל:

אַן אוממענטש אָן אַ צוועק און רו,
וואָס ווי אַ וואַסער־שטורץ פון פעלז צו פעלז טוט ברויזן,
און טראָגט זיך אין אַ צאָרניקן באַגער
אַלץ טיפער צו דעם אָפּגרונט צו.

און ער דערגרייכט דעם אָפּגרונט.

צו די מערקווירדיק־טיפע און קינסטלעריש־אויפרודערנדיקע סצענעס פון דעם ערשטן טייל „פאַוסט" געהערט אויך די שילדערונג פון דער „וואַלפּורגיס־נאַכט".

דאָס איז די באַשרייבונג, ווי אַזוי די מכשפות פליען זיך צונויף אויף דעם באַרג בראָקען, כדי צו דינען זייער האַר און באַפעלער מעפיסטאָפעלעס. אויך אָט דידאָזיקע סצענע איז אַ באַאַרבעטונג פון אַ מיטלאַלטערלעכן פאָלקס־גלויבן, וואָס האָט דעם „טייוולס־דינסט" אויסגעמאָלט פונקט ווי אַ היפּך צו דעם „גאָטעס־דינסט".

אויב אין דעם גאָטעס־דינסט דערהויבט זיך די נשמה צו די העכסטע שטאַפּלען פון דעם רעליגיעזן עקסטאַז, און פאַרגעסט אין איר צוזאַמענהאַנג מיט דעם גוף און זיינע ערדישע באַדערפעניש, ווערט זי אין דעם טייוולס־דינסט אינ־גאַנצן פאַרטרונקען אין אַ סעקסועלער פאַרשכורטקייט, אין אַ ריין־זינלעכער אָרגיע, און פאַרלירט איר צוזאַמענהאַנג מיט יענעם הימלישן שורש, פון וועלכן זי שטאַמט.

זי הויבט אָן ליב צו האָבן חזיריי, שמוץ, עקלהאַפטע שפּייזן און ווידערווערטיקע גערוכן. פון דעם „ליבע־לוסט" ווערן אַראָפּגע־ריסן אַלע פּאָעטישע מלבושים און זי טרעט אַרוים אין איר ריין־פיזיאָלאָגישער נאַקעטקייט. און די מענטשלעכע נשמה ווערט דערביי אַ זונל־וסובא, אַ להוט גראָד נאָך שמוץ און

חזירײַ, אין װעלכער דער סעקסועלער גענוס װערט אַװעקגע־שטעלט.

אויב מען זאָל אויך דאָ אָנװענדן אַן אַנאַלאָגיע מיט אַן אַנדער פיזיאָלאָגישער באַדערפעניש, — דעם שטילן פון דעם געװײנלעכן הונגער, — קאָן מען דעם צושטאַנד פון דער מענטש־לעכער נשמה אין דעם טײװעלס־דינסט פאַרגלײַכן מיט יענער װאַנזיניקער פרײד, מיט װעלכער אַן אויסגעהונגערטער עסקימאָ־שבט װאַרפט זיך אויף אַ געפגרטן, שוין האַלב־צעפוילטן װאַלפיש, װען זײ געפינען אים נאָך אַ לאַנגן זוכן אויפן ברעג פון ים, און פרעסן זיך אין אים אַרײַן. דער עקלהאַפטער טעם און גערוך, נישט נאָר ער שרעקט נישט אָפּ, נאָר אדרבה, עס דוכט זיך אויס, אַז עס קאָן קײן העכערער תענוג נישט זײַן, און מען פרעסט אַזוי לאַנג װי דער מאָגן קאָן נאָך אָנגעשטאָפּט װערן און די צײנער קאָנען נאָך קײען, און מען װערט אַנטשלאָפן מיט אַ שטיק פאַרשטונקענעם שמאַלץ אין די צײנער און מיט אַ גליקזעליקן שמײכל אויף די ליפּן.

אין גרונט דאָס אײגענע, נאָר אויף דעם סעקסועלן פעלד און מיט אַ סך רײַכערע װאַריאַציעס, קומט פאָר אויף דעם בראָקען־באַרג אין דער װאַלפּורגיס־נאַכט, לויט דעם מיטלאַל־טערלעכן פאָלקס־גלויבן; דאָס איז אַ „גאָטעס־דינסט״, װאָס איז אַ נחת־רוח פאַר דעם האַר פון די טײװאָלים.

געטען האָט זיך אײַנגעגעבן אויפצוהויבן אויך אָט די דערשײנונגען פון מענטשלעכער חזירײַ אויף אַן עסטעטישער הויך; און דער צװעק פון דער סצענע איז — אָנצודײַטן, ביז צו װעלכן אָפּגרונט פון שמוציקע זינלעכע תענוגים פאַוסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, װען ער האָט פאַרלאָזן גרעטכען.

און אויך פאַוסט קומט אין אײנעם מיט מעפיסטאָפעלן צו דעם יום־טוב פון דער װאַלפּורגיס־נאַכט. אויך ער װערט אַרײַנגעצויגן אין דעם אָרגיאַסטישן טאַנץ מיט אַ שײנער

יונגער מכשפה, וואָס בשעת זי רעדט, פאַלן פון איר מויל רויטע מייז.

אָבער גראָד דעמאָלט, ווען פאַוסט האָט דערגרייכט דעם טיפסטן אָפגרונט פון מענטשלעכער דערנידערונג, ווען ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם צולאָזנסטן מופקרטום, קומט אין אים פלוצלונג פאָר אַן איבערקער אין דער נשמה, אַן אויסניכטערונג און ווידערגעבורט.

פון וייטן באַווייזט זיך פאַר אים גרעטכענס געשטאַלט מיט אַ רויטן שנור אויפן האַלז. ער פאַרשטייט, וואָס דאָס באַטייט: מאָרגן דאַרף גרעטכענס קאָפּ פאַלן אונטער דער שאַרפער האַק פון תּליון.

דער אָנבליק פון דער אַמאָל געליבטער געשטאַלט, דער שווערער גורל, וואָס הענגט איבער איר קאָפּ, דאָס באַוווסט־זיין פון דער אייגענער שולד, דאָס אַלץ צערייסט מיטאַמאָל דעם כּישוף, אין וועלכן מעפיסטאָפעל האָט פאַרפלאָנטערט פאַוסטס נשמה. מיט אַמאָל שליידערט ער פון זיך אַראָפּ זיינע נעצן, און ער באַפעלט תּיכּף מעפיסטאָפעלן, זיי זאָלן זיך אַ טראָג טאָן אין דער לופטן צו גרעטכענס תּפיסה, באַפרייען זי, נאָך איידער עס איז צו שפּעט.

ביי דעם טויער פון דער תּפיסה הויבט זיך אָן פאַוסטס מענטשלעכע ווידער־פאַריונגונג. זיין „טונקעלער דראַנג״ הויבט אין אים אָן צו אַרבעטן און ווידער צו ציען אַרויף צו דעם „אור־קוואַל״, צו די „דערהויבטע ספערן פון די אבות״:

עס נעמט מיך אָן אַ לענגסט אַנטוווינ־
טער שוידער,
דער גאַנצער יאָמער פון דער
מענטשהייט נעמט מיך אָן,

זאָגט ער, שטייענדיק ביי דעם טויער.

פאַוסטס באַגעגענונג מיט גרעטכען אין דער תּפיסה איז דער הויך־פּונקט פון דער גאַנצער טראַגעדיע. גרעטכען איז

אַראָפּ פון זינען. זי גייט אַרום מיט אַ לאַלקע אויף אירע הענט, וויגט עס ווי אַ קינד און זינגט אַ ציניש פאָלקס-לידל. זי דערקענט גישט פאַוסטן; מיינט, אַז ער איז דער תּליון, וואָס איז שוין געקומען נעמען איר יונג לעבן. בעט זיך ביי אים, ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר, און רייסט זיך פון אים, ווען ער וויל זי אַרויספירן אין דער פריי.

נאָר אין אייניקע אויגנבליקן קומט זי צום קלאָרן פאַרשטאַנד, דערקענט אים, לעבט אויף אין זיינע אָרעמס, אָבער זאָגט זיך אָפּ פון דער פרייהייט, וואָס וואַרט אויף איר: עס איז קלאָר, זי וויל מיט דעם טויט אויסקויפן אירע פאַרברעכנס.

ווער עס לייענט איצטער יענעם דיאַלאָג פון בריענדיקע ליידן אין דעם ליכט פון די מאָדערנע פּסיכיאַטרישע טעאָריעס, יענעם קאָן קלאָר ווערן די טיפקייט פון פּראָפעסאָר פרוידס הויפּט-געדאַנקען, אַז י ע ד ע משוגעת איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער איינציקער מעגלעכער, אַזויצוזאָגן „ל אָ ג י ש - ק ל אָ ר ע ר" אויסוועג פאַר אַ נשמה, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אינעווייניקסטע מאָראַלישע קאָנפליקטן. גראָד אין דעם מאָמענט פון קלאָרקייט, ווען מיט דעם אָנבליק פון פאַוסטן ווערט פאַר גרעטכען ווידער אויף אַ רגע אויפגעלעבט די צייט פון איר ריינעם, לויטערן גליק, בליצט פאַר איר אויף די מאָראַליש-פּסיכישע אוממעגלעכקייט צו לעבן ווייטער אין יענעם גליק, און זי פאַלט ווידער אַריין אין איר משוגעת.

די וווּנדערבאַרע סצענע אין דער תּפיסה האָט אָבער אויך אַ גרויסע סימבאָלישע באַדייטונג, אַלץ איינס, צי געטע האָט געוווּסט פון דעם אָדער נישט. דאָס איז די טראַגעדיע פון יעדן ב אַ פ ר יי ע ר, וואָס קומט צו זיין פאָלק מיט דער בשורה פון הילף און אויסלייזונג און געפינט, אַז דאָס באַוווּסטזיין פון זיין געליבטן פאָלק איז פאַרוואָלקנט, אַז עס טראָגט זיך אַרום מיט טויטע שמאַטעס און פּרעסט זיי צו זיין ברוסט,

ווי אַ לעבעדיק קינד; אַז עס דערקאָנט נישט דעם באַפרייער און זעט אין אים גאָר דעם תּליון, וואָס וויל אים נעמען זיין לעבן...

אין אומענדלעכן פיין האָט פאַוסט געמוזט איבערלאָזן גרעטכען צו איר אייגענעם גורל. ער פאַרלאָזט די תּפיסה, די טיר שליסט זיך צו הינטער אים, און די סצענע ענדיקט זיך מיט גרעטכענס פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: „היינריך! היינריך!"

מיט דעם ענדיקט זיך אויך דער ערשטער טייל. זיין „מוסר־השׂכּל" איז קלאָר. פאַוסט האָט געזוכט דאָס העכסטע גליק. יענעם שיינעם מאָמענט, וואָס „פ אַ ר ד י נ ט, ער זאָל צוגעדריקט ווערן צום האַרצן". מעפיסטאָפעל האָט פאַר איב אויפגעעפנט די גאַנצע וועלט פון זינלעכע תּענוגים, אין אַלע אירע פאָרמען, פון די העכסטע ביז די נידעריקסטע, און אין קיינע פון זיי האָט פאַוסט נישט געפונען קיין איין מאָמענט, וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופן זיין אויסגעשריי: „בלייב שטיין אַ ווײַלע דאָך! ביסט אַזוי שיין!"

אין דעם צווייטן טייל נעמט פאַוסט אַליין איבער די פירערשאַפט איבער זיין לעבן. מעפיסטאָפעל איז שוין נישט מער דער דעה־זאָגער, ער איז דער א ו י ס פ י ר ע ר פון פאַוסטס באַפעלן. מיט זיין הילף האָט פאַוסט געגומען דורכ־וואַנדערן נייע פעלדער פון מענטשלעכן לעבן און גליק.

## IV

מעפיסטאָפעלס פּלאַן צו דערטרינקען פאַוסטס נשמה אין דעם זומפּ פון זינלעכע תּענוגים, — האָט זיך נישט איינגעגעבן און דורכדעם גופא האָט דער שטן פאַרלאָרן זיין אויבערמאַכט איבער איר. פון איצט אָן ווערט פאַוסט דער פירער און, דער דעה־זאָגער אין זיין אייגענעם לעבן, און מעפיסטאָפעל

וינקט אַראָפּ צו דער מדרגה פון אַן אויספירער און העלפער אין בייזן ווי אין גוטן.

אָבער אינאײנעם מיט דעם פולסטן באַנקראָט פון די זינלעכע תענוגים האָבן אויך אויפגעהערט פאַוסטס טראַגישע ליידן.

אין דעם גאַנצן צווייטן טייל, וואָס איז אַ סך גרעסער פאַר דעם ערשטן, זעען מיר פאַוסטן אין אַ פיבערהאַפטער, רולאָזער טעטיקייט; ער וואַרפט זיך פון איין לעבנס-ציל צו דעם אַנדערן. אין ערגעץ געפינט ער נישט קיין באַפרידיקונג (ביז גאָר צום סוף פון זיין לעבן), אָבער אין ערגעץ זעען מיר נישט אין זיין נשמה יענעם חושך. דורכגעריסן דורך אומגליק-טראָגנדיקע פלאַמען, מיט וועלכע זיין ברוסט איז געווען אָנגע-פילט אין דעם גאַנצן ערשטן טייל.

פאַוסט, ווי אַ מענטשלעכער טיפּ, איז שוין אויך נישט אַזוי אינטערעסאַנט אין דעם צווייטן טייל, ווי אין דעם ערשטן.

פאַראַן אַ סך מבינים אין דער שיינער ליטעראַטור, וואָס האַלטן, אַז דער צווייטער טייל „פאַוסט" איז ק י נ ס ט ל ע-ר י ש אַ העכער ווערק, איידער דער ערשטער. איך באַטראַכט מיך נישט פאַר קיין מבין אין ריין-קינסטלערישע ענינים, אָבער אויך איך מוז, .ווי יעדער איינער, צוגעבן, אַז ער איז פול אָנגעפּראָפּט מיט שיינקייטן, אַלצדינג איז דאָרטן טיף-דורכגעטראַכט, פיין-אויסגעשניצט, אויסגעטאָקט, קלוג צונויפגעפירט אין איין האַרמאָנישן גאַנצן.

אָבער דאָס אַליין, וואָס מען דאַרף רעדן וועגן זיינע שיינקייטן בלשון „אויסגעטאָקט" און „צונויפגעפירט" (אפשר נאָך: „צוגעשליפן"? „צוגעפיילט?") געפעלט מיר נישט. ביי דעם ערשטן טייל בעטן זיך נישט אַזעלכע ווערטער אויף דער פען.

דער צווייטער טייל איז אַ הויפן ווונדערבאַר-שיינע, פילפאַרביקע איידל-שטיינער, קינסטלעריש-צ ו נ ו י פ ג ע-

ש ט ע ל ט אין איין לויכטנדיקן, פינקלדיקן דיאַדעם. טיפע פי־לאָזאָפישע און פסיכאָלאָגישע באַמערקונגען; בליצן פון וועלט־קלוגשאַפט; סאַטירישע כאַראַקטעריסטיקעס פון דערשיינונגען און פערזאָנען, וואָס האָבן געהערט צו געטעס צייט; סימ־באָלן פון פילאָזאָפישע און רעליגיעזע אידייען; סימבאָלן פון איינצלנע היסטאָרישע פיגורן, — אַ גאַנצע וועלט פון דער מענטשלעכער קולטור און פון מענטשלעכע געדאַנקען איז אָנ־געפּאַקט אין יענעם ווערק; אָבער זי איז נישט קיין אָרגאַנישע וועלט.

דאָס רוב איינצלנע טיילן וואַקסן נישט אַרויס אָרגאַניש פון דעם גרונט־געדאַנק, וועלכן געטע האָט אין אויג מיט זיין ווערק, און פון די סיטואַציעס, אין וועלכע דאָס לעבן שטעלט אַוועק זיינע העלדן.

דער ערשטער טייל אָבער איז אַ ל ע ב ע ד י ק ע ר אָ ר ג אַ נ י ז ם; אַלע סצענעס און פיגורן זענען אַרויסגע־וואַקסן, ווי אברים און צעלן פון דער באַפרוכפּערטער זריעה; זיי זענען אַלע דורכגעצויגן מיט דיזעלבע אָדערן, און אין די אָדערן פולסירט אַ זודיק בלוט, וואָס שטראָמט־דורך דורך פילנדיקע מענטשלעכע הערצער און ביי יעדן ריס אין יענע הערצער, דערלאַנגט עס אַ צופּ אויך אין אונזער האַרצן.

אָט דער „צופּ אין האַרצן״ פעלט לגמרי, בעת מען לייענט דעם צווייטן טייל. די פריידן און ליידן, וואָס ווערן דאָרטן געשילדערט, — אויף וויפל דער דיכטער שטעלט זיך אויף זיי אָפּ, — לאָזן אונז כמעט אינגאַנצן קאַלט.

איך וואָלט דעריבער, לפי עניות דעתי, בשום אופן נישט געשטעלט דעם צווייטן טייל „פאַוסט״ העכער פאַר זיין ערשטן טייל. אַי, זיין רייכע קינסטלערישקייט? איז וואָס? לפי עניות דעתי, איז קינסטלערישקייט נישט די הויפּט־זאַך אין דער קונסט.

נאָר וועגן דעם מעג זיך דער לייענער טראַכטן, ווי ער וויל. דער עיקר איז, ער זאָל האָבן אין אויג, אַז אין דעם

צווייטן טייל גיט אונז דער דיכטער נישט קיין דירעקטן פּסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל, וועלכן מיר זאָלן קאָנען אַנאַליזירן און אויף דעם סמך פון דעם אַנאַליז אויסגעפינען וואָס אַ פאַוסט לעבט אינעווייניק דורך, בעת ער וואַרפט זיך פון איין טעטיקייטס-פעלד אויף אַן אַנדערן.

פאַוסטס אינעווייניקסטע לעבנס-דערפאַרונגען בלייבן פאַר-באָרגן פאַר אונז. אָפט קומט ער אַרויס אויף דער בינע, כמעט ווי דער כאָר אין דעם אַלט-גריכישן טעאַטער, וואָס גיט אונז איבער דעם לעצטן רעזולטאַט און דעם מוסר-השכל פון דעם געשעענעם.

אויב אָבער געטעס אינטערעס צו פאַוסטס אוממיטל-באַרע איבערלעבונגען איז אין דעם צווייטן טייל אַ סך שוואַכער געוואָרן, ווי ער איז געווען אין דעם ערשטן, זענען דערפאַר די לאָגישע פעדים, וואָס פאַרבינדן ביידע טיילן צו איין גאַנצן און צו איין-איינציקן גרונט-געדאַנק, אַרויסגעקומען אין דעם צווייטן טייל מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און שאַרפקייט.

דער לייענער וועט זיך דערמאָנען, אַז בעת פאַוסט האָט אויף זיין ערשטער עלטער געמאַכט דעם ביטערן סך הכל פון זיין לעבן, האָט ער צווישן אַנדערע קלאָגן אַרויסגעשטויסן אויך דעם זיפץ:

אויך האָב איך נישט קיין גיטער, נישט קיין
געלט,
קיין כבוד און קיין פּרעכטיקייטן פון
דער וועלט,
קיין הונט וואָלט נישט געוואָלט אַזוי נאָך ווייטער
לעבן!

עס איז דעריבער נאַטירלעך, אַז ווען דער אידעאַל פון ליבע-גליק האָט ביי אים באַנקראָטירט, זאָל פאַוסט אָנ-הייבן זוכן „דעם העכסטן אויגנבליק" אויף יענע פעלדער פון

דער מענטשלעכער טעטיקייט, וואָס דאַרפן ברענגען דעם מענטשן דעם תענוג פון געלט, כבוד און „פּרעכטיקייטן״.

אין צווייטן טייל לאָזט אים געטע דורכגיין די אַלע פעלדער, כסדר איינס נאָך דעם אַנדערן.

דורך מעפיסטאָפעלס הילף ווערט פאַוסט דער בעל־עצה פון אַ מעכטיקן מלך, און באַקומט די פינאַנץ־פאַרוואַלטונג אין זיינע הענט. ער ווערט רייך און אויך מעכטיק און דערגרייכט צו די גרעסטע כבודים, וואָס דאָס לעבן קאָן איינעם שענקען אין יענע צייטן.

מען דאַרף דאָ נישט פיל מאריך זיין, פאַרוואָס פאַוסטס נשמה האָט דערביי נישט געקאָנט אָנגעפילט ווערן מיט גליק, פאַרוואָס ער האָט אין די אַרטן טעטיקייט נישט געקאָנט געפינען זיין צופרידענע רו, נישט געקאָנט איינשטילן זיין בענקשאַפט נאָך „דעם העכסטן אויגנבליק״. וועגן געלט איז דאָך אָפּגערעדט. אַ סך וועלוועלערע נאַטורן, ווי פאַוסטס, האָבן נישט געלאָזט פאַרקויפן זייער נשמה פאַר כל הגעלטן שבעולם. ערנסטער און געפערלעכער פאַר איר איז דער וועג, וואָס פירט צו כבוד און צו באַרימטקייט אין דער וועלט. די ליידנשאַפט פון כבוד און רום איז אַ שטאַרקערע, פאַרשזורנדיקערע און טיפערע, איידער די ליידנשאַפט פון געלט און באַזיץ. זי איז כמעט אַזוי ברענענדיק און שטאַרק, ווי דער סעקסועלער באַגער.

מיר ווייסן נישט, צי פאַוסטס נשמה איז אפילו צייטנווייז פאַרשיכורט געוואָרן דורך דעם ווייררויך פון כבוד, ווי זי איז צייטנווייז געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דעם ליבע־פייער. זיכער איז נאָר, אַז דער העכסטער רום, צו וועלכן ער האָט זיך דערהויבן דורך זיין טעטיקייט אין דעם דינסט פון קעניג, האָט אים נישט געבראַכט די געווינשטע באַפרידיקונג.

דעם לעצטן סך הכל פון זיינע דערפאַרונגען אין דעם פּרט ציט פאַוסט צונויף אין זיין קורצן אויסשפּרוך:

„די טאַט איז אַלץ. ד ע ר ר ו ם א י ז ג אַ ר נ י ש ט״.

קיין לענגערע פּירושים דאַרף מען דערצו נישט. דער, וואָס זופּט כבוד, זופּט דעם שוים פון אַ געזאַלצענעם געטראַנק. און וואָס מער מען זופּט, אַלץ דורשטיקער ווערט מען, ביז מען זעט איין די פאַרבלענדעניש און מען טרייסלט פון זיך אַראָפּ דעם כשוף.

„קיין לענגערע פּירושים דאַרף מען דערצו נישט", האָב איך נאָר וואָס געזאָגט. און איצטער טראַכט איך: מען דאַרף אָנשרייבן וועגן דעם אַ גאַנץ בוך; מען דאַרף דערקלערן, פון וואַנען עס נעמט זיך די גאַנצע געוואַלטיקייט פון יענעם אומפאַרשטענדלעכן כשוף; עס דאַרף באַוויזן און קלאָר געמאַכט ווערן, אַז די רום־לײַדנשאַפט איז אַ סך טיפער אײַנגעוואָרצלט אין דעם מענטשנס נשמה, ווי מען קלערט וועגן דעם אויף דעם ערשטן בליק, — אַז זי זיצט פּונקט אַזוי טיף, ווי די תאוה צו דער פרוי; מען דאַרף דערקלערן, פאַר וואָס דער מענטש שעמט זיך מיט זײַן רום־לוסט, ווי ער שעמט זיך מיט זײַן תאוה־לוסט און באַהאַלט זיי ביידע פון פרעמדע אויגן; פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער, כמעט אוממעגלעך אײַנגאַנצן אַראָפּצוטרייסלען פון זיך איר כשוף; פאַרוואָס דאָס „שפּילן אין באַהעלטערלעך" אין די ביידע פּונקטן מעג זײַן באַרעכטיקט אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אין דעם געזעלשאַפטלעכן אומגאַנג, אָבער קאָן נישט זײַן באַרעכטיקט אין דער וויסנשאַפט און אין דעם ערנסטן דענקען. מען דאַרף אַרויסברענגען אַזוי שאַרף, ווי נאָר מעגלעך, אַז עס איז דער חוב פון דעם ערנסטן דענקען אַראָפּצורייסן די צניעות־מאַנטלען, וואָס פאַרדעקן זיי ביידן, און זיך טיף אַרײַנצוקוקן אין זייערע ביידנס הונגעריקע, ברענענדיקע וועלפישע אויגן.

עס קאָן זײַן, אַז אַזאַ בוך וועגן דער כבוד־תאוה אין אַ פאַראַלעל צו דער סעקסועלער תאוה, וועט ווען אַמאָל געשריבן ווערן. אָבער אויב דער פאָרשער וועט קוקן אויף דעם ענין מיט געטעס אויגן, לויט דעם ווערטל, וואָס ער לייגט אַרײַן אין פאַוסטס מויל, וועט ער אויך קומען צו דעמזעלביקן

שלוס, אַז ״די טאַט איז אַלץ. דער רום איז גאָרנישט״. אָדער ריכטיקער. אָט דער דאָרשט נאָך דעם געזאַלצענעם שוים, וואָס מאַכט נאָך מער דאָרשטיק, איז אַ „יצר הרע״, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דעם מענטשן צוליב דער טאַט, מיט וועלכער מען וויל פאַרדינען דעם רום: אַקוראַט ווי דער „יצר הרע״ צו דער פרוי איז אויך באַשאַפן געוואָרן נישט מער ווי צוליב דער פרוכפערונג.

עס קאָן זיין, אַז ווען מען וועט דאָס אַלץ איינזען, וועט מען אויך אויף דעם „יצר הרע״ פון כבוד קוקן אַ סך מילדער, מענטשלעכער, און ביי דער גאַנצער צו אָפטער טראַגיק, וואָס שטעקט אין דעם ענין, וועט די מענטשהייט זיך אויסלערנען צו באַהאַנדלען אים נישט נאָר מאָראַליש און נישט נאָר טראַגיש, נאָר אויך הומאָריסטיש, ווי זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו באַהאַנדלען דעם ענין פון סעקסועלער תאוה.

דער הומאָר אין ביידע ענינים — סיי אין דעם שטרעבן צו כבוד, סיי אין דער סעקסועלער ליידנשאַפט — שטאַמט דאָ דערפון, וואָס אויך די „סימפאָניאַ העראָאיקאַ״ פון „רום־זוכט״ פאַר איינצלנע, ווי פאַר פעלקער — איז אויפגעבויט אויף דעמזעלביקן גרונט־מאָטיוו פון „אָט אַזוי נאַרט מען אָפּ אַ חתן״, מיט וועלכן די נאַטור פירט דעם זכר צו דער חופּה.

דער „חתן״ מיינט, אַז ער איז דאָ דער אמתער צענטער פון דעם גאַנצן געשעעצן, אַז פון אים שטראַלט דאָ אַרויס די ענערגיע און דער ברען צו דעם רום, אָדער צו דער סעקסועלער הנאה, און אַז צוליב זיך אַליין, צוליב דער אייגענער הנאה, טוט ער אַלץ, וואָס ער טוט. אין דער אמתן אָבער איז דאָס נאָר אַן אָפּנאַרעניש. די ענערגיע שטראַלט דאָ אַרויס נישט פון אים, נאָר דורך אים, און אויך העכערע צילן שטייען דאָ אין קאָן איידער זיין אייגענע הנאה, און אָנגעטריבן ווערט די ענערגיע דורך העכערע געוואַלטן,

וואָס באַהערשן דאָס לעבן פון דער נאַטור און די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דערפאַר ווערט אַזוי לײַדיק אויפן האַרצן, ווען די לײַדנשאַפט ווערט באַפרידיקט און דער כּשוף פאַרשווינדט אויף אַ ווײַל. דערפאַר זענען בײדע זאַכן אַזוי טראַגיש און אַזוי הומאָריסטיש אין דערזעלביקער צײַט. נאָר לאָמיר לאָזן אָן אַ זײַט אָט דעם דורכאויס וויכטיקן ענין, הגם ער האָט אַ פּרינציפּיעלע באַדײַטונג פאַר דעם פּראָבלעם, וואָס באַשעפטיקט אונז דאָ: דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן און דעם זין פון דעם מענטשלעכן גליק. מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז עס איז נישט אונזער ציל, אויפצוהייבן דאָס פּראָבלעם אין זײַן גאַנצער גרויס. אונזער איצטיקע קלײנע אַרבעט וועגן „איוב און פאַוסט״ קאָן זײַן נישט מער, ווי אַן אַרײַנפיר אין אים.

פאַר די צוועקן פון אַזאַ אַרײַנפיר איז אָבער גענוג, ווען מיר האָבן נאָר צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לײענער צו דעם פּראָבלעם פון כּבוד-זוכעניש און ווען מיר האָבן מיטגעטײלט דעם סך הכּל פון גטעט-פאַוסטס באַטראַכטונגען, אַז „די טאַט איז אַלץ און גאָרנישט נישט דער רום״.

אויסגעניכטערט פון דער יאָגעניש נאָך געלט און כּבוד, וואַרפט זיך פאַוסט אַרײַן אין אַ טעטיקייט, וואָס דאַרף עפענען פאַר אים „אַלע פּרעכטיקייטן פון דער וועלט״. מיר מײנען דאָ די ק ו נ ס ט, דאָס שאַפן צוליב דער שײנער פאָרם און די הנאות, וואָס דער מענטש האָט, ווען ער שאַפט שײנקייטן אָדער געניסט די פּרוכט פון דעם אַנדערנס שאַפן.

געטעס אָפּשאַצונג פון דער קונסט און פון די עסטעטישע הנאות איז באַזונדערס אינטערעסאַנט נישט נאָר דערפאַר, וואָס געטע איז אַלײן געווען אײנער פון די גרעסטע קינסטלער, וועלכע די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט. נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אפשר דעם פײַנסטן צאַרטסטן חוש פאַר שײנקייט, וועלכער האָט ווען עס איז געווינט אין אַ מענטשלעכער נשמה, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אין זײַן צײַט האָט

געהערשט אין דייטשלאַנד אַ ק ו ל ט פ אַ ר ק ו נ ס ט, אפשר נישט קיין קלענערער, ווי אין דעם אַלטן גריכנ־לאַנד, — אַ כמעט רעליגיעזער קולט, וואָס ער, געטע, האָט אַליין געהאָלפן פאַנאַנדערצוברענען.

די יונגע ראָמאַנטישע שולע אין דער פּאָעזיע איז געווען באַהערשט פון דער ש ע ל י נ ג ש ע ר פילאָזאָפיע. זי האָט גע־לערנט, אַז דער תוך פון דער וועלט איז אַ שטרעבן צו שיינ־קייט, אַז די קונסט איז די העכסטע מדרגה, אין וועלכער די גאָטהייט אַנטפּלעקט זיך אַליין און פאַרווירקלעכט זיך אַליין; אַז אין דער קינסטלערישער טעטיקייט ליגט דער העכסטער גאָטעס־דינסט, און אַז אין דער עסטעטישער הנאה ליגט דאָס העכסטע מענטשן־גליק.

אויך געטעס יוגנטלעכער פריינט, דער פינסטער־בליקנדיקער שאָפּענהויער, האָט פון זיין „שאָפּענהויערישן פּעסימיזם” אַרויס־געדרונגען, אַז אויב פאַר דעם מענטשן איז נאָך פאַרבליבן אַ שטיקל מעגלעכקייט פון אַ דמיונדיקן כמו־גליק, דאַרף מען דאָס זוכן אין דער קונסט בכלל, אין דער מוזיק בפרט.

עס וואָלט דעריבער געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן, אַז אויך געטע — און אפשר: ג ר אָ ד געטע — וועט זיין פּראָב־לעם פון דעם מענטשנס גליק אויפנעמען פון דעמזעלביקן שטאַנדפּונקט און וועט לאָזן פאַוסטן געפינען זיין אויגנבליק פון דעם העכסטן עקסטאַז ערגעץ־ווו אין די אידילישע פאַר־טרוימטע עולמות פון דעם עסטעטישן לעבן און שאַפן.

מען ווערט אָבער מער ווי איבערראַשט, ווען מען גע־פינט אויס, אַז פאַוסט פ אַ ר ל אָ ז ט די פעלדער פון שיינקייט און קונסט אַקוראַט אַזוי אומבאַפרידיקט, ווי די פעלדער פון רייכטום און רום.

פאַוסטס לעבן און טעטיקייט אין דער ממשלה פון קונסט און ריין־עסטעטישער הנאה ווערט איבערגעגעבן אין דעם אַזוי־אָנגערופענעם „העלענע־עפּיזאָד”.

פון דער אַלט־דייטשישער פאַוסט־לעגענדע ווייסן מיר, אַז

מעפיסטאָפעל האָט אויף פאַוסטס באַפעל געדאַרפט אים אַרויפּ־ברענגען פון גיהנום די שיינע העלענע פון גריכנלאַנד; פאַוסט לעבט מיט איר, און עס ווערט ביי זיי געבאָרן אַ זון, „דר. פאַוסט, דער יינגערער".

אָט דעם עפּיזאָד פון דער אַלטער לעגענדע באַנוצט געטע כדי צו סימבאָליזירן פאַוסטס יאָגעניש נאָך דעם העכסטן גליק אויף דעם פעלד פון עסטעטישער שיינקייט.

פאַוסט לאָזט זיך אַראָפּ מיט מעפיסטאָפעלן אין דער אונטערוועלט, וואָס ווערט פון געטען אויפגעפאַסט אין דעמזעלביקן זין, ווי עס האָבן געגלויבט אין איר די אַלטע גריכן און מיר, יידן, אין דער צייט פון דעם בית ראשון. דאָס איז נישט קיין גיהנום, נאָר אַ שאול, אַ ממשלה פון שאָטנס, וווּ די געשטאָרבענע בלייבן אויף אייביק אומשטערבלעך אין דערזעלביקער געשטאַלט, אין וועלכער זיי זענען געווען ביי דער יציאַת־נשמה, און פירן דעמזעלביקן לעבן, וואָס זיי האָבן געפירט אויף דער ערד פאַר זייער טויט. (אַזאַ שאול־לעבן האָט אויך מעטערלינק שפּעטער אויס־געמאָלט אין זיין „בלויען פויגל", אין דעם אַקט: „דאָס לאַנד פון דער פאַרגאַנגענהייט").

אין דעם שאול לעבט נאָך אַלט־גריכנלאַנד אַזוי ווי זי האָט געלעבט אין די צייטן פון איר גלאָריע אויף דער ערד, מיט אַלע אירע געטער און געטינס, דעמאָנען, מיטאָלאָגישע פיגורן און העלדן.

די גייסטיקע געטער־וועלט און לעגענדעס־וועלט גריכנלאַנדס איז געוויס דער פּאַסיקסטער סימבאָל פאַר דער ממשלה פון שיינקייט און קונסט. און אַז פאַוסט האָט זיך באַלד איינגע־לעבט אין איר, געוואָרן היימיש און אַ טרייער בן־בית אירער, ווערט פאָרגעשטעלט דורך זיין ליבע־לעבן מיט דער שיינער העלענע, וואָס סימבאָליזירט דעם אינעווייניקסטן, אינטימסטן זיווג פון זיין נשמה מיט דער קונסט. אַ רייכע באַצויבערנדיקע וועלט פון „פּרעכטיקייטן" אַנטפּלעקט זיך פאַר אים. קוואַלן

פון גליק און אידילישע האַרמאָניען רוישן אַרום אים. פון דעם זיווג ווערט געבאָרן אַ קינד, אַ ווונדערשיינע איבערמענטשלעכע געשטאַלט, דער „עאופאָריאָן“, אַ באַפליגלט וועזן, וואָס טראָגט זיך צווישן די פעלזן ביים ים צום הימל און וואָס ווערט פאַרברענט אין די אייגענע פלאַמען.

די מפרשים פון פאַוסט דערקלערן אונז, אַז אין דעם סימבאָל פון דעם „עאופאָריאָן“ האָט געטע געוואָלט פאַראייביקן, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, *די געשטאַלט פון בייראָנס נשמה*. „עאופאָריאָן“ איז אויסגעאַרבעט געוואָרן באַלד נאָך לאָרד בייראָנס טויט אין גריכנלאַנד, ווו ער איז געפאַלן אַ קרבן אין דעם קאַמף פאַר גריכנלאַנדס פרייהייט.

אין יענעם סימבאָל כאַראַקטעריזירט געטע די נשמה פון אַזוינע העלדן, וואָס טראַכטן נישט וועגן זייער אייגענעם גליק, זוכן אים נישט און שטעלן דעריבער נישט קיין שאלות וועגן אים. זיי גייען אין טויט אַריין נישט ווייל דאָס לעבן איז זיי נמאס געוואָרן: לוסטיקייט און לעבנס-פרייד שטראַלן פון זייער יעדן קער. זיי גייען פריידיק אין אַ זעלבסט-אויסגעווײלטן טויט צוליב אַנדערע, ווייל זיי דענקען נאָר וועגן די אַנדערע, און ווען זיי זעען, אַז די אַנדערע נויטיקן זיך אין זייער לעבן, איך מיין, אין זייער טויט, גיבן זיי אַוועק פריידיק און שטראַלנדיק די געוווּנשענע מתנה, זייער טויט, איך מיין, זייער לעבן. (אָך, ביי אָט די מענטשן פאַרפלאָנטערט מען זיך אָפט אין דעם אונטערשייד פון לעבן און טויט און מען דערמאָנט זיך אָן משה העסעס טיפן וואָרט, אַז טויט און לעבן זענען איין-און-דיזעלביקע זאַך!)

עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך קאָן מיך דאָ נישט אָפּשטעלן באריכות אויף דער פסיכאָלאָגישער זייט פון דעם „עאופאָריאָן“-סימבאָל. איך קאָן דאָס נישט מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס פאַוסט איז נישט עאופאָריאָן. ווי הויך און איידל עס זאָל נישט זיין דער שורש פון פאַוסטס נשמה, איז ער

פּאָרט נישט מער ווי אַ מענטש. ער געהער צו דעם כּלל, נישט צו דעם בלענדנדיק־שיינעם יוצא־מן־הכּלל. ער איז אַ טייל פון יענער מענטשהייט, פאַר וועלכער די זעלטענע עאָ־פאָריאָנס ווערן פריידיק פאַרבּרענט אין זייערע אייגענע פלאַמען.

און ווי אַ מענטש, ווי אַ גוטער, געראָטענער עקזעמ־פּלאַר פון דעם מין „בן אדם”, טראַכט ער, — ביי זיין גאַנ־צער ליבע צו די אַנדערע, — וועגן זיין אייגענעם גליק, זיין אייגענער באַפרידיקונג, און איז גרייט צו פאַרשליידערן זיין לעבן, אויב עס האָט נישט אין זיך קיין איין פונק פון אמתן גליק.

ער שטרעבט און זוכט יענץ פעלד פון לעבן און טע־טיקייט, וואָס זאָל אַרויסרופן אין זיין ברוסט די פולסטע, אַבּסאָלוטסטע צושטימונג, דעם אַטעסטאַט, אַז אַזאַ לעבן איז שיין, ווערט געלעבט צו ווערן, ווערט באַגערט צו ווערן, ווערט צו וועלן, עס זאָל געדויערן וואָס לענגער.

ווי שיין די שיינקייט זאָל נישט זיין, וועלכע פאַרגע־ניגנס זי זאָל נישט ברענגען דעם מענטשנס האַרצן, קאָן זי דאָך נישט ווערן דער אינהאַלט פון אַ מענטשנס לעבן, ווייל זי אַליין איז נישט אינהאַלט, נאָר פאָרם, נאָר דרויסנדיק גע־שטאַלט, נאָר מלבוש.

וועלכע לעבנס־דערפאַרונגען האָט פאַוסט אַרויסגעטראָגן פון זיין ליבע־עפּיזאָד מיט דער שיינער העלענע?

ערשטנס, אַז

הנאה האָבן מאַכט געמיין!

און צווייטנס, אַז, הפנים, ס'איז פאָרט נישטאָ קיין גליק, קיין העכסטע צופרידנקייט פאַר דעם מענטשן אויף דער וועלט? אָבער אָט דער איינזען מאַכט אים נישט פּעסימיסטיש. איך האָב שוין, דוכט מיר, באַמערקט, אַז זינט פאַוסט האָט זיך באַפרייט פון מעפיסטאָס מאַכט; זינט ער האָט אַליין גענומען אויסקלויבן זיינע וועגן, איז זיין נשמה געוואָרן אַ סך מיושבער

און רואיקער. דערהויפט אָבער איז זי געלויטערט געוואָרן דורך שיינקייט און קונסט. דאָס ליבע־לעבן אין העלענעס אָרעמס האָט פאַרטריבן יעדן פעסימיסטישן וואָלקן פון זיין הימל.

פאַוסט ווייס איצט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ איינצלנע באַשטימטע זאַך אין לעבן, וואָס זאָל אין דעם מענטשנס ברוסט קאָנען אַרויסרופן די התלהבות פון דעם העכסטן גליק. אָבער דערפאַר איז עפעס דאָ אַזוינס אין דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס איז ווערט געלעבט צו ווערן און וואָס פאַרענטפערט דעם מענטשנס אייביקע אומצופרידנקייט, הגם עס קאָן זי נישט אָפּשאַפן און נישט איינשטילן.

דאָס איז — דאָס שטרעבן גופא: די אייביקע טעטיקייט, דאָס צעשטערן און בויען, און ווייטער צעשטערן און ווידער — בויען.

אין פאַוסט בענטש דאָס מענטשלעכע לעבן און דעם מענטשן און זאָגט אויף אים זיין זאָג:

אין שטענדיק־גיין־פאָראויס זאָל ער
געפינען פיין און גליק,
דער אומבאַפרידיקטער אין יעדן אויגנבליק!

אַ סך פאַוסט־פאָרשער זענען זיכער, אַז די לערע פון דעם שטרעבן, ווי פון דעם איינציקן אינהאַלט פאַר דעם מענטשנס גליק, איז אייגנטלעך דער לעצטער זין פון פאַוסטס גאַנצער לעבנס־פילאָזאָפיע און גליק־טעאָריע.

דער מענטש מאַכט אַ טעות אין פשט, ווען ער פאַרבינדט די פאָרשטעלונג פון דעם העכסטן גליק מיט אַ וועלכן עס איז הנאהדיקן גן־עדן־צושטאַנד, אַ רואיקן, ביז צום ראַנד אָנגעפילטן מיט תענוג און אויף אייביק אַ געזעטיקטן. מחמת אָט דעם טעות פרעגט ער שטענדיק: וואָס אַזוינס קאָן אָנפילן מיין נשמה אַזוי, אַז אין איר זאָל נישט זיין קיין איין־איינציק ליידיק פינסטער ווינקל, וואָס זאָל ליידן פון ניט דערפילטן ווונש, פון בענקשאַפט און שמאַכטעניש!

און ער זוכט דעם „וואָס", אַ קלאָרן באַשטימטן אינ־האַלט: אין רייכטום, רום, ליבע, וויסנשאַפט, שיינקייט א. ד. גל. אָבער קיין איין אינהאַלט, ווי רייך ער זאָל נישט זיין, איז נישט ביכולת צו שטילן דעם מענטשנס בענקשאַפט און דאָרשט; קיין תענוג קאָן נישט איינשטילן די אומרו פון זיין נשמה, קאָן זי נישט אָנפילן ביז צום ראַנד.

ווייל ס'איז איר טבע אַזאַ: אייביק צו בענקען און צו דאָרשטן. איינצלנע לעבנס־אינהאַלטן קאָנען איר נישט געבן קיין פולן גן־עדן־תענוג. זיי קאָנען איר געבן נאָר איינצלנע פאַרבייפליענדיקע הנאות, כדי אָפּצופרישן אירע כוחות, כדי נישט צו דערלאָזן זיי פאַרשמאַכטן אינגאַנצן. אָבער אינאיינעם מיט די איינצלנע תענוגים ווערן תמיד געבאָרן אין איר נייע בענקשאַפטן און ליידן, וואָס פאַרקלעמען דאָס האַרץ.

פאַר אַ נשמה מיט אַזאַ נאַטור קאָן „גליק", דאָס גרויסע העכסטע גליק, נאָך וועלכן זי בענקט כסדר, באַשטיין נאָר אין דעם שטענדיקן שטרעבן צו דעם העכסטן גליק, אין דעם שטענדיקן אַריבערגיין פון איין אינהאַלט צו אַן אַנדערן, אַ העכערן, אַ שענערן, אַ פולערן, אין אַ שטענדיקן פאָראויס־גיין אַלץ ווייטער און ווייטער אָן אַ סוף.

די איינצלנע מאָמענטן פון „גליק און פיין" וועלן שטענדיק אי אָפּפרישן די כוחות, אי נישט לאָזן איינשלאָפן די אייביקע בענקשאַפט, וואָס וועט פירן צו אַ נייעם קאַמף און אַ נייעם טריאומף און אַ נייער אומצופרידנקייט און אַ נייעם קאַמף.

איך וויל בשום אופן נישט לייקענען, אַז די לערע פון „שטרעבן", פון „שטענדיק גיין־פאָראויס" און פון קאַמף איז זייער אַ וויכטיקער עלעמענט, אַ נויטווענדיקער באַשטאַנד־טייל פון פאַוסטס (געטעס) גליק־טעאָריע.

מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז דער „שטרעבן־געדאַנק" איז נישט דער איינציקער געדאַנק, וועלכן פאַוסט קריס־טאַליזירט פון זיינע לעבנס־דערפאַרונגען און זיינע באַטראַכ־

טונגען וועגן דעם מענטשנס גליק. ער איז אַ ט יי ל פון דעם גאַנצן אמת, ווי אויך דער געדאַנק, אַז „די טאַט איז אַלץ און גאָרנישט-נישט דער רום" און אַז „הנאה האָבן מאַכט געמיין" און אַז מען טאָר זיך דעריבער נישט אַריינפרעסן אין „הנאה", ז ע נ ע ן נויטווענדיקע באַשטאַנד-טיילן, נויטווענדיקע פ אָ ר ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן פון דעם גליק-געדאַנק. די לערע פון ש ט ר ע ב ן שטייט געוויס, לויט איר באַטייט און טיפקייט, אַ סך העכער, ווי די פריערדיקע טייל-אמתן, אָבער ער איז פאָרט נישט מער, ווי אַ טייל-אמת.

און נישט נאָר איז דער ש ט ר ע ב ן-געדאַנק נישט דער איינציקער; ער איז אויך נישט דער לעצטער און נישט דער ה ע כ ס ט ע ר געדאַנק, צו וועלכן פאַוסט דערהויבט זיך.

געבאָרן געוואָרן איז ער, ווי מיר ווייסן, אין דעם פעריאָד פון פאַוסטס זיווג מיט דער וועלט פון שיינקייט, און עס איז נאָך מיין מיינונג נאָך נישט קיין צופאַל, וואָס ער איז גראָד דאָרטן געבאָרן. ער איז אַן אָפּשלוס און אַן אָפּקלער פון פאַוסטס איבערלעבונגען אין דער ספערע פון ריין-עסטעטישע גענוסן, ווי די שיינע קונסט צוליב דער קונסט, איז אויך דאָס שטרעבן צוליב דעם שטרעבן אַ ר יי ן-פ אָ ר מ אַ ל ע ר פרינציפּ. ביידע שטעלן אַוועק אויפן צווייטן פּלאַן דעם א י נ ה אַ ל ט. עס איז פאַר דעם קינסטלער קיין נפקא מיניה נישט, וו אָ ס ער קליידט איין אין זיין שיינעם מלבוש. עס איז פאַר דער גליק-זוכעניש קיין נפקא מיניה נישט, אין וואָס זי געפינט איר צייטווייליקן „פיין און גליק", ווען עס לאָזט זי נאָר נישט איינזינקען און איינגעשלעפערט ווערן אין הנאה, וואָס „מאַכט געמיין".

אָבער אָט דער פעריאָד פון פאַוסטס לעבן איז דאָך נישט זיין לעצטער. זיין שטרעבן אַלץ פאָראויס פירט דאָך אים נאָך אויף אַנדערע פעלדער פון מענטשלעכער טעטיקייט, וואָס אַנטפּלעקן פאַר אים נ יי ע, נאָך נישט געזעענע אמתן.

און אַקוראַט ווי זיין ב ע נ ק ש אַ פ ט נאָך גליק קאָן זיך

נישט צופֿרידנשטעלן מיט העלענעס מלבוש פֿון ריינער שיינ־קייט, אַזוי קאָן אויך זיין ג ע ד אַ נ ק וועגן דעם העכסטן מענשטלעכן גליק זיך נישט באַרואיקן מיט דעם ריינעם שטרעבן לשם שטרעבן.

דאָס העכסטע גליק זאָל באַשטיין אין דעם שטרעבן... צו דעם העכסטן גליק! אויף אָט דעם וועג זאָל מען שטענדיק גיין פֿאָראויס און פֿאָראויס. ו ו ו ה י ן פֿאָראויס? אין וועלכער ריכטונג? פֿאַרוואָס נאָר שטרעבן אויף פֿאָראויס און נישט אויף אַלע זייטן? און אויב אַ שטרעבן אויף אַלע זייטן ווערט פֿאַרוואָרפֿן, אויב דאָס שטרעבן דאַרף האָבן אַ ריכטונג און אַ ציל, — ווען אַפֿילו דער ציל זאָל קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן אָדער נישט דערגרייכט ווערן בשלמות,—איז דאָס דאָך שוין נישט קיין ריין שטרעבן לשם שטרעבן, נאָר אַ קלאָרער דראַנג צו עפּעס אַ באַשטימטן א י נ ה אַ ל ט.

אין וואָס זאָל דער אינהאַלט באַשטיין? צו וואָ ס זאָל מען שטרעבן? צו דעם העכסטן גליק! אין וואָס באַשטייט דאָס העכסטע גליק? אין דעם שטרעבן... מען זאָל שטרעבן. הייסט עס, צו יענעם שטרעבן, וואָס איז נישט גלאַט אַזוי אַ שטרעבן, נאָר איז אַ שטרעבן צו אַ שטרעבן, וואָס איז... וואָס?

דאָס איז נישט נאָר אַ פֿאַרכּשופֿטער קרייז, נאָר אַ פֿאַרכּשופֿטע ספּיראַל, אַן אייביקער „שייך־למי־שייך”, פֿון וועלכן עס איז נישטאָ קיין אויסוועג.

עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס פֿאַוסט באַמערקט נאָך נישט די אינעווייניקסטע סתּירות און פֿאַרכּשופֿטקייטן פֿון דעם געפֿונענעם אמת.

ער איז נאָך אויף דעם וועג פֿון זיינע לעבנס־דערפֿאַרונגען. און אַרויסגעגאַנגען איז ער אויף דעם וועג אין דער פֿ י נ־ ס ט ע ר ס ט ע ר שטימונג, אָן אַ ברעקל גלויבן, אַז עס קאָן געמאָלט זיין אין לעבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פֿאַרדינען דעם נאָמען פֿון דעם העכסטן גליק. ער איז נאָך נישט באַ־

קאַנט מיט אַזאַ לעבנס-אינהאַלט, וואָס זאָל אויסהאַלטן די שניידנדיקסטע מענטשלעכע קריטיק, וואָס זאָל ווערט זיין גע-לעבט צו ווערן צוליב-זיך-גופא.

אָבער דערווייל האָט ער געפונען דעם מ ל ב ו ש פ ו ן ד ע ם ה ע כ ס ט ן ג ל י ק, די פ אָ ר ם, אין וועלכער אַ העכסט גליק קאָן זיך פאַרווירקלעכן: דאָס ש ט ר ע ב ן, דאָס שטענדיקע גיין-פאָראויס.

געטע לאָזט פאַוסטן דורכמאַכן נאָך אַנדערע איבערלע-בונגען, און וועלכע ער וועט סוף-כל-סוף זיך צוגויפטרעפן אויך מיט דעם אינהאַלט פון דעם העכסטן גליק, וואָס דאַרף דינען, ווי אַ צ י ל פאַר דעם שטרעבן.

פאַנאַנדערגעזעגנט זיך — פרידלעך און דאַנקבאַר — מיט דער וועלט פון ריינער שיינקייט, ווערט פאַוסטס אומרואי-קער גייסט צוגעצויגן צו אַ נייער ספערע פון מענטשלעכער טעטיקייט, וואָס טראָגט אויך אין זיך איר אייגענעם רייץ און רויש: דאָס איז די מאַכט איבער די געוואַלטן פון דער נאַ-טור. נישט יענע מאַכט, וואָס לערנט אונז אַריינצודרינגען אין אירע פאַרבאָרגנסטע טיפענישן דורך דער טעאָרעטישער דער-קענטעניש: דעם צויבער פון ר יי נ ע ר וויסנשאַפט, פון טע-אָריע לשם טעאָריע, פון פאָרשן לשם פאָרשן, האָט פאַוסט שוין אַמאָל דורכגעמאַכט, בעת ער איז געווען געלערנטער, און פון יענעם צויבער האָט ער זיך באַפרייט נאָך אין זיין ערשטן „גלגול".

איצטער ציט אים צו זיך די פ ר אַ ק ט י ש ע מאַכט איבער דער נאַטור: דאָס וועלן זי א יי נ ש פּ אַ נ ע ן אין דעם וואָגן פון מענטשלעכע צילן, אָדער נאָך בעסער: אַרויפכאַפּן זיך רייטנדיק אויף איר ווילדקייט, אַריינצווינגען איר אַ צוים אין דעם שוימענדיקן מויל און טרייבן זי וווהין מען וויל.

פלוצלונג קומט אים אַרויף דער געדאַנק — אַ וואָרפ-טאָן זיין ענערגיע אויף דעם ים, אויסטריקענען אַ גרויסן שטח זייגעם און באַזעצן אים מיט מענטשן.

אין די איצטיקע צייטן, ווען די האָלענדער, צ. ב., אַרבעטן שוין פון לאַנג-אָן, יאָר-אויס, יאָר-איין, אויף אויס-צוטריקענען דעם זיודער-ים, קאָנען מיר נישט שפירן די גאַנצע גראַנדיאָזיטעט פון פאַוסטס אונטערנעמונג, אָבער אין זיינע צייטן, ווען דער ים איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דער שטאַרק-סטער און געפערלעכסטער סטיכיע, איז דאָס געוויס געווען אַן אומדערהערטע העזה פון אַ מענטשן, צוצוגיין צו איר און אַריינצוברומען: זייט מוחל, ר׳ ים, און רוקט זיך אָפּ אַביסל: מיר דאַרפן האָבן פּלאַץ פאַר דעם מענטשן!

זיין גאַנצן רייכטום, זיין גאַנצע צייט און זיין גאַנצע אומרואיקע ענערגיע גיט פאַוסט אַוועק אויף דער דורכפירונג פון דעם פּלאַן, און די נייע דערפאָלגרייכע אַרבעט פילט אויס דעם אינהאַלט פון זיין לעבן.

דערווייל גייען די יאָרן: עס קומט אָן די עלטער מיט אירע שוואַכקייטן און זאָרגן; אויף דער פאַריינגטער קערפּער פאַוסטס האָט זיך אויסגעטראָגן. ער האָט שוין פאַרלאָרן אויך דאָס ליכט פון זיינע אויגן. אָבער זיין גייסט איז נישט גע-בראָכן; זיין שטרעבן נישט פאַרמינערט. דער „אומבאַפרי-דיקטער אין יעדן אויגנבליק״ זוכט אַלץ נאָך זיין „פיין און בליק״ אין שטענדיקן „פאָראויס-גיין״.

און אַ מאָל האָט פאַסירט אַזאַ זאַך: מיט בלינדע אויגן האָט דער ריזיקער זקן פאַוסט געקוקט אויפן ים, וועלכן זיין טעטיקייט צוימט אַלץ מער און מער איין, און פאַר זיין גייסטיקן בליק האָבן זיך גענומען טראָגן בילדער פון דעם צוקונפטיקן לעבן, וואָס וועט אויפבליען אויף דער ביים ים אַוועקגערויבטער ערד.

אַ נייע מדינה, אַ פרייע מדינה וועט אויפוואַקסן אויף איר. פאַר פיל מיליאָנען וועט זיין גענוג פּלאַץ צום וווינען און צום אַרבעטן. זייער לעבן וועט, אמת, נישט זיין גאָר קיין זיכערס אין דער שכנות פון דעם ווילדן שטו-

דעמער, דעם ים, אָבער עס וועט זיין אַ ט ע ט י ק לעבן און אַ פ ר י י ס:

און ער זעט אין זיין גייסטיקער זעאונג:

... דאָ אינמיטן אַ גן-עדן-לאַנד.
לאָזן דרויסן שטורעמען די וואַלן ביז צום ראַנד,
און ווי זיי ווילן נאָר מיט קראַפט אין לאַנד
זיך אַריינשיסן
לויפט שוין דער קהל שנעל די ברעשן צו
פאַרשליסן.
יאָ! דעם געדאַנק בין איך אינגאַנצן איבערגעגעבן
און דאָס איז פון דער קלוגשאַפט גאָר דער
לעצטער זאָג:
נאָר דער פאַרדינט זיין פרייהייט און זיין לעבן,
וואָס מוז דעראָבערן זיי בײדע יעדן טאָג.
אַזוי-אָט לעבן דאָ, אַרומגערינגלט פון געפאַר
סיי אַלט, סיי יונג אין גליק און צער.
אַזאַ מין טומל וואָלט זיך מיר נאָך וועלן זען,
אינאיינעם מיט אַ פאָלק אַ פרייען, אויף
אַ פרייען גרונט צו שטיין.
אָט צו אַזאַ מינוט איך זאָגן מעג:
ב ל ײ ב ד אָ ך אַ װ ײ ל ע ד אָ! ב י ס ט
אַ ז ו י ש ײ ן!
עס קאָן די שפור פון מיינע לעבנס-טעג
נישט אין עאָנען אונטערגיין. —
אין פאָרגעפיל פון אָט אַזאַ מין הויכן גליק
ג ע נ י ס א י ך א י צ ט ד ע ם
ה ע כ ס ט ן אויגנבליק".

און ווי נאָר פאַוסט האָט אַזוי אַרויסגערעדט זיינע לעצ-טע רייד, ווי נאָר פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן די עדות, אַז ער האָ ט אים, דעם העכסטן אויגנבליק, אַזוי

איז זיין קאָנטראַקט מיט מעפיסטאָן שוין דערפילט געוואָרן...
און אין דעמזעלביקן מאָמענט איז פאַוסט אַנידערגעפאַלן א טויטער.

## V

תיכּף נאָך פאַוסטס טויט האָבן — שילדערט אונז געטע— די מלאכי-חבלה זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין קערפּער כּדי צו ברענגען אים אין אייביקן גיהנום אַריין, לויט דעם קאָנטראַקט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט מעפיסטאָפעלן און אונטערגעחתמעט מיט זיין אייגענעם בלוט.

אָבער דאָ, ביי דעם גוף פון דעם אַלטן מאַן, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אָן די מלאכי-השרת, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון הימל, כּדי צו ברענגען פאַוסטן אין גן-עדן אַריין. עס אַנטוויקלט זיך אַ קאַמף צווישןביידע מחנות, און זיגן טוט דער הימל איבער דעם גיהנום: דער צדיק פאַוסט ווערט דערהויבן צו זיין העכסטן הימלישן לוין.

עס איז ביי די פאַוסט-מפרשים אויפגעוואָרפן געוואָרן די שאלה, צי האָט נישט מעפיסטאָפעל פון אַ יורידישן שטאַנדפונקט געהאַט אַ רעכט אויף פאַוסטס נשמה. האָט דען נישט פאַוסט בפירוש צוגעזאָגט:

> ווען איך צום אויגנבליק וועל זאָגן:
> בלייב שטיין אַ ווײַלע דאָך, ביסט אַזוי שיין!
> איז — מעגסטו דעמאָלט מיך אין קייטן שלאָגן
> אויף אייביק מעג איך דעמאָלט שוין פאַרגיין?

און האָט דען פאַוסט נישט געפונען אַזאַ העכסטן אויגנבליק אין לעבן, וואָס האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט דעם טיפסטן גליק?

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער צייט פון **אייגנטום-רעכט** און **קאָנטראַקט-רעכט**.

וואָס ערנסטע מענטשן האָבן זיך געקאָנט אָפּשטעלן אָט אויף דער יורידישער שאלה: וועמען געהער פאוסט על־פּי־דין און על־פּי־רעכט?

מיר וועלן זיך דאָ געוויס נישט באַשעפטיקן מיט דער אַדוואָקאַטישער זייט פון פאוסטס גורל. מיר האַלטן, אַז אַ קאָנטראַקט מיטן טייוול, אפילו אַ פּרייוויליק־געשלאָסענער, איז קיינמאָל נישט קיין קאָנטראַקט פאַר דעם מענטשן און איז לכתחילה בטל ומבוטל, אַפילו ווען ער זאָל זיין אונטערגע־שריבן מיט טייכן פון מענטשלעך בלוט.

עס האָט אונז דעריבער באמת געפרייט, וואָס די מלאכי־השרת האָבן אויף אַ ריין־רעוואָלוציאָנערן אופן עקספּראָ־פּריאירט פאוסטן פון דעם טייוולס הענט.

כדי אָבער צו באַרואיקן די געוויסנס פון יענע מענטשן, וואָס ציטערן פאַר דער הייליקייט פון אַ קאָנטראַקט, וויל איך זיי דערמאָנען, אַז בנוגע פאוסטן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט צוויי אָפּמאַכן: דעם אָפּמאַך צווישן פאוסטן און מעפיסטאָ־פעלן און דעם געוועט צווישן מעפיסטאָפעלן און דעם רבונו־של־עולם.

וואָס האָט „דער האַר״, גאָר אין אָנהויב פון דעם שטיק, געזאָגט צו מעפיסטאָפעלן?

צי יענעם גייסט פון הויכן שורש אָפּ
און פיר אים, אויב דו קאָנסט אים פּאַקן,
אין דיינע דרכים טיף אַראָפּ.
און שטיי פאַרשעמט, ווען מודה זיין דו מוזט:
דעם גוטן מענטשן, אין זיין טונקלען דראַנג,
איז אַלע מאָל דער רעכטער וועג באַוווּסט.

מעפיסטאָפעלן האָט זיך אויף אַ ווײַלע איינגעגעבן צו פּאַקן פאוסטס נשמה, אָפּצוציען זי פון איר הויכן שורש און טיף אַראָפּצופירן זי אין זיינע דרכים. אָבער דער „טונקעלער דראַנג״, וואָס האָט געלעבט אין איר, האָט גע־

טריבן פאַוסטן פון איין לעבנס-וועג אויף דעם אַנדערן, ביז ער האָט געפונען זיין העכסטן גליק, דעם העכסטן אויגנבליק פון זיין לעבן אין דער טעטיקייט צוליב דעם גליק פון מיל-יאָנען מענטשן.

איז אָט די טעטיקייט, אין וועלכער פאַוסטס נשמה האָט דערלעבט די פולסטע דערגרייכונג פון אירע ווונשן, יענער „רעכטער וועג״, צו וועלכן עס מוז ציען דעם „גוטן מענטשן״ אין זיין „טונקלען דראַנג״? אויב יאָ, האָט מעפיסטאָפעל פ אַ ר ש פּי ל ט, און ער מעג „שטיין פאַרשעמט״.

די סצענע פון דעם קאַמף צווישן די מלאכי-חבלה און די מלאכי-השרת פאַר פאַוסטס קערפער און דער טריאומף פון די ליכטיקע געוואַלטן איבער די דינער פון דער פינסטערניש, איז דעריבער ערשטנס אַ סימבאָל, אַז אין פאַוסטן גופא האָט דאָס „גוטס״ איינגאַנצן גובר געווען דאָס „שלעכטס״; צווייטנס אָבער אויך אַ קלאָרער אָנדייט, אין וואָס ג ע ט ע זעט „דאָס העכסטע גוט״ פאַר דעם מענטשן, דעם העכסטן ציל, צו וועלכן ער זאָל שטרעבן, ווייל נאָר אין אים וועט ער געפינען דאָס, וואָס ער זוכט: דעם גן-עדן-תענוג פון דעם פולן גליק.

אויף אָט דעם אָרט פון געטעס ווערק קאָנען מיר זיך אָפּשטעלן. די איינציקע סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין הימל און וואָס מיט זיי פאַרענדיקט זיך דער גיגאַנטישער בנין פון געטעס „פאַוסט״, קאָנען מיר איגנאָרירן לאָזן אָן אַ זייט, ווייל זיי האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו יענעם פּראָב-לעם, וואָס באַשעפטיקט אונז דאָ: דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק און דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן אויף ד ע ר וועלט.

פאַוסטס גאַנצער לעבנס-וועג, זיינע ליידן און פריידן, די פאַרשיידנאַרטיקסטע דערפאַרונגען זיינע אין די פאַרשיידנסטע צווייגן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט ליגן אָפן פאַר אונז, און מיר קאָנען איצטער אונטערפירן זייער סך-הכל און אַרויס-ברענגען זייער אינעווייניקסטן מיין, ד. ה. יענעם מיין, וועלכן

געטע האָט באַוווסטזיניקערהייט און אומבאַוווסטזיניקערהייט אריינגעטראָגן אין זיי.

געטע שטעלט אונז פֿאַר אין פאַוסטן אַ מענטשן מיט אַן אַבסאָלוט־פרייען שטאַרקן גייסט. ער האָט קיין מורא נישט פֿאַר גיהנום און האָפט נישט אויף קיין גן־עדן. ער איז אויך פריי פון אַלע מאָראַלישע געבאָטן און קאָן דורכפירן די שענדלעכטטע פֿאַרברעכנס, אויב דאָס גייט אַריין אין דעם חשבון פון זיין לעבן. ער הערט זיך נאָר צו צו דער אינעווייניקסטער שטים אין זיין ברוסט, צו דעם אינעווייניקסטן אָפּקלאַנג, וועלכן זיין נשמה ברענגט אַרויס, ווען די פֿאַרשיידענע אומשטענדן פון דעם לעבן ווירקן אויף איר איין.

און זוכן זוכט ער נאָר איין זאַך, — דאָס, וואָס איטלעכער מענטש זוכט: זיין אייגן גליק.

ער האָט אָבער אויך זיינע אייגענע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס אַזוינס אַ מענטשלעך גליק איז. קודם איז ער פריי פון יענער פֿאַלשער פֿאָרשטעלונג, וואָס לעבט ביי דאָס רוב מענטשן, אַז גליק איז אַ תּענוג אָדער אַ סכום פון תּענוגים; אַז „גליק" און „הנאה האָבן" איז איין־און־דיזעלביקע זאַך. ער זעט איין דעם סאָפיזם, וואָס ליגט אין דעם געדאַנק, אַז אויב גליק איז אַ באַזונדערער תּענוג, איז דעמאָלט יעדער תּענוג שוין אַן עלעמענט פון גליק, און אַז אַ גליקלעך לעבן קאָן צונויפגעשטעלט ווערן פון אַ סך אַזעלכע איינצלנע צעשטרויטע „געשמאַקע" הרף־עינס.

פֿאַר פאַוסטן באַשטייט דאָס מענטשלעכע גליק נישט נאָר אין תּענוגים און הנאות („...הנאה האָבן מאַכט געמיין"). דער נחת פון גליק קאָן זיין פֿאַרבונדן אויך מיט ערנסטע און טיפע ליידן. „גליק" — קאָנען מיר פֿאָרמולירן געטעס געדאַנק וועגן אָט דעם ענין — „איז אַזאַ צושטאַנד פון דער מענטשלעכער נשמה, פון וועלכן זי וויל נישט אַרויסגיין, ווייל זי געפינט, אַז דאָס לעבן אין אַזאַ צושטאַנד איז שיין, ווערט

געלעבט צו הערן, ווערט באַגערט צו ווערן, ווערט צו ווען עס זאָל געזוויערן וואָס לענגער".

פון דער אַנדערער זייט אָבער, — און דאָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר געטעס גליק־לערע, — איז דאָס „געדויערן וואָס לענגער" נישט קיין באַדינג פאַר דעם צושטאַנד פון גליק. יענער צושטאַנד פון דער נשמה, וואָס איז גליק, דאַרף ווערט זיין צו געדויערן אַן אייביקייט, אָבער אין דעם ווירקלעכן לעבן מעג ער פאַרנעמען נישט מער, ווי איין הרף־עין.

עס איז אַ גליק־באַגריף, וואָס איז באַפרייט פון צייטלעכקייט, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט דער פראַגע, וויפל טעג און וויפל יאָר. זיין ווערט ווערט נישט געמאָסטן אין דער לענג פון דער צייט, נאָר אין דער טיף פון דעם געפיל. פאַוסט וויל דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם אָפּטגעברויכטן אויסדרוק: „אומענדלעך גליק", וואָס זיין אמתער זין איז אָפּגעריבן געוואָרן דורך דעם צו־אָפטן געברויך. „מיט אַ געפיל פון „אומענדלעכן" גליק באַגריסן מיר די פריידיקע בשורה" א. אַז. וו. — שרייבן מיר אָפט וועגן דעם אַריינטריט אין לעבן פון אַן אויסעראָרדנטלעך פריידיקער דערשיינונג. דערביי פוכלען מיר צופיל מיס יענעם ווערטעלע „אומענדלעך" און דעריבער איז זיין אמתער זין אָפּגעריבן און פאַרטונקלט געוואָרן.

אַזוי אָבער איז איין הרף־עין פון אַ באמת אומענדלעכן גליק פונקט אַזוי פיל ווערט, ווי אַ גאַנצע אומענדלעכקייט פון יאָרן אָן גליק.

אָט די העכסטע מדרגה פון נחת, וואָס פילט אָן די נשמה מיט איר שפע ביז צו דעם ראַנד און מאַכט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אָן צייט און פאַרגענגלעכקייט, אָט דאָס איז דער טייטש פון וואָרט: „גליק". נאָך איר בענקט דער מענטש, ווען ער בענקט נאָך גליק. צו איר שטרעבט דער מענטש, ווען ער שטרעבט צו גליק.

איז אַזאַ גליק מעגלעך פאַר דעם מענטשן? און אונטער וועלכע אומשטאַנדן קאָן ער עס אים געפינען?

פאַוסט איז אַרויסגעגאַנגען זוכן עס, אָן אַ ברעקל גלויבן, אַז אַזאַ צושטאַנד פון דעם העכסטן מענטשלעכן נחת קאָן גאָר זיין אין אַ מציאות. אָבער ער איז נישט פאַרעקשנט אין זיינע ספיקות. ער האַלט אָפן אַלע טירן פון זיין נשמה: ער לאָזט אַריינשטראָמען אין איר אַלע שטראָמען פון דעם לעבן. ער וואַרפט זיך אַליין אַריין אין די קאָכיקסטע וואַסער-פאַלן און די שטילע טייכן. טאָמער געפינט ער דאָרט זיין בענקנדיקן האַרצנס-באַגער.

און ער געפינט! ווו און ווי אַזוי?

נישט אין די זינלעכע תענוגים; נישט אין דער פּאָעטיש-שיינער ליבע צו אַ ווייבספּאַרשוין; נישט אין דער יאָגעניש נאָך וועלט, כבוד און מאַכט; נישט אין די גייסטיקע הנאות פון אַ שכלדיקן וויסן; נישט אין דער וועלט פון שיינקייט לשם שיינקייט; אַפילו נישט אין דער דערבאַרימדיקער ליבע צו די ליידנדיקע און אין דער הילף פאַר די אומגליקלעכע, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אין זיין גאָר פריער יוגנט.

אויף אַלע אָט די וועגן האָט ער שוין געזוכט זיין גליק, און האָט עס ערגעץ-נישט געטראָפן.

פאַוסט איז שוין מרוצה געווען איינגאַנצן אויפצוגעבן די האָפענונג אויף אַ העכסטן גליק, דעם געדאַנק, אַז אַזאַ העכסטער צושטאַנד פון דער נשמה איז מעגלעך פאַר דעם מענטשן, און זיך באַנוגענען מיט דעם אייביקן ש ט ר ע ב ן, מיט דער אומרואיקער טעטיקייט. וואָס זאָל פ אַ ר ט ו י ב ן זיין בענקשאַפט נאָך גליק, ערשט פלוצלונג איז דער לאַנג-געזוכטער העכסטער מאָמענט אומגעריכטערהייט ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

אין דער צייט, ווען ער האָט אויפגעהערט זיך צו יאָגן נאָך זיין אייגן גליק, ווען זיין געדאַנק איז פול געוואָרן מיט די פריידן און ליידן פון יענע מיליאָנען מענטשן, פאַר וועמען ער וויל אויסטריקענען אַ שטיק ים; ווען פאַר זיינע

גייסטיקע אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן דער אידעאַל פון אַ פאַרנונפטיקן חשובן מענטשלעכן לעבן, — ערשט אין דעם מאָמענט איז אַריין צו אים דאָס גליק, פול ווי אַן אויג, און האָט אָנגעצונדן אַלע פרייד-פייערן אין זיין נשמה.

עס איז, ווי ווען געטע וואָלט אונז געזאָגט: „מענטש, כל זמן דו וועסט זוכן דיין אייגן גליק, און טראַכטן נאָר וועגן זיך און דעם אייגענעם גליק, וועט ער צו דיר נישט קומען, דער העכסטער נחת, נאָך וועלכן דו בענקסט. קומען וועט ער צו דיר נאָר דעמאָלט, ווען דו וועסט מיט דיין גאַנצער נשמה זיין אַריינגעטאָן אין דעם לעבן, — אין די פריידן און די לײדן פון די אַנדערע, ווען דו וועסט אַליין אַרבעטן, כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר זיי אַזאַ לעבן, וואָס דו רעכנסט, אַז עס איז דאָס חשובסטע פאַר אַ מענטשן אויף דער וועלט".

דאָס קלינגט אַביסל, ווי אַ נייע וואַריאַציע אויף דעם אַלטן מאָראַלישן געבאָט פון אָפּטויטן דעם אייגענעם „איך", פון מסירת נפש צוליב דעם אַנדערן, פון דעם פולסטן „בטול היש".

מיר האָבן אָבער שוין פריער באַמערקט, אַז די פסיכאָלאָגיע פון דער פריידיקער מסירת-נפש צוליב אַן אידעאַל, — דער נשמה-צושטאַנד פון אַ „עאופאָריאָן", — איז נישט די פסיכאָלאָגיע פון אַ פאַוסט, וואָס איז נישט קיין אויסנאַם-נאַטור, נישט צום בייזן און נישט צום גוטן, נאָר אַ מענטש, אַ גוטער מענטש: דאָס פּראָבלעם פון זיין גליק איז דאָס פּראָבלעם פון דעם געוויינלעכן מענטשנס גליק בכלל.

און ווייניקער פאַר אַלץ איז פאַר זיינע געוויינלעכע מענטשלעכע כוחות דער אידעאַל פון „בטול היש", דאָס אַבּ-סאָלוטע גאָרנישט-טראַכטן וועגן זיך און דעם אייגענעם גליק. אדרבה! אָט דאָס טראַכטן איז דער צענטער פון זיינע בענקשאַפטן און שטרעבונגען. און ווען זיין העכסט גליק ווערט דערגרייכט אין דער אַרבעט צוליב אַנדערע, פאַרלירט

ער דערבײַ נישט זײַן עגאָצענטרישן באַוווסטזײַן: „א י ך גענים איצטער דעם העכסטן אויגנבליק!" — דאָס פילט ער און ווייס מיט אַלע פיברען פון זײַן עצם.

און ווי יעדער געוויינלעכער — און אפשר אויך דער אויסערגעוויינלעכער — מענטש, בענקט ער אין זײַן אינעווייניקסטער טיף נאָך א ײ ב י ק ײ ט, נאָך אומשטערבלעכקייט; און דער אידעאַל פון זײַן גליק איז אַזאַ, וואָס שליסט אין זיך אײַן דעם אומשטערבלעכקייטס־געדאַנק.

פאַוסט איז אָבער, לויט זײַנע אָנשויאונגען, צו־ווייט פון אַ רעליגיעזן אָדער אַ מעטאַפיזישן גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט. זײַן אומשטערבלעכקייט איז אַ די־וועלטיקע. ער וויל לעבן אײַביק אין דעם לעבן פון די קומענדיקע דורות: נישט אין דעם דאַנקבאַרן זכרון פון דער מענטשהייט, — דאָס וואָלט געווען דער אומשטערבלעכקייטס־געדאַנק פון דעם כבוד־גייציקן— די אויסשפרייטונג פון דער כבוד־תאווה אויף דער אומענדלעכקייט אין דער צייט. פאַוסט האָט אָבער שוין לאַנג אײַנגעזען די נישטיקייט פון יענער תאווה: „די ט אַ ט איז אַלץ און גאָרנישט־נישט דער רום". ער וויל, אַז דאָס ו ו י כ ט י ק ס ט ע פ ו ן א י ם, זײַנע טאַטן, זאָלן לעבן אײַביק: די פעולה, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, זאָל נישט פאַרשווינדן. און דאָס באַוווסטזײַן, אַז דורך זײַנע טאַטן האָט ער דערגרייכט יענע מדרגה פון אומשטערבלעכקייט, וועלכע איז מעגלעך פאַר דעם מענטשן אויף ד ע ר וועלט, אָט דאָס באַוווסטזײַן, וואָס איז אויך דורך־און־דורך עגאָצענטריש, איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין זײַן אידעאַל פון גליק:

עס קאָן די שפור פון מ ײ נ ע לעבנס־טעג
נישט אין עאָנען אונטערגיין! —

קוועלט ער אָן אין פריידיקער התלהבות.

דאָס איז נישט קיין „בטול־היש", דאָס איז אַן אויסוועלגערונג און אַ פאַרפײַנערונג פון דעם אייגענעם „איך"

איז דאָ יענער טייל אין „מיר“, יענע געדאַנקען און געפילן,— „מיינע“ געדאַנקען און געפילן, — וואָס שטרעבן אין ענערגישער אַרבעט צו אייביקייט און אומשטערבלעכקייט נישט אין „מיין“ לעבן, נאָר אין אַ לעבן, וואָס איז גרעסער און דויערהאַפטיקער ווי מיין אינדיווידועלע עקזיסטענץ. זיך אַריינפלעכטן אין יענער איבער-אינדיווידועלער עקזיסטענץ-ספערע, אַרויפלייגן „מיין“ באַשאַפערישן שטעמפל אויף איר און אויף אַזאַ אופן בלייבן לעבן אין איר, — אָט דאָס און נאָר דאָס קאָן ברענגען דעם מענטשן דאָס העכסטע גליק, צו וועלכן ער שטרעבט.

און דערינען ליגט דער סך-הכל פון געטעס ענטפער אויף דער וויכטיקסטער שאלה פאַר דעם מענטשן: וואָס איז גליק און ווען קאָן אַ מענטש באמת זיין גליקלעך.

וואָלט דאָס נישט געווען געטע, וואָלט מען אפשר געקאָנט מיינען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דעם אָדער יענעם מין „מאָראַל-טרומייטערער“, וואָס וויל אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן „מחזיר למוטב“-זיין דעם זינדיקן בן-אדם, געבן אונז „אַ שטיקל אַגיטאַציע“, -- ווי מען האָט דאָס גערופן אין דעם „בונדס“ צייטן.

אָבער, ווי געזאָגט: דאָס איז געטע! געטע — דער „אָלימפּיער“. דער גריכישער גאָט, דער פרייסטער גייסט אין זיין געדאַנק און אין זיין לעבן: דער פרייסטער קודם-כל פון יעדער אויטאָריטעט און פון יעדער אַרויפגעצוווּנגענער אָדער פון דרויסן-אַריינגעבלאָזענער מאָראַל.

דאָס, וואָס ער גיט אונז אין זיין „פאַוסט“, איז די קווינטעסענץ פון זיין לעבנס-באַטראַכטונג, די אונטערשטע שורה פון זיינע לעבנס-דערפאַרונגען. ווייל אויך געטע איז געווען אַ מין „פאַוסט“ און אויך זיין לעבן האָט געהאַט אין זיך אַלע יענע עלעמענטן, דורך וועלכע ער לאָזט דורכגיין זיין העלד. אויך ער האָט זיך געבאָדן אין אַלע תענוגים פון די

נידעריקסטע ביז די העכסטע, אַקוראַט ווי אַ מעפיסטאָפעל וואָלט אים זיין גאַנצן לעבן געדינט: אַפילו אַ מיניסטער אין אַ קעניגלעכן הויף איז ער געוועזן, פונקט ווי פאַוסט.

און עס קומט אים גאָר אויפן זינען נישט אַרויף וואָס עס איז צו פּרײדיקן, ווי דאָס איז דער ציל פון דעם ספר „איוב״: ער דערציילט אונז: „אַזוי איז דאָס די מעשה. אָט דאָס האָב איך אויסגעפונען אין מיינע באַטראַכטונגען וועגן דעם מענטשלעכן גליק״.

אָט פאַרוואָס געטעס עדות איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן איינעם, וואָס שטודירט דאָס גליק-פּראָבלעם: געטע איז אַן אומפּאַרטייאישער עדות און דערצו גאַנץ זיכער איינער, וואָס איז „אַליין דערביי געוועזן״.

געטע גיט אונז אָבער נישט קיין דערקלערונג, פאַר-וואָס דאָס איז אַזוי, פאַרוואָס מוז דאָס זיין אַזוי. וואָס עפּעס זאָל דעם מענטשנס גליק ליגן גראָד אין יענע פעלדער פון דעם מענטשנס טעטיקייט, וווּ זיין אינדיווידואַליטעט פלעכט זיך אַריין אין אַן איבער-אינדיווידועלע עקזיסטענץ און גייט לסוף אינגאַנצן אַריבער אין איר?

איז אפשר דער ענטפער, וועלכן געטע האָט געפונען פאַר פאַוסטן (און פאַר זיך אַליין) נישט קיין ענטפער פאַר אַלע מענטשן, נאָר אַ ריין-פערזענלעכע מיינונג פון קנאַפער וואָג?

כדי צו פאַרענטפערן די שאלה מוז מען אויסהערן נאָך אַנדערע וויכטיקע מענטשלעכע עדות, און אין די גרענעצן פון אונזער איצטיקער אַרבעט — מוזן מיר אויסהערן איובן, וואָס האָט אויפגענומען דעמזעלביקן פּראָבלעם פון זיין אַנדער זייט: פון דער זייט פון די מענטשלעכע ליידן.

צו דעם ספר „איוב״ גייען מיר איצטער איבער.

אויף אָט דעם ספר וועט אונז אויסקומען זיך אַ סך ווייניקער אָפּצושטעלן, ווי אויף „פאַוסט״. און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס דאָס ווערק פאַרדינט נישט קיין טיפערן

אַנאַליז אָדער גיט נישט קיין גענוג מאַטעריאַל דערצו, נאָר מחמת אַ ריין-פּערזענלעכן טעם: איך האָב שוין אַמאָל געשריבן וועגן איובן מיט דעמזעלביקן אויסבליק אויף דעם פּראָבלעם פון מענטשלעכע ליידן, אָבער אָן אַ בּרעקל פאַרגלייך מיט פאַוסטן. איך וועל דעריבּער מוזן מקצר זיין אויף אַ סך פּונקטן, וועגן וועלכע איך האָב מער באַריכות גערעדט אין יענער אַרבּעט *).

דערפאַר וועלן מיר דאָ מוזן געבּן אַביסל מער פּלאַץ פאַר אייניקע ענינים, וואָס זענען דאָרטן גאָרנישט באַרירט געוואָרן אָדער אָנגערירט געוואָרן נאָר אויבן-אויפיק.

אַזוי, צ. בּ., מוזן מיר דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער מכּוח דער אור-אַלטער יידישער פאָלקס-לעגענדע וועגן איובס ליידן, וועלכן דער שפּעטערער יידישער דיכטער (אָדער עטלעכע אַזעלכע דיכטער) האָבּן אויסגענוצט פאַר זייער ווערק כּמעט אויף דעמזעלביקן אופן, ווי געטע האָט דאָס געטאָן מיט דער דייטשישער פאָלקס-לעגענדע וועגן פאַוסטן.

ערשט ווען מיין אויבּנדערמאָנטע אַרבּעט איז שוין געווען אָפּגעדרוקט, בּין איך באַקאַנט געוואָרן מיט דער אַראַבּישער ווערסיע פון דער איוב-לעגענדע, וואָס איז זיכער אַ סך נענטער צו דעם העבּרעאישן אור-טעקסט, ווי דאָס הויךפּאָעטישע און פילאָזאָפישע ווערק, וואָס מיר האָבּן איצטער אין אונזערע הייליקע שריפטן.

דער תּוכן פון דער דערציילונג איז דאָ אומעטום דערזעלביקער. אין אַ געוועט מיטן שטן האָט גאָט געגעבּן אים די דערלויבעניש אויסצופּרווון איובס פרומקייט און גאָט-איבּערגעגעבּנקייט דורך אַלערליי אַרטן צרות און פּורעניות, וואָס דער שטן שיקט אויף אים אָן.

---

*) פּאַרגלייך: „איוב", א פּאָעמע פון דעם יידישן פרייען געדאַנק", אין מיינע געזאַמלטע שריפטן, ערשטער באַנד, ז. ז. 199 — 243, אויך אין אן איינצ' אויסגאַבּע.

אין דער אראבישער לעגענדע איז אָבער קיין וואָרט נישטאָ וועגן איובס וויכוח מיט זיינע פריינט, וועגן זיין העפטיקער מרידה אַנטקעגן גאָטס פיר פון דער וועלט, וועגן זיין טיף-פעסימיסטישער וועלט-און-לעבנסאָנשויאונג, וועלכע ער אַנטוויקלט אין דער צייט פון זיינע ערגסטע ליידן, וועגן זיין נייעם אידעאַל פון אַ וועלט-גאָט, וואָס ווערט געבאָרן ביי אים אין זיינע ליידן.

אָנשטאָט דעם גייען איינע נאָך דער אַנדערער באַשרייבונגען פון יסורים, איינע אוממענטשלעכער פאַר די אַנדערע, וועלכע איוב האָט אויסצושטיין פון זיין שרעקלעכער קרענק, פון זיין ווייב, זיינע קרובים, זיינע פריינט און פיינט און פון יעדן איינעם אַרום. איוב ווערט גערודפט אויף שריט און טריט, און פונדעסטוועגן פאַרזינדיקט ער זיך נישט אַנטקעגן גאָט, נאָר אַדרבה! נאָך יעדער נייער פּלאָג ווערט ער אַלץ שטאַרקער אין זיין גלויבן אין גאָטס גערעכטיקייט, אַלץ מוטיקער אין דער פאַרטיידיקונג פון זיין גלויבן. סוף-כּל-סוף שעפּן זיך די צרות אויס, אַ מלאך פון הימל קומט צו אים, לויבט אים פאַר זיין טרייער הכנעה צו דעם ווילן פון דעם אַלמעכטיקן און גיסט אויף אים אויס דעם פולן האָרן פון גאָטס גענאָד. איוב ווערט נאָך אויף דער וועלט זיבנפאַך באַלוינט פאַר זיין פעלזן-פעסטער פרומקייט.

לויט איר ליטעראַרישער פאָרם איז די אַראבישע לעגענדע אַ געמיש פון אַ העלדן-מעשה מיט אַ מוסר-מעשה. די אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע פּרעגלט זיך דאָרטן אין אוממעגלעכע גוזמאות, כּדי די העלדישקייט פון איובן זאָל אַרויסרופן אַלץ אַ גרעסערע באַוווּנדערונג; און דער מוסר-השכּל פון דער דערציילונג איז דער פּרימיטיוו-רעליגיעזער גלויבן, אַז די פרומקייט און גאָט-איבערגעבנקייט ווערט באַלוינט כּפל-כּפלים און אַז עס איז פּשוט אין דעם מענטשנס אייגענעם עגאָאיסטישן אינטערעס, שטרענג אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דעם אייגענעם גלויבן און חלילה נישט דערלאָזן אַרויפקומען אויפן

רעיון אַ וועלכן עס איז חשד אין גאָטס גערעכטיקייט אָדער אַלמאַכט.

אַ וועלכע עס איז העכערע אויפפאַסונג פון דעם רעלי-גיעזן פּראָבלעם, וועלכע עס איז טיפערע עטישע און פילאָזאָפישע פראַגן, אַ וועלכער עס איז מער אַריינדרינגנדיקער בליק אויף דעם מהות פון דעם מענטשלעכן לעבן און פון דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט, — די אַלע זאַכן, וואָס אַרום זיי דרייט זיך דער איצטיקער טעקסט פון „איובן”, פעלן לגמרי אין דער אַראַבישער לעגענדע.

און עס איז מיט אַ גוטן גרונט אָנצונעמען, אַז אויך די אַלטע יידישע איוב-לעגענדע, וואָס האָט שוין געמוזט זיין באַקאַנט דעם נביא יחזקאל, איז געווען געבויט לויט דעמזעלביקן מוסטער, וואָס די אַראַבישע: אַ באַשרייבונג פון אַלץ גרעסערע און גרעסערע ליידן און פּלאָגן, די באַוווּנדערונג פאַר יענער גייסט-קראַפט פון דעם צדיק, וואָס טראָגט זיי אַלע אַריבער מיט דער גרעסטער געדולד און דעם טיפסטן בטחון. און לסוף — די צעטריבענע וואָלקנס און די שטראַלנדיקע זון פון גאָטס גערעכטיקייט און גענאָד.

אַן אָנהאַלט פאַר דעם געדאַנק, אַז אין דער אַלטער יידישער איוב-לעגענדע זענען געשילדערט געווען אַ סך מער ליידן, פּלאָגן און פאַרפאָלגונגען מצד מיט-מענטשן, איידער אין דעם איצטיקן טעקסט, קאָן מען געפינען אין איניקע שטעלן פון איובס באַקלאָגן זיך אויף זיין גורל.

אין דעם קאַפּיטל 29 שילדערט איוב זיין פריערדיקע גרויסקייט און חשובקייט ביי אַלעמען פאַר זיין קלוגשאַפט און גערעכטיקייט, און ווי אַ קאָנטראַסט דערצו — אין דעם קאַפּיטל 30 — די זלזולים און באַליידיקונגען, וואָס שיטן זיך איצטער אויף זיין קאָפּ.

און איצט פאַרלאַזן מיך אַזעלכע,
וואָס זענען יינגערע פאַר מיר,

וואָס זיי'רע פּאָטערס האָב איך מיך געמאוסט
צו לאָזן זיין אינאיינעם מיט
די הינט פון מיינע פי.
— — — — — — — — — — —
אַ שפּאָט-ליד בין איך איצט פאַר זיי געוואָרן,
אַ שטענדיק גערייד.
זיי טוען מיך פאַראומווערדיקן.
זיי וויכן אויס פון מיר
און שפּייען מיר אין פּנים... א. אַז. וו. *)

לויט דער דערציילונג פון די פּראָזאַ-קאַפּיטלען, וואָס שילדערן איובס גורל, זענען אָבער אַזעלכע זאַכן מיט אים קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. נאָכדעם, ווי דער שטן האָט געשלאָגן זיין לייב מיט דער שרעקלעכער קרעץ, זענען זיינע פריינט געקומען צו אים, צו טרייסטן אים, און תיכף האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן דער גייסטיקער קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צו גאָטס אַנטפּלעקונג און פאַרגעבונג.

די שפּעטערדיקע באַארבעטער פון דער פּרימיטיווער איוב-לעגענדע האָבן געטאָן מיט איר דאָס, וואָס געטע האָט געטאָן מיט דער פּרימיטיווער פאוסט-לעגענדע: זיי האָבן גענומען נאָר דעם תּוכן פון דעם ספּור-המעשה, אַרויסגעוואָרפן אַלע עפּיזאָדן, פון וועלכע די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט אָנגעקוואָלן, און אַריינגעשטעלט אָנשטאָט דעם אַ טראַגעדיע, אָדער אַ טראַגישן וויכוח, וואָס וועגן אים האָט די אַלטע פאָלקס-פאַנטאַזיע גאָר נישט געקאָנט חלומען.

און אַקוראַט ווי געטע האָט דעם אַבסאָלוטן רשע פאוסט פאַרוואַנדלט אין אַ גוטן מענטש, וואָס גייט נאָר אַראָפּ אויף אַ ווײַלע פון דעם רעכטן דרך, כּדי דורך זיין „טונקעלן דראַנג" ווידער אַרויפצוגיין אויף אים, האָבן אויך

*) איוב ל"ז, כ' — 10

די יידישע מחברים פון „איוב״ געלאָזט דעם צדיק איוב אויף אַ ווײַלע געשטרויכלט ווערן מיט זײַנע רייד, ווערן אויף אַ ווײַלע אַ רשע און אַ גאָט-שטורעמער, כדי ער זאָל דערנאָך ווידער אומקערן זיך צו זיין געטרייען בטחון אין גאָט.

עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע אַרבעט — צו וועלן ציען אַ פּאַראַלעל צווישן פאַוסטן און איובן, ווי צווישן צוויי לעבעדיקע מענטשלעכע טיפּן. לאָמיר נישט פארגעסן דעם מהלך צייט, וואָס ליגט צווישן די צוויי ווערק: „איוב״ אין זיין לעצטער געשטאַלט איז פאַרפאַסט געוואָרן נישט ווייניקער מיט אַ צוויי טויזנט יאָר פאַר „פאַוסט״. פּסיכאָלאָגישע און ריין-קינסטלערישע זאַכן האָבן דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט אינטערעסירן דעם דיכטער, און אויב מיר ווערן אָפטמאָל נשתומם פון די פיל פּאָעטישע שיינקייטן און טיפע לעבנס-אמתן, וואָס זענען פאַרזייט אין די רייד פון איובן — און אויך נישט זעלטן אין די רייד פון זיינע קעגנער — קאָנען מיר אָבער דאָך נישט דערוואַרטן פון זיי. — איך מיין די דיכטער פון „איוב״, זיי זאָלן האָבן געהאַט אין זינען — לעבן די פילאָזאָפישע צילן — אויך די קינסטלערישע אויסאַרבעטונג און שילדערונג פון אַ אינטערעסאַנטער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

נישט קוקנדיק אָבער דערויף, גיט אונז דאָך דאָס ווערק די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מין מענטש איוב איז געווען, און וואָס די מחברים פון דער פּאָעמע האָבן פאַרשטאַנען אונטער דעם וואָרט: „אַ צדיק״.

עס איז נאָך אַפילו אין דער איצטיקער צייט אַבסאָלוט נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז אין יענע דורות האָבן די ווערטער „תם וישר, וירא אלהים וסר מרע״ („אַ גאַנצער מענטש, אַ גערעכטער, אַ גאָטספאָרכטיקער און אָפּגעקערט פון שלעכטס״) געהאַט אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג איידער מיר, יידן, זענען פון קינדוויז אויף געוווינט צו פאַרבינדן מיט זיי.

פאַר אונז, יידן, איז דער באַגריף פון אַ צדיק און אַ גאָטס-פאָרכטיקן קודם כּל אַ ר ע ל י ג י ע ז ע ר באַגריף: אַ פרו-מער מענטש איז דער, וואָס היט אָפּ אַלע מצוות און עבירות בנוגע צו גאָט, די מצוות „שבין אדם למקום". די מצוות אָבער פון דער מענטשלעכער מאָראַל, די פאַרפליכטונגען צו די מענטשן, געהערן ביי אונז מער צו „גוטסקייט" איידער צו „פרומקייט".

אין „איובס" צייטן, אויף וויפל מען קאָן דאָס אויסגע-פינען פון דעם ווערק, איז דער ר ע ל י ג י ע ז ע ר באַ-גריף פון פרומקייט געווען ענג-צונויפגעגאָסן מיט דעם מאָראַ-לישן באַגריף פון גוטסקייט און איז באַשטאַנען קודם-כּל אין מאָראַלישער ריינקייט און גערעכטיקייט צו די מיט-מענטשן. אין דעם פּרט שטייט דער ספר „איוב" אינגאַנצן אויף דעם באָדן פון אונזערע נביאים, פון אַ מיכה און אַ ישעיה, פאַר וועמען פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט האָבן זיך אויסגעדריקט נאָר אין איין געבאָט — וועלכן מיכה האָט אַזוי קורץ און שאַרף פאָרמולירט אין די ווערטער: „טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן געָנאָד און אומגיין צניעותדיק מיט גאָט".

דאָס ווערט קלאָר פון די באַשולדיקונגען, וועלכע זיינע פריינט וואַרפן אים אין פּנים אַריין.

איובס פריינט קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש אויף דער וועלט זאָל ליידן אומזיסט. דעם מענטשנס יסורים באַטראַכטן זיי אַ ל ע מ אָ ל, ווי גאָטס אַ שטראָף פאַר וועלכע עס איז באַגאַנגענע זינד. אויב איוב איז געפּלאָגט געוואָרן מיט אַזעלכע אוממענטשלעכע ליידן, איז דאָס אַ קלאָ-רער סימן, אַז איוב האָט געזינדיקט און ער איז דערפאַר ג ע ש ט ר אָ פ ט געוואָרן. אָבער פאַר וו ע ל כ ע זינד ווערט אַ מענטש געשטראָפט? נ י ש ט פאַר די זינד אַנט-קעגן גאָט, נאָר פאַר די עוולות אַנטקעגן דעם מיט-מענטש.

שאַרף, קלאָר און לאַגיש ברענגט דאָס אַרויס אליפז אין זיין דריטער רעדע:

קומט אפשר גאָט צונויז דעם מענטשנס טאָן?
ניין, נאָר זיך אַליין העלפט אויס דער פרומער.
וואָס פאַר אַ פאָרטייל ברענגט אים דען דיין
צדקות?
צי א געווינס, ווען דו טוסט גיין אין
רעכטן וועג?
שטראָפט ער דען דיך פאַר דיין טאָן פאָרכטן?
דערפאַר דען ציט ער דיך צום משפט?
נישט אַנדערש:
גרויס איז שוין דיין שלעכטס,
קיין ענד נישטאָ צו דיינע זינד,
ווען דו ביים ברודער נעמסט אומזיסט אַ משכון;
ווען דו ביים נאַקעטן די קליידער ציסט אַראָפּ;
ווען דו דעם מידן קיין טרונק וואַסער גיסט;
דעם הונגעריקן קיין שטיקל ברויט;
ווען איינער מיט אַ שטאַרקן אָרעם רייסט צו
זיך די ערד
און, אַ בכבודער, באַזעצט זיך באַלד אויף איר;
ווען דו אלמנות שיקסט מיט ליידיקן צוריק;
צעברעכסט די אָרעמס פון יתומים, —
נאָר דעמאָלט זענען גריבער אַרום דיר,
פון פחד ווערסט דערשראָקן פלוצלונג,
דיין ליכט ווערט טונקל דיר, דו זעסט נישט,
און אַ שלל וואַסער דעקט דיך צו*).

פריער האָט אליפז זיך נאָך קיינמאָל נישט דערוועגט צו שליידערן איובן אין פּנים אַריין אַזעלכע קלאָרע באַשולדיקונגען. ער פּ׳עגט אַלץ רעדן האַלב פאַרשטעלט, מיט אָנצוהערענישן: „באַטראַכט זיך, דערמאָן זיך, עס קאָן דאָך נישט

*) איוב, כ״ב, ל״ה.

זיין! גאָט וועט דאָך נישט שטראָפן אַ מענטש אומזיסט; קיין מענטש קאָן דאָך נישט זיין אינגאַנצן ריין. אפשר האָסטו פּאָרט געזינדיקט?" ערשט אין דער דריטער רעדע מאַכט ער זיין שטאַרקע אַטאַקע אויף איובס פּערזענלעכקייט. און ווען אפילו מען זאָל טייטשן דעם קאַפּיטל, ווי איך טייטש אים דאָ: ווי אַ ה אַ ל ב - ב אַ ד י נ ג ט ע באַשולדיקונג, איז אויך גע-נוג קלאָר, אין וואָס אליפז איז חושד איובן.

אָבער דערפון זעען מיר אויך, דורך וואָס אַ מענטש קאָן פאַרדינען גאָטס שטראָף, לויט אליפזעס מיינונג. ער פּרוּווט גאָרנישט באַשולדיקן איובן אין דעם, אַז טאָמער האָט ער אַ מנחה פאַרפעלט, אָדער שטילערהייט אום יום כּפּור אַ חזירל געגעסן און פאַררויכערט מיט אַ ציגאַר. פון אַט די נאַרישע עבירות, וואָס זענען שפּעטער אַזוי וויכטיק געוואָרן ביי דעם יידישן פאָלק, האָט מען נאָך דעמאָלט קיין באַגריף נישט גע-האַט; גאָט שטראָפט איינעם פאַר זיינע זינד לגבי די מיט-מענטשן.

און ווען איוב פאַרענטפערט זיך און רעכנט אויס זיין מאָראַלישן אני מאמין, און רעדט איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אַז ער האָט זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרזינדיקט אַנט-קעגן גאָט, ווערט אויך די הויפּט-וואָג געלייגט אויף מאָראַלישע ריינקייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט. נאָר איינמאָל דערמאָנט ער זיין ריין-רעליגיעזע טרייקייט צו גאָט:

ווען איך וואָלט געקוקט אויף דער שיינענדער זון,
דער לבנה, וואָס גייט אַזוי פּרעכטיק,
און וואָלט זיך אין האַרצן פאַרבאָרגן ביינאַכט
און וואָלט אין מיין האַנט זיך געקושט, —
אויך ד אָ ס וואָלט געווען אַ שטראָפּבאַרע זינד:
און גאָט וואָלט איך דעמאָלט געלייקנט,
דעם גאָט, וואָס איז אויבן, אין הימל*).

---

*) איוב, ל"א, 26—28.

העכסט מערקווירדיק איז דאָ דער „אויך דאָס וואָלט געווען אַ שטראָפבאַרע זינד" (גם הוא עון פלילי). אָבער אויך אין דעם פּרט פילט זיך איוב ריין פאַר גאָט: ווער רעדט שוין פון דער הויפּט־זאַך: זיין אמתער פרומקייט, דאָס הייסט, זיין גערעכטיקייט צו די מיט־מענטשן.

אגב מוזן מיר דאָ באַמערקן, אַז ווען אליפז רעכנט איובן אויס אַ צעטל פון מיאוסע מעשים, אין וועלכע ער איז אים מער ווי חושד, קאָן ער זיך נישט שטיצן אויף קיין איין־איינציקן ווירקלעכן פאַקט אין איובס לעבן. זיין זיכערקייט (אויב ער איז געווען זיכער אין דעם) האָט געשטאַמט נאָר פון זיין לאָגישער השערה, פון זיין טעאָרעטישער וועלטאָנשויאונג, וואָס איז געווען געבויט אויף דעם גרונט־געדאַנק, אַז גאָט איז קודם כל אַ גערעכטער גאָט: ווי דען אַנדערש דערקלערן איובס יסורים?

פון איובס לעבן האָט ער, אליפז, אדרבה, געוווסט נאָר דאָס בעסטע.

גלייך אין אָנהויב, אין זיין ערשטער רעדע, נאָך דער ערשטער טיפער קלאָג איובס אויף זיין ביטערן גורל, דער־מאָנט אים אליפז:

האָסט דאָך אַליין געמוסרט פילע
און שוואַכע הענט געשטאַרקט.
דעם שטרויכלענדיקן מיט רייד געהאָלפן אויפשטיין
און וואַקלענדיקע קני געקרעפטיקט.

שוין פון די פאַר שורות לייכט אונז אַנטקעגן איובס מענטשן־ליבנדיקער, אַלטרואיסטישער כאַראַקטער. מיר מעגן איובן גאַנץ זיכער גלויבן אויפן וואָרט, ווען ער זאָגט וועגן זיך:

אַן אויג געווען בין איך פאַר בלינדע,
אַ פוס געווען בין איך פאַר לאָמע,
אַ פאָטער פאַר די אָרעמע*).

---

*) איוב, כ"ט, 15—16.

## VI

אין די שפּעטערע תּלמודישע דערציילונגען וועגן איובן לעבט נאָך די פאַרשטעלונג פון דעם גערעכטן מאַן, וועמעס האַרץ ס'איז פול פון ליבע און רחמנות צו יעדן לעבעדיקן באַשאַף.

אין די לעכער פון איובס לייב האָבן זיך פאַרפּירט ווערים, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט זיין לעבעדיקן פלייש... פלעגן זיי — ווערט דערציילט אין דער תּלמודישער ליטעראַטור — אַרויסקריכן פון זייערע לעכער און זיך קריגן צווישן זיך פאַר אַ פּיצל איובס לייב. איוב אָבער פלעגט מאַכן שלום צווישן זיי און ווידער אַריינזעצן זיי יעדן אין זיין לאָך.

אַזאַ שטריך הויבט אים שוין אויף צו דער מדרגה פון אַ מאָראַלישן איבער-מענטשן, צו אַ ה ײ ל י ק ן, צו אַ מין בודדאַ, וועגן וועלכן עס ווערט אויך דערציילט אַ ענלעכע לעגענדע.

לויט דעם מאַטעריאַל אָבער, וואָס געפינט זיך אין אונדזער שריפט, גייט איוב נישט אַרויס פון דעם גדר „מענטש", פּונקט ווי פאַוסט. ווי פאַוסט איז ער אין דעם עצם פון זיין נאַטור אַ שטאַרקער אַלטרואיסט, מיט פיל רחמנות און ליבע צו די מיט-מענטשן, מיט אַ שאַרף-אויסגעבילדעטן זין פאַר גערעכטיקייט, אָבער אין דערזעלביקער צייט נישט קיין „בטולהיש"-מענטש, נישט קיין עאופּאַריאָן-טיפּ, וואָס לעבט אין שטענדיקער פרייד און שטענדיקער מסירת-נפש פאַר די אַנדערע. ווי אַלע געוויינלעכע מענטשן — און ווי פאַוסט — איז אויך איוב עגאָצענטריש. זיין אייגן גליק און אומגליק ווערט נישט פאַרטרונקען אין די באַטראַכטונגען וועגן דעם גורל פון דעם כּלל.

דער גרעסטער טייל פון זיינע קלאָגן באַשטייט אין דער שילדערונג פון זיין אייגענעם ביטערן גורל, פון זיינע אומענדלעכע יסורים, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט זיין לעבן אין

אָן אומדערטרעגלעכע לאַסט. ווי פאַוסט אין דעם פעריאָד פון זיינע ערשטע ליידן, טרוימט אויך איוב וועגן דעם טויט, וואָס זאָל אים באַפרייען פון זיינע פּלאָגן.

צו וואָס דער ליכט-שיין דעם געפּלאָגטן?
צו וואָס דאָס לעבן פאַר אַ שווער געמיט,
פאַר די, וואָס וואַרטן אויפן טויט, ער אָבער
קומט נישט,
וואָס גראָבן זיך נאָך אים, ווי נאָך אַן אוצר,
וואָס וואָלטן ווערן מלא שמחה, אויפשפּרינגען
פאַר פרייד,
געפינענדיק דעם קבר?

(קאַפּ. ג׳ 20—22).

ער בענקט נאָך דער צייט פון זיין פריערדיקן גליק, און שווער ווערט אים אַריבערצוטראָגן די איצטיקע דערנידערונג, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם גלאַנץ פון זיין אַמאָליקער גרויס.

אָ, ווער מאַכט מיך ווידער ווי אַמאָל,
אין פריערדיקע טעג
ווען גאָט האָט מיך באַשירעמט.

. . . . . . . . . . . . .

און דער אַלמעכטיקער איז נאָך געווען מיט מיר
און אַרום מיר — מיין יונגוואַרג!
ווען מיינע שריט געבאָדן האָבן זיך אין דיקע מילך
און פון אַ פעלז פלעגט שלאָגן מיר אַ שטראָם
פון בוימאייל!
פלעג איך אַרויסגיין צו דעם טויער פון דער שטאָט
און זיך אַנידערזעצן אויפן מאַרק, —
דאָס יונגוואַרג פלעגט מיך אָנקוקן און זיך באַהאַלטן,
די זקנים פלעגן זיך אַוועקשטעלן און בלייבן שטיין:

די שרים הערן אויף צו רעדן,
זיי לייגן צו די האַנט צו זייער מויל;
די שטימע פון די נגידים ווערט פאַרשטומט,
עס קלעפּט די צונג בײַ זיי צום גומען:

. . . . . . . . . . . . .

זיי הערן, וואָס איך רעד און וואַרטן,
און האָרכן שווייגנדיק מיין עצה.

. . . . . . . . . . . . .

האָב איך מיין וועג געוויילט צו זיין,
בין איך געזעסן אויבנאָן,
גערוט גלייך ווי אַ מלך צווישן חיל.

(קאַפּ. כ״ט)

און פונקט ווי פאַוסט, איז איוב געווען אַן אינדיווי־דואַליסט, אויב מען זאָל אונטער דעם וואָרט פאַרשטיין יעדן איינעם, וואָס בויגט זיך נישט פאַר דרויסנדיקער אויטאָ־ריטעט, וואָס האָט נאָר איין האַר איבער זיך: די שטים פון דעם אייגענעם שׂכל און דעם אייגענעם יושר.

און אַקוראַט אַזוי ווי בײַ פאַוסטן, איז אויך בײַ איובן דער אינדיווידואַליזם נישט געווען קיין שטער צו זיין אַלטרו־איזם, נאָר, אדרבא, אַן אָנטרייב צו זיין זאָרג און צער פאַר דעם גאַנצן כּלל. איוב קאָן אויך מיט פאַוסטן זאָגן אויף זיך: „דער גאַנצער יאָמער פון דער מענטשהייט גרייפט מיך אָן", אייגנטלעך, נאָך מיט אַ סך מער רעכט און אין אַ סך אַ דירעקטערן זין, ווי פאַוסט.

דער „גאַנצער יאָמער פון דער מענטשהייט" האָט אָנגע־גריפן דעם ווידער־יונג־געוואָרענעם פאַוסטן נאָר איינמאָל, ווען גרעטכענס טראַגעדיע האָט אים פאַרנומען פאַרן האַרצן. אין דער גאַנצער איבעריקער צייט פון זיין לעבן האָט ער, דער געפּרוּווטער מיט נסיונות פון תּענוגים, געטראַכט נישט וועגן דעם יאָמער און צער פון דער מענטשהייט, נאָר וועגן זיין

אייגענעם העכסטן גליק, ד. ה. וועגן דעם פּראָבלעם פון דעם העכסטן גליק פאַר יעדן מענטשן.

איוב איז אָבער געפּרוווט געוואָרן מיט נסיונות פון יסורים. אין יעדער מינוט פון זיין עקזיסטענץ האָט ער גע־פילט, ווי די ליידן עגבערן זיך אַריין אין אים, און דעריי־בער איז תּמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן נישט די פראַגע וועגן דעם מענטשלעכן גליק, נאָר דער ברענענדיק־שמערצלע־כער פאַקט פון דעם מענטשלעכן צער.

עס איז אים דעריבער אַ סך גרינגער געווען איידער פאַוסטן צונויפצוגיסן אין געדאַנק זיין אייגענעם גורל מיט דעם גורל פון דעם מענטש בכלל און אין זיינע פּערזענלעכע ליידן דערבליקן נישט מער ווי אַ ספּעציעלן פאַל פון דער פינסטערער מענטשלעכער מערכה איבערהויפּט.

אָפּטמאָל האָט אים אויך געמוזט אויסדוכטן, אַז זיינע אייגענע ליידן זענען אַ גאָרנישט לגבי דעם אומגעהויערן פאַקט פון דער אייביק־אומגליקלעכער מענטשלעכער עקזיסטענץ אויף דער וועלט. וויניקסטנס טייטשט פּראָפעסאָר שטייערנאַגעל אין דעם זין אויס זיינע ווערטער: „ואל הרך לבי ושדי הבהילני, כי לא נצמתי מפני חושך ומפני כסה־אופל", וואָס קאָנען איבערגעזעצט ווערן אַן ערך אַזוי:

יאָ, גאָט האָט מיר מיין מוט געבראָכן<br>און דער אַלמעכטיקער וואַרפט אָן אויף מיר<br>אַן אימה,<br>נישט ווייל פון אומגליק פינסטערן בין איך פאַרלענט<br>און נישט ווייל מיך האָט צוגעדעקט דער חושך.<br>(כ"ג, 16-17)

נאָר די מערקווירדיקסטע אַנאַלאָגיע צווישן פאַוסטס און איובס לעבן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ביידע האָבן דורכ־געלעבט אַ באַנקראָט אין זייער פריערדיקער וועלט־ און לעבנסאָנשויאונג. פאַוסט האָט איינגעזען די פאַלשקייט פון דער

מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, וואָס איז געהייליקט געוואָרן פון דער קאַטוילישער קירך, און האָט זיך געריסן צו אַ נייעם בליק אויף דעם מהות פון דער וועלט.
ביי איובן איז חרוב געוואָרן זיין גלויבן אין דער אַלט־יידישער נביאימשער וועלטאַנשויאונג, מיט איר גרענעצלאָזן אָפּטימיזם און איר אומבאַדינגטן צוטרוי צו דעם געטלעכן פיר פון דער וועלט, צו דעם אייביקן הערשן פון שטרענגער גערעכטיקייט אין איר. איובס האַרץ האָט גענומען בענקען נאָך אַן אַנדער וועלט און נאָך אַן אַנדער גאָט, נישט אַ גאָט פון „צדק און משפט", נאָר אַ גאָט פון אומענדלעכער ליבע און דערבאַרעמונג.

אויף אַזאַ אופן איז איוב געווען דער דענקער פון דעם איבערגאַנגס־פעריאָד, דער פאָרלויפער פון דער יונגער צייט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, צו דעם לאָגישן ענד געפירט דעם אידעאַל פון אַן „אל חנון ורחום", פון אַ געטלעכער, אַלץ שענקנדיקער, אַלץ פאַרגעבנדיקער ליבע, ווי אַ מעטאַפיזישער וועלט־פּרינציפּ, — אַן אידעאַל, וואָס איז אין זיין קלאָרסטער פאָרם אַריבערגעטראָטן אין די לערנונגען פון די אַלט־יידישע קאָמוניסטן: די איסיים און די ערשטע קריסטן.

עס קאָן זיין, אַז די אַלטע נביאימשע וועלטאַנשויאונג האָט נישט געקאָנט אנדערש אַריבערגיין אין די העכערע פאָרמען פון דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישן געדאַנק, סיידן זי זאָל פריער געלייטערט ווערן אין דעם פייער פון יענער אומברחמנותדיקער קריטיק, וועלכע די מחברים פון „איוב" האָבן אַריינגעלייגט אין דעם מויל פון דעם געפרוווטן צדיק, בעת ער האָט אויפגעהויבן זיין קאַמף אַנטקעגן גאָט און זיין משפט אין דער וועלט.

די אַלטע יידישע וועלט-אויפפאַסונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועבן ביי אַ הושע און אַן עמוס און איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין דער צייט פון תהילים און משלי, איז באמת גע-

זײַן אַ װוּנדערבאַר־ליכטיקע, זוניקע און לעבנס־פרײדיקע. אין אונזער איצטיקער צײַט גלױבט זיך כּמעט נישט, אַז אַזאַ שטענדיק־לײדנדיק פאָלק, װי אונזער פאָלק, זאָל־װען־עס־איז האָבן געהאַט אין זיך אַזױ פיל לעבנס־לוסט, אַזױ פיל װעלטלעכקײט, אַזױ פיל צוטרױ צו דער נאַטור, װיפל דאָס אַלץ געפינט זיך אין דער פילאָזאָפיע פון דעם עטישן מאָנאָטעאיזם, װעלכן דער ײדישער גײסט האָט אױסגעאַרבעט.

עס איז גענוג נאָר צו דערמאָנען זיך אָן דעם „ברכי נפשי״־קאַפּיטל פון תהילים (קאַפּ. ק״ד), כּדי צו האָבן אַ באַגריף װעגן — יענעם באַרױשנדיקן אָפּטימיזם, װעלכן אַזאַ פילאָזאָפיע ברענגט אַרױס.

דער „ברכי נפשי״ איז אַן אָדע אױף דער שײנקײט פון דער װעלט, אַ פרײד־פלאַמענדיק בילד פון דער נאַטור און דער מענטשלעכער אַרבעט, װי אַ טײל פון דעם נאַטור־בילד. אין דעם ליד רײַסט זיך דורך אַן אױסגעשרײ פון באַװוּנדערונג: „װי גרױס זענען דײַנע װערק, אָ גאָט, זײ אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפט באַשאַפן!״ און עס ענדיקט זיך מיטן װוּנש, אַז די זינד זאָלן אױפהערן אױף דער ערד און די רשעים זאָלן פאַרשװינדן.

און די קלוגשאַפט, מיט װעלכער גאָט האָט באַשאַפן די װעלט, ליגט, לױט יענער אָפּטימיסטישער אױפפאַסונג, אָפן פאַר יעדן אײנעם, װאָס װיל נאָר זיך אַרײַנטראַכטן אין איר: אױף דערױף האָט דער אױבערשטער געגעבן דעם מענטשן אי שאַרפע חושים, אי אַ קלוגן שכל. אױך צוליב אָט דער קלוגשאַפט זענען געזונגען געװאָרן אַזעלכע באַגײסטערטע, פרײדן־שטראַלנדיקע הימנען װי דער קאַפּיטל 8 פון משלי, אין װעלכן „גאָטס קלוגשאַפט שפּילט זיך אַרום אױף גאָטס גאַנצן ערדנקרײַז, און פרײט זיך מיט די מענטשן״.

עס איז קלאָר, אַז אַ װעלט, װאָס איז באַשאַפן געװאָרן פון אַ גוטן, גערעכטן, אַלמעכטיקן און קלוגשאַפענעם גאָט, מוז זײַן אַ גן־עדן־װעלט. און דער עיקר מוז זיך פילן גוט

אין איר דער מענטש, די קרוין פון דער יצירה, צוליב וועמען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, — דער מענטש, דער שפיל־חבר אין דער פרייד פון דער געטלעכער חכמה.

„אַז איך קוק אָן דיין הימל”, ווערט געזונגען אין תהילים. „די ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן, וואָס דו האָסט צוגעפּאַסט, — וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים האָבן אין זינען, אַ מענטשנקינד, דו זאָלסט זיך אָן אים דערמאָנען? האָסטו אים אָבער ווייניק געלאָזט פעלן צו זיין אַ גאָט און מיט כבוד און פּראַכט האָסטו אים באַקרוינט. מאַכסט אים הערשן איבער אַלע ווערק פון דיינע הענט; אַלץ האָסטו אים אַוועקגעלייגט צו זיינע פיס” (תהילים קאַפּ. 8).

„און די זוניקע וועלט, וואָס שטראַלט מיט לעבן, גליק, שכל און שיינקייט”, האָבן מיר געשריבן אין דער שוין אַמאָל דערמאָנטער אַרבעט, „איז אַ די־וועלטיקע וועלט. דער יידישער מאָנאָטעאיזם פון יענער צייט איז אינגאַנצן פריי פון אַ וועלכער־עס־איז יענער וועלט, פון אַ לעבן נאָכן טויט, פון אַ גיהנום און אַ גן־עדן, פון אַ תחית־המתים אין די קומענדיקע טעג. דער טויט איז אַן אמתער טויט, אָבער ער וואַרפט נישט קיין שאָטנס אויפן לעבן. זוניק שטראַלט אויך ער צווישן אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט. אַז עס קומט די צייט און דער מענטש ווערט אינגאַנצן אויסגע־רייפט, ווי די פאַרטיקע תבואה, ווערט ער אַריינגעבראַכט אין דעם קבר, ווי די גאַרבן אין דעם שייער”. *)

פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַזאַ רעליגיעז־אָפּטימיסטישער וועלטאָנשויאונג קאָן זיין נאָר איין־איינציקע דערקלערונג פאַר די מענטשלעכע ליידן: דער פּרינציפּ פון אייביקער גערעכטי־קייט פאָדערט, אַז די רשעים זאָלן באַשטראָפט ווערן דאָ אויף דער וועלט און אויב די גערעכטע געטלעכע שטראָף לאָזט זיי דורך, וועט זי זיך געוויס באַווייזן אין דורות אַרום

*) תבוא בכלח אלי קבר, כעלות גדיש בעתו. (איוב ה׳ 26).

אויף זייערע קינדער און קינדס-קינדער. „על כל פנים איז אויסגעשלאָסן, אַז איינער זאָל אויף דער וועלט ליידן אומ-זיסט. אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט איז גוט; אַלץ, וואָס עס פּאַסירט מיט דעם מענטשן איז גערעכט, ווייל אויך די מאָראַלישע געזעצן פון דעם וועלט-געשעען זענען אַקוראַט אַזוי פעסט איינגעפונדעוועט אין דער וועלט דורך דער געטלעכער „חכמה", ווי די גרענעצן פון דעם ים און דער לויף פון די שטערן".*)

אָט די זוניקע וועלטאָנשויאונג איז ביי איובן צעבראָכן געוואָרן אין שערבלעך, ווען זיין אייגן לעבן האָט אים אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פאַקט פון מענטשלעכע יסורים, וואָס זענען געווען אַבסאָלוט אומפאַרשולדיקט.

אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן די פריינט, וואָס שטייען אַלע אויף דעם באָדן פון דער נאָר וואָס געשילדערטער וועלט-אָנשויאונג, צעשלאָגט איוב אַלע אירע פעסטסטע יסודות.

ער לייקנט נישט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַז גאָט איז אַלמעכטיק און קלוגשאַפן. ער זוכט אָבער צו באַווייזן, אַז די געטלעכע קלוגשאַפט איז פאַרבאָרגן פון דעם מענטשן און אַז עס קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אַ געט-לעכער גערעכטיקייט.

דער עיקר פאַרטראַכט ער זיך אין דעם גורל פון דעם מענטשן אויף ד ע ר וועלט, דער איינציקער ביסל וועלט, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט. אויך פאַר איובן איז דער טויט אַן אמתער טויט. אויך ער ווייס נישט פון אַן אַנדער לעבן, ווי דעם, וואָס מיר האָבן אויף ד ע ר וועלט.

ס'פאַרשווינדט אַ וואָלקן און פאַרגייט,
אַזוי אויך דער, וואָס נידערט אין שאול:
ער וועט שוין ווידער נישט אַרויף.

אָבער גראָד אָט דער פאַקט פון דער מענטשלעכער

*) פארגלייך מיינע „געזאמלטע שריפטן", ערשטער באנד, ז. ז. 214—217

שטערבלעכקייט נעמט צו דעם גאַנצן כּבוד און די גאַנצע פּראַכט פון דעם מענטשן, און ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָרעם ווערעמל, וואָס פאַרדינט נאָר איין זאַך, — אַן אומענדלעכן רחמנות.

אין דעם פּרט שטייט דער מענטש נאָך נידעריקער ווי די פלאַנץ:

אַ בוים האָט נאָך אַ האָפענונג:
אַפילו אָפּגעשניטן, ברענגט ער נייע שפּראָצן,
אַ נייער זויגלינג קומט פון אים אַרויס.
און ווען ס'ווערט אַלט אין דר'ערד זיין וואָרצל,
און ווען זיין שטאַם ווערט טויט אין שטויב,
פון וואסער-דונסט הויבט ער אָן ווידער בליען,
הויבט אָן פאַרצווייגן זיך, ווי ערשט געפלאַנצט.
אַ מענטש אָבער פאַרחלשט און שטאַרבט אָפּ.
פאַרגייט אַ מענטש, איז — ווו איז ער?
עס שווינדן וואַסערן פון ים,
אַ שטראָם ווערט טרוקן און הערט אויף
און אויך אַ מענטש: אַהעקגעלייגט זיך, שטייט
ער שוין נישט ווידער אויף.
ביז אַלע הימלען הערן אויף, וועט ער שוין
נישט דערוואַכן,
נישט אויפשטיין פון זיין שלאָף.

(קאפּ. י״ד 7—13).

דאָס קורצע לעבן פון אַ מענטשן האָט אַ טיפע פּרינציפּיעלע באַדייטונג אין איובס קריטיק פון דעם רעליגיעזן אָפּטימיזם. דערהויפּט אין דער פראַגע וועגן זינד און שטראָף. ווו איז דער שכל דערפון, וואָס אַן אַלמעכטיקער גאָט, וואָס באַשטימט די צאָל פון דעם מענטשנס טעג, רעכנט זיך מיט זיין אויפפירונג און פאַרגינט אים נישט די ביסל רו, וואָס ער האָט?

דער מענטש, געבאָרן פון אַ ווייב,
מיט קורצע טעג און זאַט אין שווערער אומרו,
גלייך ווי אַ בוים גייט אויף ער און פאַרוועלקט
פאַרפליט, גלייך ווי אַ שאָטן אָן באַשטאַנד.
און אויך אויף אים האַלסט אָפן דו דיין אויג,
אויך אים שלעפסטו, זיך משפטן פאַר דיר...
אויב זיינע טעג זענען באַשטימט,
די צאָל פון זיינע חדשים איז ביי דיר;
אויב אַ געזעץ פאַר אים האָסטו געמאַכט,
און ער קאָן נישט אַריבערשפּרייזן אים, —
איז — לאָז אים אָפּ, ביז ער פאַרשווינדט,
פאַרגין אים דאָך, דעם טאָג-לוינער, זיין טאָג!

(דאָרטן גופא)

איוב פאָדערט פון גאָט באַרמהאַרציקייט, אייביקע מחילה וסליחה פאַר דעם אומגליקלעכן טאָג-לוינער דעם מענטשן, — אָנשטאָט דעם געפינט ער נאָר אומדערקלערלעכע אכזריות.

גלייך ווי אַ באַרג, וואָס פאַלט פאַנאַנדער,
און ווי אַ פעלז, פון אָרט געריסן,
ווי וואַסער, וואָס צערייבט אַ שטיין,
אַ שלאַקס-רעגן, וואָס שווענקט אַראָפּ די ערד, —
אַזוי האָסטו אַ תל געמאַכט פון מענטשנס האָפן,
אויף אים באַווייזטו תמיד דיין געוואַלט און —
ער פאַרגייט.

(דאָרטן גופא)

עס איז קיין טרייסט נישט פאַר דעם מענטשן, וואָס ער לעבט ווייטער אין זיינע קינדער. דער מענטש איז אַן איינצל-מענטש. זיין לעבן הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט אים גופא.

צו כבוד קומען זיינע זין — ער ווייס דאָס נישט,

און זינקען זיי אראָפּ — אים בלייבט דאָס
אומבאַקאַנט.
נאָר איבער זיין לייב טוט אים ווייי
און איבער זיין נשמה טוט ער טרויערן.

(דאָרט)

אַ גאַנץ אַנדערן זין וואָלט דאָס מענטשלעכע לעבן גע־
האַט פאַר איובן, ווען עס וואָלט געווען דירעקט פאַרבונדן מיט
דער אייביקייט; ווען דער מענטש וואָלט געוומען אַן אַנטייל
אין דער דורכפירונג פון דעם געטלעכן געדאַנק אין דער
וועלט; ווען ער וואָלט געשפּירט, אַז ער שטייט אין אַ די־
רעקטן קאָנטאַקט מיט דער געטלעכקייט, און זי דאַרף אים,
אַז זי בענקט נאָך אים. דעמאָלט וואָלטן אויך די
ליידן געהאַט אַ זין. ווי פאַוסט, איז אויך איוב נישט
דוקא להוט נאָך הנאות און תענוגים. זיין אידעאַל פון גליק
שליסט נישט אויס די נויטיקע ליידן אין דעם קאַמף:

אָ, ווען דו וואָלסט באַהאַלטן מיך אין שאול,
געשטעלט פאַר מיר אַ ציל און זיך
דערמאָנט אויף מיר:
די גאַנצע צייט פון קאַמף וואָלט איך
געהאָפט,
ביז וואַנען קומען וועט מיין אָפּבייט.
גערופן וואָלסטו מיך — געענטפערט וואָלט איך דיר,
דו וואָלסט געגאַרט נאָך מיר, דעם
ווערק פון דיינע הענט.
(מי יתן בשאול תצפינני...
תשית לי חוק ותזכרני...
כל ימי צבאי איחל,
עד בוא חליפתי.
תקרא ואנכי אענך,
למעשה ידיך תכסוף)

(דאָרט)

איצט אָבער האָט דאָס מענטשלעכע ליידן קיין ברעקל זין נישט. מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין שאַרפער לאָגיק און דעם פאַרביטערטסטן געפיל פּראָטעסטירט איוב אַנטקעגן גאָטס רעכט צו שטראָפן אַ מענטש פאַר זיינע זינד. ער זעט אין דעם נישט קיין ברעקל יושר.

און אויב איך האָב געזינדיקט,
וואָס האָב איך דיר געטאָן, דו היטער פון
דעם מענטש?...
פאַרוואָס פאַרגיבסטו נישט מיין זינד
און שאַפסט דאָ נישט אָפּ מיין שולד?

(ז׳ 20—21)

נאָך שאַרפער טרעט אַרויס די געטלעכע אומגערעכטי־קייט, ווען מען באַטראַכט דאָס גזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעם מענטש. איוב איז דאָ אַ טרייער תּלמיד פון די בעסטע יידישע נביאים, וואָס האָבן תּמיד זיך גענומען צום האַרצן די לאַגע פון די אָרעמע און אונטערדריקטע. אין דעם בילד פון עלנט, וואָס איוב מאָלט אויס פאַר זיינע פריינט, איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער רעדט נישט נאָר וועגן די ליידנדיקע און אָרעמע בכלל, נאָר שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל אויף די יסורים פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָ, קומט אַהער און ווערט נשתּומם
און לייגט די האַנט אַרויף אויף אייער מויל!
אַך, ווען דאָס קומט מיר אויף דעם זין,
נעמט מיך אַן אימה דורך,
עס הויבט אָן שוידערן מיין לייב,
פאַרוואָס ביים לעבן בלייבן די רשעים,
און ווערן אַלט און שטאַרק אין קראַפט...
די גרענעצן צעשטערן זיי,
זיי רויבן פי-הערדן און פיטערער:

דעם יתומס אייזל פירן זיי אַוועק
און דעם אַלמנהס אָקס אין משכון נעמען זיי;
די אָרעמע טוען זיי אַראָפּשטויסן פון וועג
די עלנטע אין לאַנד באַהאַלטן זיך...
זיי זענען שניטער אויף דעם רשעס פעלדער;
זיי זאַמלען זיינע וויינטרויבן;
זיי ליגן נאַקעט ביינאַכט אָן קליידער
און אָן אַ צודעק אין דער קעלט.
דער רעגן נעצט זיי אין די בערג;
זיי קלאַמערן זיך שוצלאָז צו אַ פעלז.
אָן קליידער גייען זיי אַרום
און הונגעריקע שלעפּן זיי די גאַרבן.
זיי פּרעסן אויס דעם אייל אין זיינע מויערן,
זיי קעלטערן דעם וויין אין זיינע קעלטערס
און גייען אויס פאַר דאָרשט.
זיי קרעכצן אונטער זייער האַרטן דינסט.
נאָר גאָט — ער הערט נישט זייער תּפילה *).

די רשעים אָבער, וואָס לייקענען אין גאָט, און באַגייען די ערגסטע פאַרברעכנס, זיי גייט דאָס גאַרנישט אַזוי שלעכט אויף דער וועלט:

זיי זינגען הויך ביי פּויק און פידל,
און פרייען זיך ביי האַרפּן-קלאַנג:
אין גליק פאַרברענגען זיי די טעג,
אין פריידן גייען זיי אין שאול,
און זאָגן דאָך צו גאָט: „אַוועק פון אונז!
פון דיינע וועגן ווילן מיר נישט וויסן".

(כ"א 8-14)

---

*) זע די פיר קאַפּיטלען כא — כד. אנשטאָט „לא ישים תיפלה" דאַרף מען לייענען „לא ישמע תפילה".

פונדעסטוועגן איז איוב וויניק וואָס נתפעל אויך פון אַזאַ גליקלעכן עבן. דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט ווערט נישט אַ סך בעסער פון דעם, וואָס אייניקע פאַרברענגען זייער לעבן אין שפע און פרייד. אויף זיי אַלעמען וואַרט איין סוף:

דער שטאַרבט אין פולסטן גליק,
אין זיכערקייט און רו...
און דער שטאַרבט אין אַ ביטערן געמיט,
און קיינמאָל נישט פון גוטס געווּסט:
אינאיינעם לייגן זיי זיך אין דעם שטויב,
און ווערים טון באַדעקן ביידע...

(כ"א 23-25)

פון די פּאָר אָנגעפירטע שטעלן ווי אויך פון זיין קלאָג אויף די גרענעצן פון דעם מענטשלעכן וויסן, מיט וועלכן מיר זענען באַקאַנט געוואָרן אין דעם אָנהויב פון אונזער אַרבעט, קאָן מען גרינג געווינען אַ קלאָרן באַגריף, אין וועלכע פּעסימיסטישע און סקעפּטישע ליניעס עס באַוועגט זיך איובס רעוואָלוציאָנערער גייסט.

דאָ קאָנען מיר ליידער נישט אַרויסברענגען באריכות זיינע איינצלנע געדאַנקען, וואָס ער ווענדט אָן אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגן די פריינט און אין זיינע באַשולדיקונגען אַנטקעגן גאָט און וואָס גראָבן אונטער אַלע יסודות פון דעם פריערדיקן אָפּטימיסטישן און ריין עולם-הזהדיקן מאָנאָטעאיזם.

מיר קאָנען דאָס נישט טאָן דערפאַר, ווייל זיי אַלע דרייען זיך אַרום אַ גאַנץ אַנדערער פראַגע, ווי די, וואָס באַשעפטיקט אונז. איובס גייסט איז פאַרטאָן אין דעם אייביקן פּראָבלעם פון דער געטלעכער גערעכטיקייט אין נאַטור און מענטשן-לעבן און אין דער פראַגע וועגן דעם מהות פון דער געטלעכער ווירקונג. עס איז אים וויכטיק צו באַווייזן זיינע אָפּאָנענטן, אַז גערעכטיקייט און גוטסקייט געהערן נישט

צו די אייביקע אַטריבוטן פון גאָט; אַז אין זין ליגט אים נאָר איין זאַך: די ליבע צו דער אייגענער אַלמעכטיקייט און דאָס שטענדיקע שפּילן זיך מיט איר:

צו קראַפט און גבורה איז ער דאָ:
נאָר צו גערעכטיקייט — ווו איז ער?
(קאַפּיטל ט׳ 19)

דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכע ליידן איז דעריבער ביי איובן נישט דער צענטראַל-פּונקט פון זיין געדאַנק, בעת דאָס פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק איז געווען די צענטראַל-אַקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך ביי פאַוסטן געדרייט זיין גאַנץ לעבן און שטרעבן.

פאַר איובן — אין זיין פּעסימיסטיש-סקעפּטישן פּע-ריאָד — איז דאָ אַ פּשוטע דערקלערונג פאַר זיינע איבער-מענטשלעכע, ווידערזיניקע און אומזיסטיקע ליידן: גאָט שפּילט זיך מיט זיין אייגענער מאַכט, באַווייזט אויף איובן זיין אומ-ענדלעכע גבורה און האָט הנאה פון זיין שפּיל. נישט אָן סאַר-קאַזם שילדערט ער גאָטס מלחמה אַנטקעגן אים:

אין רו געלעבט האָב איך,
האָט ער צעשטערט מיך:
האָט אָנגענומען ביים געניק
און האָט צעפּיצלט מיך.
אַ צילברעט האָט ער מיך געמאַכט,
עס שוויבלען זיינע פיילן אַרום מיר.
ער שפּאַלט די נירן מיינע אָן רחמנות,
ער לאָזט מיין גאַל זיך אויסגיסן אויף דר׳ערד,
ער לעכערט דורך אין מיר
דאָ איין ברעש, דאָ די אַנדרע;
ער שטורעמט אָן אַנטקעגן מיר,
גלייך ווי אַ קריגס-העלד. (ט״ז 12—14)

די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון אַזאַ בליק אויף דעם געטלעכן מהות פאַר אַ רעליגיעז-גלויביקן איז צו קלאָר: אמת, ער גראָבט נישט אונטער דעם גלויבן אין גאָטס עקזיסטענץ, אָבער ער מאַכט אַ תל פון דער רעליגיעזער איבערגעגעבנ-קייט צו גאָט און פון יענער מאָראַל, וואָס איז אויפגעבויט אויף ליבע, רחמנות און גערעכטיקייט און וואָס האָט אין דער אַלטער צייט געוואָרצלט נאָר אין דעם גלויבן אין אַ ליבע-פולן, גערעכטן און דערבאַרעמדיקן גאָט.

א שפּאָט פאַר זיינע פריינט ווערט דער,
וואָס רופט צו גאָט, ער זאָל דערהערן אים.
די ענטע פאַרנאַרט דער שטאַרקער און
דער זיכערער,
אַ שטויס צו די, וואָס זייער פוס האַלט שוין
אין וואַנקען!
אין פרידן בלייבן אָבער די געצעלטן פון
די רויבער,
עס לעבן זיכער די, וואָס טוען גאָט דערצערנען *).

פילאָזאָפיש מוז אַזאַ וועלטאָנשויאונג פירן צו אַ ניטשעאַניזם, מיט זיין אָפּלייקענען די מאָראַל, מיט זיין קולט פון מאַכט. רעליגיעז קאָן זי, אין איר עקסטרעם, ברענגען אונז צו אַ ריינעם „סאַטאַניזם", צו אַ קולט פון בייז, פון שטענדיקן, צאָרנדיקן שלעכטס-טאָן סיי זיך, סיי די צנדערע, — אַ קולט, וואָס האָט זיך שוין נישט איינמאָל אין דער געשיכטע געפּרווט דורכרייסן ביי דער געפּלאָגטער, פון צרות קראַנק-געוואָרענער מענטשהייט, און פאַר וועלכן גראָד אונזער צייט האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל היסטאָרישן און פסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל.

איוב איז געוויס ווייט פון סאַטאַניסטישע געדאַנקען און

*) לויט פּראָפּ. שטייערנאַגעלס אויסטייטשונג פון י״ב, 4—6.

געפילן. מיט זיין גאַנצער נשמה פראָטעסטירט ער אַנטקעגן זיי, און דערפאַר שטורעמט ער אויך אַנטקעגן גאָט, וואָס באַקומט אין זיין שילדערונג אַ ריין-טייוולשן שטריך.

פאַר די אומגעהויערע ליידן פון דער וועלט, אין דער נאַטור און אין דעם מענטשנס לעבן, האָט איוב קיין אַנדער דערקלערונג נישט, ווי נאָר אָט דעם ריין-טייוולשן, סאַטאַניסטישן שטריך אין דעם וועלט-באַשאַף. און מיר מוזן צוגעבן, אַז אין פאַרגלייך מיט אַזאַ דערקלערונג, ווי אומבאַגרינדעט זי זאָל נישט זיין און ווי שווער זי זאָל זיך נישט לייגן אויפן שכל, איז די טעאָריע פון זיינע פריינט, אַז יסורים זענען גאָטס אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד, נישט מער ווי רייד פון נאַאיווע קינדער....

דער ספר „איוב" וואָלט נישט געווען קיין יידישהייליקע שריפט, ווען זיינע מחברים וואָלטן געלאָזט אים ענדיקן זיך מיט איובס גייסטיקן טריאומף איבער זיינע פריינט און איבער זייער אָפּטימיסטיש-פרומער גאָט-גלויביקייט. געוויס שטימען זיי אויך נישט איין אינגאַנצן מיט די וואָרט-פירער פון דעם אַלטן געדאַנקענגאַנג, אָבער זיי קאָנען, פאַרשטייט זיך, נישט לאָזן דאָס פעלד פאַר אַזאַ שווערער, סאַטאַניש-פּעסימיסטישער אויפפאַסונג פין דער וועלט אין איר געטלעכן פיר.

זיי לאָזן דעריבער איובן דורכמאַכן אַ נייע, ביז אַהער אים אומבאַקאַנטע איבערלעבונג, וואָס צווינגט אים אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע זיינע טענות אַנטקעגן גאָט.

## VII

דער לייענער וועט מיר דערלויבן, ווידער צו ברענגען אייניקע שטעלן פון מיין פריערדיקער אַרבעט וועגן דעם ספר „איוב".

„דערגאַנגען צו דעם עקסטרעמען אָביעקטיוויזם, וואָס גראָבט אונטער אַלע יסודות פון דער מאָראַל, צעשפּאַלט זיך

איובס געדאַנק אין צוויי פאַרשיידענע שנור-פּערל, וואָס פלעכטן זיך דערנאָך ווידער אַרום איינע אַרום דער אַנדערער. ער ווייס אויף זיכער, אַז קיין מאָראַל און קיין גערעכטיקייט איז נישטאָ. נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. און דאָך פילט ער, אַז ער, איוב, טראָגט אין זיין אייגענער ברוסט אַן אידעאַל פון גערעכטיקייט, און ער, דער דערשלאָגענער, שוין כמעט א־נגאַנצן צעטראָטענער וואָרעם, הויבט זיך פלוצלונג אויף אין זיין גאַנצער מענטשלעכער הויך און פּראָטעסטירט. פאַר־וואָס ביי דעם אַלמעכטיקן גאָט איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט, און פאָדערט אים אַרויס, ער זאָל זיך קומען פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשן. ער ווייס, אַז ער שפּילט זיך דאָ מיט זיין לעבן, אָבער איוב איז אַ העראָאישע נאַטור. זיין אידעאַל איז אים טייערער ווי זיין גליק".

ער זאָגט צו זיינע פריינט:

שווייגט איר, און לאָזט מיך רעדן.<br>
זאָל קומען איבער מיר, עס מעג זיין וואָס עס ווילו<br>
איך נעם מיין פלייש אין מיינע ציינער<br>
און שטעל אין קאָן דעם לעבן מיינעם...<br>
יאָ־יאָ, ער וועט מיך טויטן.<br>
דאָ איז נישטאָ, אויף וואָס צו האָפן.<br>
נאָר מיינע וועגן מוז איך אים דערקלערן.

(קאַפּ. י״ג, 12—15)

„וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע קראַפט! מיט איין שווונג הויבט ער זיך דאָ אויף צו אַן אומענדלעכער הויך. לאָז גאָט זיין, ווי גאָט איז, לאָז די וועלט זיין, ווי די וועלט איז, — איך, איך, דער מענטש איוב, דאָס וואָלקענדל, וואָס האַלט ביים פאַרשווינדן, איך פאָדער פון גאָט אַ דין־וחשבון. איך מוז אים באַווייזן מיינע וועגן. און אַפילו דאָס זאָל מיר קאָסטן דאָס לעבן, בלייב איך טריי מיין פאָדערונג, טריי מיין מענטשלעכן אידעאַל, וואָס האָט ליידער קיין שטיצע נישט

ערגעץ נישט, נישט אין דער נאַטור, נישט אין דער געזעל־שאַפט, נישט ביי גאָט אַליין. און זאָל אַנטקעגן מיר זיין דער גאַנצער וועלט־אַל, מיט אַלע זיינע, מיר פיינטלעכע, קרעפטן:

דעם משפּט האָב איך אָנגעהויבן און איך ווייס,
גערעכט וועל בלייבן איך.

(ד. ג. 18)

„און עפּעס זעלטן שיינס און צאַרטס, אָבער אויך שטאָל־און־אייזן־שטאַרקס שפּילט זיך דערביי אָפּ אין איובס נשמה. ער ווייס, אַז עס האָט נישט קיין זין צו רופן צו גאָט; ער ווייס, אַז גאָט האַלט נישט פון גערעכטיקייט. אָבער אין האַרצן בענקט ער אַזוי נאָך אַ גערעכטער ליבע־פולער וועלט־קראַפט, און זיין גאַנצע נשמה ציט זיך צו גאָט אין קינדלעכער ליבע און געבעט, ער זאָל אַראָפּגיין, ער זאָל זיך באַווייזן און זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז אומגערעכט, אַז דער העכערער אמת איז ביי איובן. אָן אַ ביסל פאַרשטאַנדיקער לאָגישער קאָנ־סעקווענץ, געטריבן נאָר פון דעם אינעווייניקסטן אינסטינקט פון יושר, פון אַ קינדישער, צוטרוילעכער ליבע צו אַן אידע־אַלן הערשער פון דער וועלט, זאָגט ער צו זיינע פריינט: אל אלוה דלפה עיני. ויוכח לגבר עם אלוה:

צו גאָט הויב איך אויף מיינע אויגן פול מיט
טרערן,
זאָל ער אַנטקעגן גאָט דעם מענטשן רעכט פאַרשאַפן.

(ט״ז 20—21)

„אין זיין גייסטיקער קלעמעניש, אין דעם טראַגיש קאָנפליקט צווישן זיינע געדאַנקען און געפילן, פּראָטעסטירט ער און בעט, פאָדערט מיט אויגן פול טרערן, גאָט זאָל זיך פאַר אים באַווייזן און זיין איובס עדות אַנטקעגן זיך אַליין.

אַ חשבון פאַר מיין יעדן שריט קאָן איך אים געבן־
און ווי אַ פירשט וועל איך צו אים גענענען.

„און גאָט האָט זיך באַוויזן. פון אַ געוויטער-שטורעם האָט אַרויסגעדונערט זיין קול. אין צוויי רעדעס האָט ער געפירט זיין גייסט-קאַמף אַנטקעגן איובן און נאָך יעדער רעדע האָט ער טריאומפירט איבער אים *).

שוין באַלד נאָך דער ערשטער רעדע גיט זיך איוב אונטער.

„ס'איז אמת, איך בין צו קליין. וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? איך האָב דאָס איינמאָל גערעדט און וועל נאָכאַמאָל נישט רעדן. צוויי מאָל און מער טו איך עס נישט".

און נאָך דער צווייטער רעדע: „איך ווייס, אַז דו קאָנסט אַלץ. אַלץ קאָנסטו אויספירן, וואָס אין דיין זין. דעריבער: איך האָב גערעדט און האָב עס נישט פאַרשטאַנען, וווּנדער-לעכע זאַכן, וואָס איך האָב נישט געוווּסט. איך האָב געהערט פון דיר נאָר וואָס דאָס אויער קאָן הערן. איצטער אָבער האָט דיך מיין אויג געזען. דעריבער פאַרדריסן מיך מיינע רייד. איך האָב חרטה אין שטויב און אַש".

וואָס האָט אים גאָט אַזוינס אַנטפּלעקט, וואָס האָט פּלוצ-לונג פאַנאַנדערגעריסן דעם צודעק פון חושך איבער איובס נשמה און האָט געמאַכט אויפשטראַלן פאַר אים דעם געטלעכן אמת אין זיין גאַנצער פּראַכט?

עס איז באמת צו פאַרווונדערן זיך, ווי לאָגיש אָרעם און שוואַך עס זענען דעם רבונו-של-עולמס אַרגומענטן און זיינע רעדעס אַנטקעגן איובן.

אייגנטלעך, ענטפערט ער אים גאָרנישט. ער דערקלערט אים גאָרנישט. ער מאַכט נאָר חוזק פון דעם ווערעמל איוב; ער וויקלט נאָר פאַנאַנדער פאַר אים גראַנדיעזע בילדער פון דער נאַטורס באַשאַף און רייצט זיך מיט אים: קאָנסטו דאָס מאַכן? פאַרשטייסטו לפּחות, ווי דאָס ווערט געמאַכט?

אַקוראַט ווי איוב וואָלט ווען עס איז געהאַט געלייקנט

*) די „געזאַמלטע שריפטן באַנד 1 ז"ז 233—233.

אין דעם איבערשטנס אַלמעכטיקייט! אַקוראַט ווי ער אַליין וואָלט זיך נישט ביטער באַקלאָגט, וואָס די געטלעכע חכמה איז אַזוי פאַרבאָרגן פון דעם מענטשן, וואָס גאָטס וועגן זענען אַזוי שווער צו פאַרשטיין!

ס׳איז אמת: פאַרגלייכט מען מיט גאָטס ענטפער איובס טענות און באַהויפּטונגען אין זייער גאַנצקייט, מוז מען צוגעבן, אַז גאָטס רייד האָבן געקאָנט קלאָר מאַכן פאַר איובן איין-איינציקן, אָבער דערפאַר זייער וויכטיקן פילאָזאָפישן פונקט. זיי האָבן אים געקאָנט אויפדעקן דעם אינעווייניקסטן ווידערשפרוך, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין זיין, איובס, גאַנצן געדאַנקענגאַנג, — אַ ווידערשפרוך, וועלכן מען קאָן אָנטרעפן ביי אַ סך זייער גרויסע און טיפע דענקער.

פון איין זייט איז איוב, ווי מיר האָבן געזען, אַ סקעפּטיקער. עס איז פאַר אים קלאָר, אַז קיין מענטשלעך אויג קאָן נישט אַריינדרינגען אין די סודות פון דעם געטלעכן באַשאַף. פון דער אַנדער זייט אָבער פירט אים זיין געדאַנקענגאַנג צו אַ ריינעם דאָגמאַטיזם. ער טרעט אַרויס מיט קלאָרע באַהויפּטונגען וועגן גאָטס מהות, ער באַשולדיקט אים אין קאַלטקייט צו דעם מענטשלעכן גורל, נאָך מער: אין גרויזאַמקייט, ליבע צו דער אייגענער מאַכט און אַבסאָלוטע אוממאָראַליטעט. ער איז אַזוי זיכער אין זיין קריטיק פון גאָטס דרכים, אַזוי איינגעגלויבט אין זיין אייגענעם נייעם וויסן, אַקוראַט ווי דאָס בוך פון דעם באַשאַף וואָלט געווען אָפן פאַר אים.

אויף דעם יסוד פון אַ סקעפּטישער דערקענטעניש-טעאָריע קאָן מען אָבער נישט בויען קיין דאָגמאַטישע וועלטאַנשויאונג, נישט קיין אָפּטימיסטישע, נישט קיין פּעסימיסטישע. על-כל-פנים קאָן אַזאַ סקעפּטישער פונדאַמענט נישט באַרעכטיקן איובן צו פאָדערן פון גאָט, ער זאָל קומען זיך פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשן און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון זיינע, דעם מענטשנס, דרכים. העכסטנס, וואָס איוב האָט געמעגט בעטן און נישט פאָדערן ביי גאָט, איז — ער זאָל קומען און אַנט-

פ ל ע ק ן אים דעם טיפן סוד פון דעם מענטשנס ליידן אויף דער וועלט.

גאָטס רייד, וואָס זענען פול סאַרקאַזם איבער דעם מענטשן איוב, פול גליענדיקע שילדערונגען פון מיסטעריעזע נאַטור-דערשיינונגען, וואָס שטייגן אַריבער דעם מענטשלעכן שכל, האָבן דעריבער געקאָנט צווינגען איובן זיך אָפּזאָגן פון זיין דאָגמאַטיק, צוגעבן, אַז אפשר איז ער, איוב, אומגערעכט און גאָט איז גערעכט, — גערעכט אויף אַ וועלכן עס איז אונז אומפאַרשטענדלעכן אופן.

אָבער פון אַזאַ „אפשרדיקער" הנחה ביז צו דער פולער חרטה אין אַש און שטויב איז נאָך גאָר אַ ווייטער מהלך. וואָס האָט געצווונגען איובן צו פאַלן אויף זיין פּנים פאַר דעם פינסטערן געהיימניש, אַנטקעגן וועלכן ער האָט אַזוי האַרטנעקיק געקעמפט? איז ער פּשוט פאַרטומלט געוואָרן דורך דער אומבאַשרייבלעכער גרויס און טיף, וואָס האָט פּלוצלונג אַ בלאַסק געטאָן פאַר זיינע אויגן? האָט ער, איוב, פּלוצלונג פאַרלאָרן זיין מענטשלעכן שטאָלץ, זיין „איך"-שטאָלץ, וואָס איז גרייט געווען אויף מסירת-נפש אין זיין קאַמף אַנטקעגן גאָט? האָט ער קלאַפּנדיק מיט עקשנות אין דעם טויער פון דעם געהיימניש, פּלוצלונג פאַרלאָרן דעם גאַנצן מוט, ווי נאָר דער טויער האָט זיך אויפגעפּראַלט?

אַ דערקלערונג פאַר אָט דער רעטעניש האָב איך גע-פּרוווט געבן אין מיין איובן-דערמאָנטער אַרבעט.

„מיט איובן האָט פּאַסירט דאָס, וואָס קומט אַמאָל פאָר מיט גאָר גרויסע און שטאַרקע גאָט-שטורעמער, וועמעס נשמה עס איז פול מיט אויפרודערנדיקע שאלות. עס באַווייזט זיך פאַר זיי גאָט, אָדער זיי גלויבן באמונה שלימה. אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו זיי, — זיי דערשפּירן זיין עקזיסטענץ אין זיך גופא, זיי הערן זיין שטים קלינגען אין דער אייגענער ברוסט, און — מיט אַמאָל שטאַרבן אָפּ אַלע פראַגן".

„אַזאַ פאַל האָט, צ. ב. ש., נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק

פאַסירט מיט טאָלסטאָיען. לאָגיש פאַרענטפערט זיין נייער גלויבן קיין איין איינציקע פראַגע נישט, וואָס ער האָט זיך פריער געשטעלט אין דער צייט פון פאַרצווייפלונג. אָבער פסיכאָלאָגיש זענען אַלע יענע פראַגן פאַרשוואונדן, ווי נאָר ער האָט דער־שפירט אַ פונק פון דעם געטלעכן זיין אין זיך".

„פאַר איינע האָט דערדאָזיקער אינטערעסאַנטער פראָצעס אַ מיסטישע באַדייטונג; זיי גלויבן באמת, אַז אין אַזעלכע פאַלן פאַלט פאַנאַנדער די שייד־וואַנט צווישן מענטש און גאָט. פאַר אַנדערע איז דאָס נישט מער ווי אַ ריין־פסיכאָלאָגישער פראָ־צעס: א דמיון אין דעם מענטשן, זיין אייגן זיך אָפּנאַרן. אָבער איינס איז זיכער, און לויט דער רייכער דערפאַרונג, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אויף דעם פעלד, מוזן אַלע צוגעבן, — אַז דער מענטש, וואָס לעבט דורך דעמדאָזיקן פראָצעס פון שטיין פנים אל פנים מיט גאָט, ווערט אינעווייניק אינגאַנצן פאַרוואַנדלט. זיין געפילס־וועלט באַקומט פלוצלונג אַן אַנדער געשטאַלט. די חושך־וואָלקנס ווערן פאַרטריבן. אַ געפיל פון אומענדלעכן צוטרוי צו דער וועלט און דעם געטלעכן פירער וואַקסט אויס אין דער נשמה, און פון די טויזנטער שאלות, די הונגעריקע וועלף מיט די ברענענדיקע אויגן, לאַכט מען זיך אויס, און זיי פאַרשווינדן פון דער נשמה".

„ס'איז אַקוראַט ווי אַ קינד, פאַרוואָגלט אַליין ביינאַכט אין אַ געדיכטן וואַלד, צעוואונדעט פון די דערנער, צעשראָקן פון די געשפענסטער, וואָס ער זעט אין יעדן בוים, אין יעדן צווייג, וואָלט פלוצלונג דערהערט די טריט און די שטים פון זיין פאָטער, דערשפירט ווי ער נעמט אים אויף זיינע הענט און טראָגט אים מיט זיך. ווער הערט זיך דעמאָלט איין אין די מוסר־רייד פון דעם פאָטער, און וואָס איז די נפקא מיניה, וואָס ס'איז געווען, — אַבי מען איז נאָענט צו דעם פאָטערס ברוסט"...

„דאָס איז אויך געוויס געווען די פסיכאָלאָגיע פון איובן.

„פריער האָב איך נאָר געהערט פון דיר, איצטער זעט דיך מיין אויג!" — און אַ סוף צו אַלע שאלות".*)

אויף אַזאַ אופן איז פאַר א י ו ב ן, דעם באַשטימטן יחיד, פאַרענטפערט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון זיין ליידן אויף אַ ריין־סוביעקטיוון, מיסטישן אָדער פּסיכאָלאָגישן וועג. דאָס קאָן אָבער נישט זיין קיין ענטפער פאַר אונז, און איז אויך נישט קיין ענטפער פאַר די מחברים פון דעם ספר „איוב".

וואָס איז ז יי ע ר ענטפער? וואָס האָבן זיי געוואָלט אַרויסברענגען פאַר דעם פּראָבלעם פון מאָראַליש־אומפאַרשולדעטע ליידן?

גאַנץ זיכער שטייען זיי נישט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון איובס פריינט, וואָס ווילן האָבן, אַז יעדעס ליידן איז אַ ש ט ר אָ ף פון דעם גערעכטן גאָט. די מחברים פון „איוב" וועלן געוויס נישט לייקענען, אַז אַ טייל ליידן קאָן און מוז דערקלערט ווערן דורכדעם, וואָס זיי ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף דעם מענטשן, ווי אַ שטראָף פאַר זיינע זינד. אָבער דאָס קאָן פאַר זיי נישט זיין קיין ענטפער אויף דעם א י ו ב־פּראָבלעם. סיי די אַלטע לעגענדע, סיי די דיכטער, וואָס האָבן זי איבערגעאַרבעט אין אַ טראַגישער פּאָעמע, האַלטן זיך פעסט, אַז איוב איז געווען אַ צדיק און האָט זיך מיט קיין זאַך אַנטקעגן גאָט נישט פאַרשולדיקט. זיינע יסורים קאָנען דעריבער נישט דערקלערט ווערן, ווי אַן אַקט פון דער געטלעכער שטראָפנדיקער גערעכטיקייט.

זענען זיי אפשר מסכים מיט א ל י ה ו ן, דעם פערטן פריינט איובס, וואָס ווערט פּלוצלונג אַריינגעפירט אין דער פּאָעמע נ אָ ך איובס רייד און איידער גאָט באַווייזט זיך צו אים?

אליהו רירט געוויס אָן אַ סך אינטערעסאַנטע זייטן פון דעם ליידנס־פּראָבלעם, וואָס זענען שפּעטער פאַנאַנדערגעאַרבעט

---

*) ה. ג. ז. 238-239.

און פֿאַרטיפֿט געוואָרן אין דער פֿילאָזאָפֿישער פֿאָרשונג. ער ווייזט אויף, אַז די ליידן ציען צו צו זיך דעם מענטשנס אויפֿמערקזאַמקייט, צווינגען אים צו טראַכטן, ווי אַזוי צו באַפֿרייען זיך פֿון זיי און אויף אַזאַ אופֿן העלפֿן זיי אים צו פֿאַרבעסערן זיין לאַגע.

דעם עלנטן דערלייזט ער דורך זיין עלנט,<br>
און די באַדריקונג עפֿנט זייער אויער.

(ל״ו, 16).

דאָס איז געוויס אַן ערנסטער און פּסיכאָלאָגיש־ריכטיקער געדאַנק, וואָס האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין העגעלס און מאַרקס׳ געשיכטספֿילאָזאָפֿיע.

אינטערעסאַנט און טיף איז אויך זיין באַמערקונג, אַז יסורים האָבן אַ פּעדאַגאָגישע, *ליטערנדיקע* ווירקונג אויף דער נשמה.*) זיין הויפּט געדאַנק אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס גאָט שיקט אָן די ליידן אויף די מענטשן נישט ווי אַ שטראָף, נאָר *אויס ליבע*, *ווי אַ וואָרנונג*, זיי זאָלן זיך באַזינען אויף וואָסער וועלט זיי זענען, וווהין זיי זענען פֿאַרקראָכן און ווי אַזוי ווידער אַרויפֿצוגיין אויף דעם ריכטיקן וועג. אין גרונט איז דאָס נאָר אַ מאָדיפֿיצירטע, מילדערע אויסטייטשונג פֿון דעם אַלטן רעיון, אַז יסורים זענען אַן אויסגלייך, אַ געטלעכער גערעכטיקייטס־אַקט.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, זענען אליהוס געדאַנקען *נישט* די געדאַנקען פֿון אונזערע מחברים. קודם זענען די אליהו־קאַפּיטלעך גאַנץ זיכער אַ שפּעטערע אַריינשטעלונג אין טעקסט (זיי זענען אויך שפּראַכלעך פֿאַרשיידן פֿון דעם גאַנצן ווערק). אליהו ווערט ערגעץ נישט דערמאָנט נישט פֿאַר זיי, נישט נאָך זיי, און זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער דערציילונג. וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס, מטריח זיין דעם

*) פֿאַרגלייך וועגן דעם אין „איוב״, ז. 241 און 243.

רבונו-של-עולם, ער זאָל קומען זיך אויסטענהן מיט איובן נאָכדעם ווי אליהו האָט שוין געענטפערט אויף אַלע וויכטיקע טענות און איוב איז געבליבן שטום ווי אַ פיש? עס איז קלאָר, אַז בעת דאָס גאַנצע ווערק איז קאָמפּאָנירט געוואָרן, האָט מען דעם אליהו-שטאַנדפּונקט נישט אַריינגעצויגן אין חשבון.

עס ליגט זיך אויך שווער אויפן שכל, אַז דער מיין פון דעם ספר „איוב” איז ביי זיינע מחברים דערזעלביקער וואָס איז געווען אין דער אַלט-יידישער און אַראַבישער פאָלקס-לעגענדע, ד. ה. אַז די ליידן פון דעם צדיק זענען נישט מער ווי אַ צייטווייליקער אויספּרוו, אַ נ ס י ו ן, כּדי צו באַ-ווייזן די מאַכט פון דער פרומקייט, וואָס קאָן אין בטחון אויסשטיין די מאוימדיקסטע פּורעניות, און כּדי דערנאָך צו בענטשן דערפאַר דעם געדולדיקן צדיק מיט כל טוב שבעולם.

דער גאַנצער זין פון דער פּאָעטיש-איבערגעאַרבעטער פאָלקס-לעגענדע באַשטייט אין דעם פולן באַוווּסטזיניקן ברוך מיט אָט דעם נאַאיוון פאָלקס-שטאַנדפּונקט. אין דעם געוויינ-לעכן זין פון דער פרומקייט האַלט איוב נישט אויס דעם אַרויפגעלייגטן נסיון: ער פאַרלירט אינגאַנצן דעם בטחון אין גאָט, רעוואָלטירט אַנטקעגן אים אין לעסטערנדיקע רייד, און בלייבט דאָך אין די אויגן פון גאָט, ד. ה. אין די אויגן פון אונזערע מחבּרים, דערזעלביקער גרויסער גערעכטער מאַן.

עס בלייבט קיין אַנדער אויסוועג נישט, ווי נאָר אָנצו-נעמען, אַז פאַר זיי ליגט דער שווער-פונקט פון דעם גאַנצן ווערק אין דעם ג ר אַ נ ד י ע ז ן פ י נ אַ ל, מיט וועלכן זיי שליסן אָפּ דעם פּאָעטישן טייל פון דעם ווערק: גאָטס צוויי רעדעס אַנטקעגן איובן, וואָס צעשמעטערן מיט זייער אומגע-וויינלעכער מאַכט איובס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע האָפערדיקייט.

די רעדעס שילדערן אָבער נאָר איין-איינציקע זאַך: ג אָ ט ס מ י ס ט ע ר י ע ז ן א ו מ פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע כ ן פ י ר פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט. ס'איז דעריבער אָנצונעמען, אַז די מחברים

זעען אין די אומפארשוילדעטע מענטשלעכע ליידן א טיפן וועלט-געהיימניש, צונויפגעוועבט אינאיינעם מיט דעם מיסטעריעזן גרונט פון דעם גאנצן באשאף: א טייל פון יענעם געהיימנישפולן פלאן, מיט וועלכן די גאנצע וועלט ווערט רעגירט.

זיי זוכן נישט אריינצודרינגען אין יענעם פארבארגענעם סוד, ווייל ער שטייגט אריבער די קרעפטן פון א מענטשלעכן שכל. זיי בלייבן שטיין ביי די גרענעצן פון דעם מענטשלעכן פארשטאנד.

דאס איז אלץ, וואס די מחברים פון אונזער ספר האבן באוווסטזיניקערהייט געוואלט זאגן, אבער דאס איז נישט אלץ, וואס האט זיך, אפשר אומבאוווסטזיניקערהייט, ארויסגעזאגט פון דעם גאנצן ווערק.

אינדעראמתן. טראכט מען זיך אריין אין איובס וועלט-און-לעבנס-בליק, שטויסן מיר זיך אן אויף א פאר פרטים פון זיינע געדאנקען, וואס גיבן אונז די מעגלעכקייט צו מאכן א ווייטערן שריט, ליידער, נישט גאר קיין ווייטן שריט, — אין דער מיסטעריע פון די מענטשלעכע ליידן.

עס פארשטייט זיך, מוז איך דאך באמערקן אגב אורחא, — אז אט די אלע שריט און די פרווון אריינצודרינגען אין די פארבארגענע סודות פון וועלט און מענטשהייט, קאנען האבן א זין און אן אינטערעס נאר פאר יענע מענטשן, וואס גלויבן, אז עס איז דא א וואסער עס איז זין אין דעם וועלטלעכן באשאף. פאר יענע גליקלעכע אבער, פאר וועמען די יסודות פון דער וועלט ליגן אפן און אויבנאויף: וואס ווייסן, — אדער מיינען, אז זיי ווייסן, — אז די גאנצע וועלט איז נישט מער ווי א בלינדע קאמבינאציע פון מאטעריעלע אטאמען און באוועגונגען, לויט אייביקע מעכאנישע, בלינדע און טויטע געזעצן, — פאר זיי, זאג איך, קאן נאך האבן א זין דאס פראבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק, דאס פאוסט-פראבלעם: זיי וואלטן גריילעך וועלן אויסגעפינען אויף זיכער, אין וואס עס בא-

שטייט אַ מענטשלעך גליק, כּדי מיט אים צו פּאַרזיסן דאָס אייגענע לעבן.

אָבער דאָס איוב-פּראָבלעם פון מענטשלעכע ליידן? — דאָס ווערט אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער מעדיצין, דער היגיענע און דער סאָציאָלאָגיע. אויך איך גלויב, נאַטירלעך, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מעדיצין, מיט אַ היגיענישן לעבן און מיט דער איינפירונג פון אַ קלוגער און גערעכטער סאָציאַלער אָרדנונג וועלן פאַרשווינדן אַ סך יסורים און אומגליקן, וואָס האָבן געהאַט נאָר ריין-פיזיאָלאָגישע און עקאָנאָמישע אורזאַכן, ד. ה. נישט קיין ברעקל מענטשלעכן זין.

איך מיין אָבער, אַז אפילו דעמאָלט, ווען יענע מיני ליידן וועלן אַראָפּפאַלן פון חשבון, וועט נאָך בלייבן אַ היפּשער רעשט, פאַר וועלכן דער מענטשלעכער שכל וועט תּמיד זוכן אַ דערקלערונג. און אויף וויפל דער מענטשלעכער שכל וועט זיך נישט קאָנען באַנוגענען מיט אַ ריין-מאַטעריאַליסטישער וועלט-אויסטייטשונג, וועט ער נישט אויפהערן זיך צו גריבלען וועגן דעם זין פון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט און ממילא אויך וועגן די צוויי הויפּט-קרעפטן, וואָס רעגולירן זיין לעבן: די פריידן און די ליידן.

עס איז דעריבער פאַר אונז — אין די גרענעצן פון אונזער איצטיקער אַרבעט — זייער וויכטיק אויסצוגעפינען, וואָס אַזוינס עס האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם ספר „איוב", אַחוץ דעם אַלגעמיינעם רעזולטאַט, אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַ וועלט-מיסטעריום.

זענען פאַר איובן יעדע יסורים און אונטער אַלע באַדינגונגען אַ צרה, וואָס קאָן מיט קיין זאַך נישט פאַרענטפערט ווערן?

לאָמיר זען.

איך וויל דאָ דערמאָנען די לייענער אָן אַ שטעל פון איובס קלאָגן, וועלכע איך האָב שוין אַמאָל ציטירט:

אָ, ווען דו וואָלסט באַהאַלטן מיך אין שאול,
געשטעלט פאַר מיר אַ ציל
און זיך דערמאָנט אויף מיר:
די גאַנצע צייט פון קאַמף וואָלט
איך געהאָפט,
ביז וואַנען קומען וועט מיין אַרבעט.
גערופן וואָלסטו מיך — געענטפערט וואָלט איך דיר:
דו וואָלסט געגאַרט נאָך מיר,
דעם ווערק פון דיינע הענט!

ציטירנדיק די שטעל פון דעם פאָריקן קאַפּיטל, האָבן מיר שוין דאָרטן באַמערקט, אַז איוב בענקט דאָ נאָך אַ קלאָרן ציל אין דעם לעבן, וואָס זאָל אים פאַרבינדן אויף אייביק מיט דעם געטלעכן שאַפן אין דער וועלט: וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו נעמען אַן אָנטייל אין יענעם שאַפן און זיך צונויפגיסן מיט דעם וועלט-אַל אין איין געפיל פון געטלעכער ליבע.

וואָלט אַזאַ לעבן געווען מעגלעך פאַר דעם מענטשן, וואָלטן איבדי ליידן נישט אויסגעמאַכט: ער וואָלט זיי אויסגעשטאַנען „די גאַנצע צייט פון קאַמף״.

און ווען איוב זעט איין, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג פאַר דעם מענטשן אויף גאָטס וועלט, — נאָך וואָס בענקט ער דעמאָלט?

ער בענקט... נאָך אומשטערבלעכקייט פאַר זיינע רייד און געדאַנקען אין דער מענטשלעכער וועלט!

אָ, ווען פאַרשריבן וואָלטן ווערן מיינע ווערטער,
פאַרצייכנט ווערן אין אַ בוך!
אין בליי געקריצט זיין מיט אַ פען פון אייזן,
אויף אייביק אויסגעהאַקט אין פעלזן-שטיין!
(י״ס, 24-23)

רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ פאַרלאַנג.

— מיט וואָס וואָלט דיר, איוב, — פרעגן מיר ביי אים,— בעסער געוואָרן, גרינגער געוואָרן, ווען דיינע קלאָגן אויף דער ווידערזיניקייט און יסורים פון דעם מענטשלעכן לעבן וואָלטן פאַרצייכנט געוואָרן לדורות?

— מיט דעם וואָלט מיר בעסער געוואָרן — וואָלט אפשר איוב געענטפערט אויף אונזער שאלה: וואָס זיי וואָלטן געבליבן „אויף א ײ ב י ק אויסגעהאַקט אין פעלזן-שטיין?" מיט דעם, וואָס מיין טעטיקייט, — און לאָז זיין, אז זי איז באַשטאַנען נאָר אין זיך קלאָגן אויף דעם מענטשלעכן גורל, — וואָלט זיך צונויפגעפלאָכטן מיט דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט און וואָלט ווייטער געלעבט אין איר. איך וואָלט דעמאָלט זיכער געהאַט אַ רעכט אויסצורופן:

עס קאָן די שפור פון מיינע טעג
שוין אין עאָנען נישט פאַרגיין!

— אָבער דאָס האָט דאָך גאָר פ א ו ס ט געזאָגט!

— פאַוסט, איוב, — וואָס איז די נפקא מיניה? מיר ביידע זענען נאָר צ וו יי ז יי ט ן פון איין און דערזעלביקער זאַך: פון דעם מענטשן, וואָס זוכט זיין מ ע נ ט ש ל ע כ ן ציל און וועג אין לעבן...

איובס בענקשאַפט איז מקוים געוואָרן: זיינע ווערטער ז ע נ ע ן פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך, וואָס לעבט אייביק, וואָס ווערט גערעכנט פאַר איינעם פון די קאָסטבאַרסטע איידלשטיינער אין דער מענטשלעכער פּאָעזיע. האָט זיין לעבן, האָבן זיינע ליידן באַקומען דורכדעם אַ זין?

עס ווענדט זיך, וו אָ ס איר פאַרבינדט מיט די ווערטער: „דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן". אויב יענער זין דאַרף געמאָסטן ווערן מיט דער צאָל פוטער-פּלעצלעך מיט האָניק, וואָס איינער באַקומט אין לעבן, איז דעמאָלט קאָן

גאָר אזאַ שאלה נישט אַוועקגעשטעלט ווערן. מ׳שטיינס געזאָגט: אַ זין פון לעבן, וואָס קומט נאָכן לעבן!

אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער וועג, אויף וועלכן מען קאָן צוקומען צו דערזעלביקער שאלה, און דעמאָלט קלינגט זי שוין גאָרנישט אַזוי משונהדיק.

עס איז פאַראַן אַ וועלט פון דער מענטשלעכער קולטור, פון דעם מענטשלעכן גייסטיקן שאַפן. אַ רייכע וועלט, — דאָס וועט קיינער נישט לייקענען. פאַר איינע איז אָט די וועלט פון דער מענטשלעכער קולטור אַ בלינדער פועל-יוצא פון בלינדווירקנדיקע קאָסמישע קרעפטן. פאַר אַנדערע איז זי אַ מיסטעריע: די ווונדערבאַרסטע און אומפאַרשטענדלעכסטע זאַך אין דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן באַשאַף. אָבער קיינער לייקנס נישט, אַז אין זיך גופא ווערט אָט די וועלט געטראָגן פון אַן אינעווייניקסטן זינפולן גייסט, צו וועלכן די פילאָזאָפן זוכן צו דערגראָבן זיך ביז אין דער טיפסטער טיף.

אין אָט דער מענטשלעכער קולטור-וועלט איז דאָ אַ צווייג, וואָס רופט זיך: די פּאָעזיע, וואָס האָט אויך די עובדא צו שילדערן די אייביקע מענטשלעכע שטריכן. דאָס בוך „איוב" געהער צו יענעם צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור. האָט דאָס בוך „איוב" אַ וועלכן עס איז זין?

די פראַגע איז שוין גאָר אַ באַרעכטיקטע און ווערט פאַרענטפערט אויף דעם שנעלסטן אופן. געוויס האָט דאָס בוך „איוב" אַ זין, און — דאָס וועלן אַלע מודה זיין — נאָך אַ זייער טיפן דערצו. מיר שטודירן יענעם זין: מיר געפינען אים אויס, אַריינטראַכטנדיק זיך אין זיינע רייד, פאַרגלייכנדיק זיי מיט די רייד פון יענע פּאָעטן און זשעניען, וואָס זענען געווען פאַר איובן און וואָס זענען געקומען נאָך אים.

אָבער—אויב דאָס בוך „איוב" האָט אַ זין, האָט אויך איובס לעבן, האָבן אויך איובס ליידן געהאַט אַ זין: ווייל אויב עס וואָלט נישט געווען אַ מאַ·

אין דעם לאַנד עוץ מיט דעם נאָמען איוב, א י ו ב ע ר וואָלט נישט דורכגעמאַכט זיינע אומגעהייערע ליידן, וואָס האָבן אויפגעדעקט פאַר אים דאָס פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן לעבן און האָבן אים אויפגעהויבן אויף דער הויך פון אַ העראָאיש-רעוואָלוציאָנערן קאַמף אַנטקעגן אַ גאַנצער וועלטאָנשויאונג, וואָלט נישט געווען דאָס בוך איוב, וואָס האָט „אויף אייביק" באַרייכערט די מענטשלעכע פּאָעזיע און דעם מענטשלעכן פילאָזאָפישן געדאַנק.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס „איוב לא היה ולא נברא אלא משל הוא". מיר ווייסן איצטער, ווער עס איז דער אמתער מחבר פון דעם ספר איוב און דער אמתער העלד פון דער פילאָזאָפישער טראַגעדיע, זיי ביידע, — מחבר און העלד, — זענען נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר דאָס יידישע פאָלק. „איוב" איז אַ פּראָדוקט פון דעם יידישן שאַפנדיקן זשעני. און וואָלט נישט געווען קיין יידיש פאָלק אויף דער וועלט און וואָלט אָט דאָס פאָלק נישט אויסגעאַרבעט דעם געדאַנק פון אַן איינאיינציקן גערעכטן גאָט אויף דער וועלט, און וואָלט עס נישט געהאַט אויסצושטיין אין זיין געשיכטע די אומבאַשרייבלעכסטע יסורים, וואָלט די מענטשהייט נישט געהאַט קיין ספר „איוב".

די דירעקטע מחברים פון „איוב" זענען אָבער געוויס געווען איינצל-מענטשן, וואָס האָבן אין זייער נשמה דורכגעלעבט איובס ליידן, און דער זין פון זייער לעבן, פון זייערע נשמה-ליידן דאַרף געמאָסטן ווערן לויט דעם זין פון זייער ווערק, פון זייער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם „צרור החיים" פון דער מענטשלעכער קולטור.

דער מוסר-השכל, וואָס האָט זיך אומבאַוווסט אַרויסגעזאָגט פון דעם ספר איוב, שטימט דאָ אינגאַנצן צונויף מיט די געדאַנקען פון אַ סערען קירקערגאַרד און אַ ניטשע, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז ליידן איז אַ

גויטוועדיקער מיטל פאַר דעם מענטשלעכן שאַפן! אָן ליידן איז נישטאָ קיין שאַפן. לפּחות, נישטאָ קיין שאַפן פון עפּעס גרויסעס.

וואָס ווערט אָבער אויסגעטראָגן און געשאַפן אין מענטשלעכע ליידן, אין דעם פלאַם פון די ברענענדיקע יסורים? — וואָס דער מענטש זאָל נישט שאַפן, וועט דאָס זיין מענטשלעכע קולטור, ד. ה. אַ טעטיקייט, וואָס שטייט העכער און איז אַ סך גרעסער פאַר דעם איינצלנעם אינדיווידועלן באַשאַפער. די קולטור-וועלט איז אַן איבער-אינדיווידועלע וועלט. יעדער יחיד קאָן נאָר אַריינוועבן אַ קליין שטיקעלע „זיינס" אין דעם גרויסן געוועב, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים און וועט זיך נישט ענדיקן מיט אים. די אומשטערבלעכקייט און אייביקייט, צו וועלכער אַן איוב האָט געשטרעבט, איז דעריבער נישט קיין אינדיווידועלע, נאָר אַן איבער-אינדיווידועלע, און — אָט האָבן מיר אים דאָ ווידער, דעם געדאַנק פון דעם איבער-אינדיווידועלן זיין אין דער מענטשלעכער קולטור, וועלכן מיר האָבן פריער געפונען, ווי דאָס לעצטע וואָרט פון פאַוסטס לעבנס-פילאָזאָפיע.

פאַוסט האָט דערבליקט דעם העכסטן גליק און דעם העכסטן זין פון זיין לעבן נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען זיין „איך", דאָס אייביק נאָך גליק שטרעבנדיקע „איך", איז איינגעשלונגען געוואָרן פון אַ העכערער זאַך, ווי דאָס „איך", איז צעגעגאַנגען אין אים: ווען ער האָט געטראַכט וועגן יענע מיליאָנען, פאַר וועלכע ער האָט געטריקנט אַ שטיק ים. דער זין פון זיין גליק איז געלעגן אין זיין איבער-אינדיווידועלער קולטורעלער טעטיקייט.

איובס יסורים האָבן באַקומען אַ זין ווידער אַמאָל נאָר פון זייער ראָלע אינם איבער-אינדיווידועלן שאַפונגס-פּראָצעס פון דער מענטשלעכער קולטור...

דער לעצטער רעזולטאַט פון אונזער אַנאַליז ברענגט

דעריבער אַרויס די װוּנדערבאַרסטע טיפערע האַרמאָניע צװישן צװיי װערק פון דער אַלװעלטלעכער ליטעראַטור, װאָס זענען צייטלעך אָפּגעטיילט איינס פון דעם אַנדערן מיט אַ מהלך פון איבער צװיי טויזנט יאָר, װאָס האָבן אָבער אַזוי פיל אינטערעסאַנטע אַנאַלאָגיעס און װאָס איינס פון זיי באַשעפטיקט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק (פאַוסט) און דאָס אַנדערע — מיט דעם פּראָבלעם פון מענטשלעכן ליידן (איוב). די טיפערע האַרמאָניע זייערע באַשטייט אין דעם, װאָס ביידע שיקן זיי אונז אָפּ צו דער איבער-אינדיװידועלער װעלט פון דעם קולטורעלן שאַפן, אין װעלכן עס דאַרף געזוכט װערן דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן...

דאָ קאָן איך מיך אָפּזעגענען מיט מיין טעמע, איבערלאָזנדיק פאַר דעם לייענער, ער זאָל אַליין באַשטימען דעם פילאָזאָפישן װערט פון יענעם רעזולטאַט, צו װעלכן אונזער אַנאַליז איז געקומען.

אָבער איידער איך לייג אַװעק די פעדער, קאָן איך נישט אונטערדריקן דעם װוּנש צו ציען דעם אויפמערק נאָך אויף איין באַריר-פּונקט צװישן „איוב" און „פאַוסט".

איוב, האָבן מיר געזאָגט, איז דאָס יידישע פאָלק. פאַר דעם איוב-פאָלק האָט אָבער די געשיכטע פון אונזער צייט אַװעקגעשטעלט אַ פאַוסט-אויפגאַבע. עס האַנדלט זיך דאָ נישט װעגן אויסטריקענען אַ שטיקל ים פאַר מיליאָנען מענטשן. אָבער עס װערט גערעדט װעגן באַװאַסערן מדבר-לאַנד, װעגן פאַרװאַנדלען װיסטעניש אין אַ מענטשלעכן ישוב פאַר די מיליאָנען פון זיינע געפּלאָגטע איוב-קינדער...

געװיס נישט קיין קלענערע קולטורעלע טאַט װי די, װאָס האָט אַרויסגערופן די התלהבותדיקע פרייד פון אַ פאַוסט!

עס דאַרף אונז דעריבער נישט װוּנדערן, װען ביי אַ טייל פון דעם איוב-פאָלק װערט געבאָרן דער פאַוסט-פאַרלאַנג,

זיך אַריינצוקוקן אין דער ווייטער צוקונפט און באַרוישט צו ווערן פון יענער ש ײ נ ע ר צייט, ווען זיי, אָדער זייערע קינדער וועלן

שטיין מיט אַ פּאָלק אַ פרייען
אויף אַ פרייען גרונט!

און עס טאָר אונז אויך נישט פאַרדריסן, נאָר אדרבה, אָנפילן אונזערע הערצער מיט פרייד, ווען מיר זעען, ווי ביי אַ טייל פון יענעם טייל, וואָס גיבן אַוועק זייער גאַנצע אַרבעט, כדי אַריינצופלעכטן זייער „איך״ אין יענעם העכסט-מענטשלעכן, העכסט - קולטורעלן ווערק, וואַקסט אויס דער שטאָלצער פאַוסט-גלויבן און די שטאָלצע פאַוסט-האָפענונג, אַז

עס קאָן די שפור פון אונז'רע טעג
שוין אין עאָנען נישט פאַרגיין.

# דער פורק־עול און דער
# ג ל ו ת ־ אָ פ ר י כ ט ע ר

# דער פּורק-עול און דער גלות-אָפּריכטער*)

(וועגן װ. ראָפּשינס „דאָס בלייכע פערד״)

װ. ראָפּשינס דערציילונג „דאָס פערד, דאָס בלייכע״ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די אינטעליגענטע רוסישע לייענער, סיי מיט איר טעמע, סיי מיט דעם, ווי זי ווערט באַהאַנדלט, און אפשר נאָך מער — מיט דעם מחבר גופא. ווייניקסטנס פאַר די, וואָס האָבן געוווּסט, ווער עס באַהאַלט זיך אונטער דעם פּסיידאָנים ראָפּשין, איז די דערציילונג געווען אַן איבעראַשונג און דאָס רוב נישט גאָר קיין אָנגענעמע.

די טעמע איז – די באַשרייבונג פון אַ טעראָריסטישן קאַמף-אָנפאַל אויף אַ הויכגעשטעלטע רוסישע פּערזענלעכקייט און די שילדערונגען פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם טעראָריסטישן אָנפאַל. עס ווערן אַרויסגעפירט פינף מיטגלידער פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ״ און אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט, אָבער אין דער פּסיכאָלאָגישער באַלייכטונג ווערן אַלע שטראַלן קאָנצענטרירט נאָר אויף צוויי פיגורן: איינעם אַ „זשאָרזש״, דעם אָנפירער פון דער קאָמף-גרופּע, אין וועמעס נאָמען עס ווערט געפירט די גאַנצע דערציילונג (אין דער פאָרם פון טאָגבוך-בלעטער), און איינעם אַ „וואַניאַ״. זשאָרזש איז אַ מין ניטשעאַנער „איבער-

---

*) די „פרייע געזעלשאפט״, אונטער דער רעדאקציע פון ש. יאנאווסקי 1911.

מענטש״, וואָס וויל נישט וויסן איבער זיך קיין איין-איינציקן מאָראַלישן פּרינציפּ. ער גייט הרגענען מענטשן און זיך אַליין מקריב זיין פאַר אַ קרבן אויס קיין אַנדער טעם נישט, ווי נאָר דערפאַר, ווייל „איך וויל אַזוי״. „וואַניאַ״ ווידער איז שוין גאָר אַ גלויביקער קריסט. ער ווייס, אַז מען טאָר נישט טויטן; ער ווייס, אַז דער זין פון דעם לעבן איז — אַוועקצוגעבן דאָס לעבן טראָפּנווייז אין יסורים און ליבע צו קריסטוסן. אָבער ער האָט קיין כח נישט צו פירן אַן אמת-קריסטלעך לעבן. ער איז צו שוואַך אויסצושטיין דעם גאַנצן נסיון: מאַכט ער דאָס בקיצור, מיטאַמאָל. ער גיט אַוועק קריסטוסן נישט זיין לעבן, נאָר זיין טויט...

און ווו איז דער סאָציאַליזם? דער אידעאַל פון פרייהייט? דאָס גליק פון דער מענטשהייט? דער רחמנות צו די אונטערדריקטע און געפּייניקטע? ווו זענען די אַלע מאָטיוון, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און די „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ״, וואָס האָבן באַשאַפן אירע באַרימטע העלדן פון מסירת נפש: די גערשוניס און די קאַלאַיעווס, די סאַזאָנאָווס, שווייצערס און דאָראַ בריליאַנט? זיי זענען דאָ, די מאָטיוון. זיי לעבן אין די איבעריקע פיגורן: אין ערנאַ, פיאָדאָר, היינריך, אין דעם „אַלטיטשקן״ פון צענטראַל-קאָמיטעט, אָבער נישט ביי די הויפּט-העלדן פון דער דערציילונג, נישט ביי זשאָרזשן און וואַניאַן. אָבער — ווי אַש-גרוי די „געוויינלעכע״, „וואָכעדיקע״ העלדן און די „געוויינלעכע״, „וואָכעדיקע״ מאָטיוון נעמען זיך אויס לגבי די פאַרברענערייכע, גרעל און שרייעריש ברענענדיקע שטריכן פון די צוויי „יום-טוב״-מענטשן אין דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ״: דעם שטאָלענעם „איך״-מענטש, זשאָרזש, און דעם עטער-צאַרטן קריסטוס-מענטש, וואַניאַ.

וואָלט די דערציילונג נישט געשטאַמט פון ראָפּשינען, וואָלט מען דעמאָלט געקאָנט מיינען, אַז די גאַנצע מעשה, מיט אירע פיגורן, איז פון פינגער אויסגעזויגן געוואָרן. אפשר האָט זיך איינעם פאַרוואָלט צו,יב פּאָליטישע פּניות אַרויפוואַרפן א

שלייער פון חשד אויף די מאָטיוון פון דעם טעראָריסטישן קאַמף (די דערציילונג איז געדרוקט אין דעם קאַדעטישן „רוסקאַיאַ מיסל״); אָדער אַ יונגער קינסטלער, וואָס ביי אים שטייען די פּראָבלעמען פון קונסט העכער איידער די פאָדערונגען פון אמת און יושר, האָט זיך אפשר אַ זאָג געטאָן אין האַרצן אַזוי: אַלע מיינען, אַז נאָר די געוויסע מענטשהייטס-אידעאַלן, דער ברענענדיקער דאָרשט נאָך מענטשן-גליק קאָנען אַרויסברענגען די גערשוניס און די קאַליאַעווס. ווי איז, אַז איך וועל נעמען נשמות פון אַ גאַנץ אַנדער מעטאַל, וועל אין זיי אַריינגיסן גאַנץ אַנדערע מאָטיוון: וועלן פון זיי אויך קאָנען אַרויסוואַקסן העלדן פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ״? און וואָס וועט דערפון אַרויס? — גיי, כּרעג דערנאָך קשיות אויף דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע, אַמפּער זיך מיט זיין קינסטלערישן „און-איך-וויל-אַזוי״!... *)

איז אָבער די צרה, וואָס דער מחבר איז ראָפּשין, זכּשר דער איין איינציקער פון די רוסישע יונגע שרייבער, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו קענען פּערזענלעך כּמעט אַלע העלדן פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ״ און פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איבערהויפּט. ראָפּשין איז אַ בר-סמכא, אַן ערנסטע אויטאָריטעט אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן און דעם טעראָריסטישן קאַמף. דאָס, וואָס ער מאָלט, איז נישט פון פינגער געזויגן. עס איז געוויס נישט פאָטאָגראַפישע אַרבעט. די פּערזאָנען און פיגורן פון זיינע קינסטלערישע דערציילונגען זענען נישט געטרייע קאָפּיעס פון דערווירקלעכקייט. אָבער די ווירקלעכקייט האָט אים דעם מאַטעריאַל געגעבן און ער קאָמבינירט אים, געטריבן פון דעם אומבאַוווסטן קינסטלערישן אינסטינקט —

*) ראָפּשין איז דער פּסיידאָנים פון דעם אזוי טראַגיש-אומגעקומענעם ב. סאַווינקאָוו [1930].

אַרויסצוברענגען נאָך קלאָרער דעם אמת דורך דעם, וואָס קאָן זיין, איידער דורך דעם, וואָס עס איז אין דער ווירקלעכקייט.

הייסט עס, אַז זשאָרזש און וואַניאַ זענען דער אמת? דער צענטראַלער, פאַרבאָרגענער קערן פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ"? נאָר וואַניאַ — ווי וואַניאַ: די הויפּט-צרה איז זשאָרזש. איז ע ר דער פּסיכאָלאָגישער פּירוש אויף דעם טעראָריסטישן טעקסט? ער, וואָס ליבט קיינעם נישט, ביי וועמען מענטשן-בלוט איז וואַסער, וואָס האָט געטויט אַן אומשולדיקן מענטשן נישט צוליב דעם פּאָליטישן קאַמף, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל יענער מענטש איז יעלענעס מאַן, און יעלענע וויל פון אים נישט אַוועק, און ער, זשאָרזש, וויל אָפּראַמען אַ מניעה פון זיין וועג צו ליבעס-גליק... זשאָרזש — דער פירער און די נשמה פון דעם העלדן-קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן אויף דער וועלט! ער, דער פּעסימיסט, וואָס גלויבט נישט אין לעבן און גליק, וואָס גייט גלייכגילטיק אַוועק פונם קאַמף, ווען דער קאַמף דערעסט אים, און ענדיקט זיין לעבן, ווי אַ געוויינלעכער זעלבסטמערדער!...

די, וואָס קענען ראָפּשינען, האָבן זיך געבראָכן דעם מח צו דערקלערן די רעטעניש. מען האָט אין זשאָרזשן געוואָלט אַנטפּלעקן אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, עלעמענטן פון ראָפּשינס אייגענער נשמה, און דערקלערן זיי מיט איינגעמאַטערטקייט, אויסגעברענטקייט, אַ פּעסימיסטישן איבערגאַנגס-צושטאַנד, אפשר אַרויסגערופן דורך די לעצטע פּאַסירונגען אין דעם לעבן פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. *)

אָבער, מיר דוכט זיך, אַז דווקא די, וואָס קענען ראָפּשינען און וואָס זענען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספער, האָבן נישט באַדאַרפט זען קיין רעטענישן דאָרטן, ווו דער פּשוטער פּשט ליגט אַזוי אָפן אויף דער האַנט. ראָפּשין איז דער „הויף-מאָלער" פון דער „באָיע-

---

*) איך מיין דאָ די אַזעף-געשיכטע [1930].

וואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ". ער האָט אונז שוין געגעבן אַ סך סילועטן, אויב נישט פיין - אויסגעאַרבעטע בילדער פון אירע העלדן. מיר דערקענען אין זיי אַלעמען די כאַראַקטער-שטריכן פון אַ באַשטימטן רעוואָלוציאָנער-עטישן טיפּ, וואָס טרעטן בולט אַרויס פון צווישן דער נעץ אינדיווידועלע פיינע איינצל-שטריכן, מיט וועלכע זיי זענען אַרומגעוועבט. דער טיפּ איז דער געווייגלעכער פאַר דער באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ, איר וואָכעדיקער כּלל. ווו ס'איז אָבער דאָ אַ כּלל, זענען אויך דאָ אויסנאַמען, וועלכע דער רבונו של עולם האָט, הפּנים, עקסטראַ אומעטום באַשאַפן, כּדי זיי זאָלן עדות זאָגן אויף דעם כּלל. דער הויף-מאָלער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט נישט געטאָרט פאַרבייגיין די אויסנאַמען; און מאָלנדיק זשאָרזשס פּאָרטרעט אין דער פאָרם פון זשאָרזשס אַ טאָג-בוך, האָבן שוין ממילא די וואָכעדיקע טיפּן געמוזט אַרויסקומען אין יענע פאַרבן, אין וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זשאָרזשס נשמה.

איך שרייב: „דער וואָכעדיקער טיפּ", „דער געווייגלעכער העלד פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" און הער מיך אַליין צו, ווי משונהדיק דאָס קלינגט אין די אויערן. גערשוני און קאַלאַיעוו — „אַ וואָכעדיקער טיפּ", „אַ געווייגלעכער העלד"! זענען דען יענע העלדן און זייערע חברים נישט געווען די אויסערגעווייגלעכסטע קווינטעסענץ פון הונדערט-טויזנטער — וואָס רעד איך! — פון מיליאָנען פּשוטע נשמות? זענען זיי נישט געווען די יום-טובדיקסטע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט? יאָ, געוויס! אָבער — אַך! — קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט אַבסאָלוט, אַלץ איז רעלאַטיוו, אַלץ — אין פאַרגלייך צו אַן אַנדער זאַך. לאָזט אויף דער אויבערפלאַך פון דער גאַנצער מענטשהייט אַרויפשווימען די גאַנץ ווייניקע טראָפּנס פון דעם הייליקן „שמן המשחה", וואָס געפינען זיך אין איר, שעפּט אַראָפּ אין געדאַנק די פּאָר טראָפּנס, באַהאַלט זיי יאַזונדער

און אויפן שטעל באַשאַפט איר אַ נייע גרופע, וואָס האָט א י ר מאַסן-טיפּ, א י ר געוויינלעכע טאָג-טעגלעכקייט. אין גן-עדן זענען דאָ נאָר צדיקים, און לויטער צדיקים, און — רבונו-של-עולם! — ווידער צדיקים און נאָך אַמאָל צדיקים! אַן אַנדערש מאָל הויבט מען אָן גרייזלעך צו פאַרשטיין דעם מלאך מיכאל אין אַנ—סקיס „אשמדאי”, וואָס האָט זיך אויף אַ ווײַלע אַרויסגעגנבעט פונם גן-עדן מיט זיין יין המשומר און איז אַריינגעלאָפן צו דעם אשמדאי — כאַפּן אַ כוסה זודיק-ברע-נענדיקן פעך-און-שוועבל, כדי צו דערקוויקן די נשמה.

זשאַרזש איז אַ פעך-און-שוועבל-מענטש; און, כ'לעבן, די „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ” פאַרלירט נישט אַ ברעקל אין מיינע אויגן, וואָס זי איז נישט אינגאַנצן געווען ענלעך צו דעם גן-עדן; וואָס אויך אַ גיהנום-פייערל האָט ווען-נישט-ווען און ווו-נישט-ווו דורכגעצוקט איר הימלשן בלאָ.

זשאַרזש און וואַניאַ זענען יענע ע ק ס ט ר ע מ ע ן, וואָס האָבן פון צוויי פאַרשיידענע זייטן דורכגעריסן די גרענעצן פון דעם געוויינלעכן העלדן-טיפּ, און וואַניאַ איז מכפר אויף זשאַרזשן. זיי זענען דער „פּלוס” און דער „מינוס”, וואָס פאַלן אַראָפּ פון חשבון, בעת מען וויל אַרויסברענגען דעם ה י ס-ט אָ ר י ש ן אמת וועגן דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ”, וואָס מוזן אָבער ווידער אַריינגעבראַכט ווערן אין חשבון, ווי נאָר מען נעמט שטודירן די פּסיכאָלאָגיע פון אירע איינצל-העלדן. מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין ראָפּשינען דערפאַר, וואָס ער גיט אונז דאָס קאָסטבאַרסטע, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט — דעם אמת; און מיר פרייען זיך תמיד, ווען מיר באַגעגענען זיך מיט דעם קוראַזש פון דעם געדאַנק, וואָס האָט נישט מורא אויסצוהאַלטן זיינע שניידנדיקע, פאַרוווּנדנדיקע שפּיזן-בליקן. דער אמת איז אָבער אוממעגלעך אָן זעלבסטדערקענ-טעניש; די זעלבסטדערקענטעניש — אַ שווינדל אָן זעלבסט-קריטיק, און די זעלבסטקריטיק האָט קיין ברעקל ממשות נישט, אויב זי ווערט בלייך און פאַרלירט דאָס באַוווּסטזיין ביי יעדן

אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך פאַר אירע אויגן... ע! וואַניא און זשאָרזש זענען געווען אין דער באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ, — מענטשן, וואָס האָבן לגמרי נישט צו טאָן מיט די אידעאַלן פון סאָציאַליזם און פרייהייט, צוליב וועלכע זי האָט געקעמפּט. דאָס זאָגט אונז ראָפּשין — און מיר מוזן גלויבן.

אָבער — ווי קומען זיי אַהין? זענען דער „פּלוס" און דער „מינוס" צופעליק אַרויפגעשווומען אינאיינעם מיט די שמן-המשחה-טראָפּנס, אָדער מוזן זיי אַרויפשווימען לויט געוויסע אייביקע געזעצן? — דאָס פרעגט שוין נישט ביי דעם קינסט-לער. אַן ענטפער אויף דער שאלה דאַרף מען שוין זוכן ביי דעם סאָציאָלאָג. לאָמיר אין קורצע שטריכן דערמאָנען אָן אַ רוסישן סאָציאָלאָג, וואָס האָט טיף אַריינגעבליקט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די היסטאָרישע באַוועגונגען און האָט אַרויס-געבראַכט אַ טעאָריע אויך פון „פּלוסן און מינוסן", וואָס קאָן אפשר וואַרפן אַ גאַנצן בינטל ליכט-שטראַלן אויף דעם אונז אינטערעסירנדיקן ענין. מיר מיינען דאָ נ. נ. מיכאַילאָווסקי און זיין טעאָריע פון דער „וואָלניצאַ" און די „פּאָדוויזשניקי".

איר מעגט האַלטן פון מיכאַילאָווסקי, ווי אַ דענקער און אַ פאָרשער, וואָס איר ווילט. אָבער איינס מוזט איר מודה זיין — און אפילו זיינע פאַרביסענע קעגנער וועלן צוגעבן, — אַז אין דעם אַנאַליז פון יענע פ אָ ל ק ס-פּסיכאָלאָגישע דער-שיינונגען, וואָס שפּריצן אַרויס פון געוויסע סאָציאַלע לעבנס-פאָרמען, איז מיכאַילאָווסקי געווען אַ מייסטער, וואָס געפינט זעלטן זיין גלייכן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, און אַז זיין טעאָריע פון דער „וואָלניצאַ" און די „פּאָדוויזשניקי" געהער צו די שענסטע, קינסטלעריש-טיפסטע באַשאַפונגען פון זיין טעאָרעטישן גייסט.

די „וואָלניצאַ" איבערזעץ איך מיט דעם יידישן אויס-דרוק: „פורק-עול" (לייען: „פוירעק אָיל") דער יאָך-אַראָפּ-וואַרפער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלע געזעצן: הימלשע און ערדישע, געטלעכע און מענטשלעכע, סיי די, וואָס דער דין

פאַרלאַנגט, סיי די, וואָס דאָס געוויסן דיקטירט. די „פּאָדוויזשניקי" זענען אין יידיש באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „גלות-אָפּריכטער", מיט וועלכן דאָס פאָלק רופט אָן יענע אונזערע צדיקים, וואָס פלעגן פאַרלאָזן זייער היים, אָנטאָן אַ האָריק העמד אויפן נאַקעטן לייב און זיך לאָזן גיין — גלות אָפּריכטן. ווו געטאָגט — דאָרט נישט גענעכטיקט; צוגעבראַכט די צייט אין תעניתים און פּייניקונגען; פאַרטריבן פון דער נשמה יעדן שיין פון אַ וועלכער עס איז הנאה; אָנגעפילט דאָס האַרץ ביזן ראַנד מיט די ביטערנישן פון די גלות-יסורים — אָט דאָס איז געווען דער ציל פון די „גלות-אָפּריכטער".

מיכאַילאָווסקי לערנט, אַז געוויסע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס מאַכן דעם מענטשן שווער צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן, — קודם כל די גשמיותדיקע, קודם כל די געשלעכטלעכע, — פרעסן, ווי אַ בלייערנער באַרג, אויף די מענטשלעכע נשמות און מאַכן אַרויסשפּריצן פון ביידע זייטן באַרג צוויי פּראָטעסט-שטראָמען, וואָס טראָגן זיך אין צוויי אַנטקעגנדיקע ריכטונגען: דעם פורק-עול-שטראָם און דעם שטראָם פון די גלות-אָפּריכטער. אַלע פאָלקס-באַוועגונגען, אַלע וויכטיקערע רעליגיעזע סעקטן-באַוועגונגען האָבן געפירט צו איינעם פון די שטראָמען און אָפטמאָל צו ביידע. ביידע שטאַמען זיי פון איין וואָרצל: פון דעם אומבאַוווסטן קאַמף מיט יענער לאַגע, וואָס האָט באַשאַפן די אומבאַפרידיקטע באַדערפענישן. דער פורק-עול מאַכט דאָס קורץ און פשוט. עס שטייען דיר אין וועג געזעצן? דיין נאַקן איז אַריינגעטאָן אין אַ שווערן יאָך? אַראָפּ מיט די געזעצן! אַ שליידער געטאָן דעם יאָך! און — לעב ווי עס גלוסט דיין האַרץ! דער פורק-עול זעט נישט איין, אַז אין די גרענעצן פון די זעלביקע געזעלשאַפטס-פאָרמען, וועט ער קיינמאָל נישט געפינען דאָס, וואָס ער זוכט; אַז פון דעם פעך-און-שוועבל, וואָס ער טרינקט מיט אַזאַ לוסט, וועט זיך נאָך מער פאַנאַנדערברענען זיין דאָרשט.

יעגער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער טיפּ, וואָס מיר רופן אים אָן „דער גלות-אָפּריכטער" זעט אַרויסצורעטן זיך פון זיין פּסיכישער נויט דורך דעם אומגעצקערטן וועג. דיין לייב לאָזט דיך נישט צו רו? דו קאָנסט נישט פּטור ווערן פון זיינע אייביקע מאָנונגען? ווייז דעם לייב, ווער שטאַרקער איז! זיי גובר דעם „יצר הרע"! ברעך אים און פּייניק אים אַזוי לאַנג, ביז ער וועט קיין כּח נישט האָבן דיך צו רייצן. און דער גלות-אָפּריכטער זעט נישט איין, אַז אויך דער וועג איז נישט קיין אויסוועג, ווייל דאָס לעבן קאָן נישט באַשטיין אין דעם אייביקן אָפּטויטן דאָס לעבן.

און אַזוי טראָגן זיך ביידע שטראָמען אין דער געשיכטע, ביז דער אומבאַוווסטער פּראָטעסט אַנטקעגן די געזעלשאַפטס-פאָרמען גייט איבער אין אַ באַוווסטן, ביז די רעליגיע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעוואָלוציע.

דער פּורק-עול און דער גלות-אָפּריכטער זענען צוויי פאַרשיידענע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע טיפּן. זיי זענען דער נאָרד- און דער זיד-פּאָל, דער „פּלוס" און דער „מינוס" פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע. זיי זענען די עקסטרעמען. אָבער צווישן זיי ליגן אַ סך איבערגאַנגס-שטופן, און די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער איז אָנגעזאַפּט מיט די צוויי גרונד-פאַרשיידענע, פון איין וואָרצל אַרויסוואַקסנדיקע שטימונגען: די שטימונג פון דעם פּורק-עול און די פון דעם גלות-אָפּריכטער.

ווער עס וויל מער באַקאַנט ווערן מיט דעם שפּיל פון יענע צוויי גרונד-קרעפטן אין דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, יענער זאָל זיך אַביסל מער פאַרטיפן אין יענעם פּעריאָד פון אונזער יידישער געשיכטע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די שבתי-צבי-באַוועגונג. מיט פאַרוווּנדערונג קאָן מען דאָרט דערבליקן, ווי אַזוי דער „גלות-אָפּריכטער" ווערט פּלוצלונג אַ „פּורק-עול" און ווי אַזוי דער אָפּגענאַרטער פּורק-עול פאַלט ווידער אַריין אין דער תּקון-חצות-שטימונג פון דעם גלות-אָפּריכטער. טיף אין

גרויענהאַפט האָט דער דייטש-יידישער שריפטשטעלער יאַקאָב וואַסערמאַן געשילדערט דאָס אויפפלאַקערן פון דער פורק-עול-שכרות פון יענער צייט אין דער איינלייטונג צו זיין ראָמאַן „די יידן פון צירנדאָרף״.

און דער חסידיזם? איז ער נישט אַ פרווו צונויפצוגיסן די צוויי שטראָמען אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט שטערן איינער דעם אַנדערן? אַריינלייגן דעם פורק-עול און דעם גלות-אָפּריכ-טער אַ שאַרפע צוים אין מויל, איינשפּאַנען זיי ביידן אין אַ פייערדיקער מרכבה, וואָס זאָל פון זיי געטראָגן ווערן הינטער די וואָלקנס אין הימל? און האָט זיך אים דאָס איינגעגעבן? פלעגט נישט אָפט אַמאָל דער פורק-עול אינאיינעם מיט דער מרכבה אַוועקשלעפּן דעם שוואַך-געוואָרענעם פאָרער אין דעם שמוציקסטן זומפּ אַריין?

די רעליגיעזע מאַסן-באַוועגונגען, וואָס ווערן תמיד דורכ-געדרונגען פון די צוויי פאָלאַרע שטראָמען, זענען, ווי מיר האָבן געזאָגט, דער אומבאַוווסטער פּראָטעסט אַנטקעגן די גע-זעלשאַפטס-פאָרמען, וואָס פאַרענגען דאָס לעבן פונם מענטשן און לאָזן אים נישט פריי אַנטוויקלען אין אַלע ריכטונגען זיין מענטשלעכע נאַטור. די רעוואָלוציע איז דער באַוווסטגעוואָרע-נער פּראָטעסט. וואָס טוט זיך מיט די צוויי שטראָמען אין איר? איך גלויב, אַז ס׳איז נישט נויטיק צו ברענגען פיל באַווייזן, וואָס רעדן קלאָרער איידער דער טאָג, אַז אין יעדער מ אַ ס ן-רעוואָלוציע ווערן די צוויי שטראָמען נישט פאַרשטיקט, נאָר אַדרבה! פאַנאַנדערגעפלייצט אָן אַ מאָס און אָן אַ שיעור. „מסירת נפש״ און „עבדיה בהפקירא״, — דאָס איז כמעט דער איינציקער אינהאַלט פון אַ מאַסן-רעוואָלוציע; און עס טראָגן זיך דיביידע שטראָמען אונטער די קלאַנגען פון צוויי נגונים: פון דער שכור-געוואָרענער פורק-עול-קאַרמאַניאָלע און פון דעם טיף-טרויעריקן קבר-ליד: „ווי זשערטוואָיו פּאַלי וו׳ באָר-ביע ראָקאָוואָי״. — דער רוסישער „מאַקסימאַליזם״ און עקס-פּראָפּריאַציאָנס-„אַנאַרכיזם״ איז נישט מער ווי איין ביישפּיל

פון די הונדערטער אומפאַרמיידלעכע ביישפּילן, אין וועלכע יעדע רעוואָלוציאָנערע מאַסן-באַוועגונג איז אַזוי רייך...*)

נאָר דאָס איז די מאַסן-רעוואָלוציע. וואָס הערט זיך אָבער מיט דער אינטעליגענטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? מיט יענעם באַוווסטזיניקן מסירת-נפש-פּראָטעסט, וואָס לעבט נישט מיט די אייגענע זאָרגן, נאָר מיט דעם צער פון דעם כלל? וואָס איז נישט די מגושמדיקע ערד, מיט אירע גראָבע אומגעלומפּערטע וואָלקאַנישע אַרויסבּרעכונגען, נאָר דער רוחניותדיקער הימל איבער דער ערד, וואָס נעמט אויף אירע אומבאַוווסטע תפילות, שמידט פון זיי אידעאַלן און זוכט זיי צו פאַרקערפּערן אין לעבן? מוז נישט די באַוועגונג זיין פריי פון די אונז אינטערעסירנדיקע טיפּן און שטימונגען?

„כל מה שיש בארעא, יש ברקיע" (אויב ס'איז דאָ אַזאַ ווערטל אין דער גמרא און אויב איך ציטיר עס ריכטיק). אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער ערד, איז דאָ אויפן הימל, אָבער אין אַ פאַרהימלטער, פאַרגייסטיקטער פאָרם. אויך דער הימל, אויפגעבויט פון די צאַרטסטע זיפּצן פון דער ערד, מוז אָפּשפּיגלען אין זיך אין אַ פאַרהימלטער פאָרם דעם „גלות-אָפּריכטער" און דעם „פּורק-עול". וואַניאַ איז דער פאַרגייסטיקטער „גלות-אָפּריכטער", זשאָרזש — דער פאַרגייסטיקטער „פּורק-עול"...

וואַניאַ זעט קלאָר פאַר זיך די ביידע וועגן. אים ציט צו דעם „גלות-אָפּריכטער", אָבער ער קאָן נישט אינגאַנצן אַריינוואַרפן זיך אין דעם שטראָם און דערפון ליידט ער, דערפון שטאַמט זיין גאַנצע טראַגעדיע.

מיר ברענגען דאָ אַ געשפּרעך צווישן אים און זשאָרזשן, גאָר אין דעם אָנהויב פון דער דערציילונג.

„איך ווייס נישט", שרייבט זשאָרזש אונטער דעם 17-טן מערץ, „איך ווייס נישט פאַרוואָס איך גיי (אין דעם טעראָ-

---

*) נאָך קלאָרער איז אַרויס דער צונויפגוס פון אָט די ביידע שטראָמען אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע

ריסטישן קאַמף. זש.), אָבער איך ווייס, פאַרוואָס פיל אַנדערע גייען. היינריך איז איבערצייגט, אַז אַזוי דאַרף מען. פיאָדאָרן האָט מען זיין ווייב געטויט. ערנאַ זאָגט, עס איז איר אַ חרפה צו לעבן. וואַניאַ... אָבער לאָז וואַניאַ אַליין רעדן פאַר זיך".

„נעכטן האָט ער מיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט איבער דער שטאָט *). איך האָב מיט אים אָפּגערעדט צונויפקומען זיך אין אַ שלעכטן טראַקטיר.

ער איז געקומען אין הויכע שטיוול און אַ „פּאָדדיאָווקאַ". ער טראָגט איצטער אַ באָרד, און די האָר זענען קיילעכדיק אַרומגעשאָרן. ער זאָגט:

— הער, דו האָסט ווען עס איז געטראַכט וועגן קריסטוסן?

— וועגן וועמען? — פרעג איך איבער.

— וועגן קריסטוסן! וועגן דעם גאָט-מענטש קריסטוס... האָסטו ווען עס איז געטראַכט, אין וואָס צו גלויבן און ווי אַזוי צו גלויבן? ווייסט, ביי מיר אויפן הויף לייען איך אָפּט די עוואַנגעליען און מיר דוכט זיך, עס זענען דאָ נאָר צוויי, אינגאַנצן נאָר צוויי וועגן. איין וועג: מען מעג אַלץ. פאַרשטייסט. אַלץ — און דעמאָלט אַז — סמערדיאַקאָוו **). דאָס הייסט, ווען מען זאָל האָבן קוראַזש, אויב לאָזן זיך אויף אַלץ. ווייל, אויב עס איז נישטאָ קיין גאָט, און קריסטוס איז נישט מער ווי אַ מענטש, איז נישטאָ אויך קיין ליבע, הייסט עס, עס איז גאָרנישט נישטאָ... דער צווייטער וועג איז דער קריסטן-וועג צו קריסטוס... הער, אויב דו ליבסט, אויב דו ליבסט

---

*) וואַניאַ איז צוליב טעראָריסטישע צילן אַ פורמאַן.

**) סמערדיאַקאָוו איז דאָסטאָיעווסקיס אַ העלד אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", אַ מענטש, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין מאָראַליש-שמוציקער זאַך. זש.

פּיל, וואָס ליבן הייסט, איז — מעג מען דעמאָלט טויטן, אָדער מען טאָר נישט?

איך ענטפער:

— טויטן מעג מען אַלעמאָל.

— ניין, נישט אַלעמאָל. ניין, טויטן איז די שווערסטע עבירה. אָבער געדענק: נישטאָ קיין גרעסערע ליבע, איידער די, ווען דו גיסט אַוועק דיין נשמה פֿאַר דיינע מיטמענטשן. נישט דאָס לעבן, נאָר די נשמה. פֿאַרשטיי: מען דאַרף נעמען אויף זיך די שווערסטע יסורים. מען דאַרף דאָס טאָן אויס ליבע און צוליב דער ליבע גיין אויף אַלץ. אָבער בלי שום תּנאַי, בלי שום תּנאַי, אויס ליבע און צוליב ליבע. אַז נישט איז ווידער סמערדיאַקאָוו, דאָס הייסט, דער וועג צו סמערדיאַקאָוון. איך לעב אָט. צוליב וואָס? אפשר לעב איך צוליב דער שעה פֿון מיין טויט, איך בין מתפּלל צו גאָט: רבונו-של-עולם! שיק מיר אַ טויט אין דעם נאָמען פֿון ליבע. און ווען טויטן וועסטו דאָך נישט מתפּלל זיין. דו וועסט טויטן, אָבער דו וועסט נישט מתפּלל זיין... ס'איז דאָך, איך ווייס: ווייניק ליבע איז אין מיר, שווער איז מיר מיין משא.

— לאַך נישט, — זאָגט ער אין אַ מינוט אַרום, — פֿאַרוואָס לאַכסטו און פֿון וואָס? איך רעד צו דיר געטלעכע רייד און דו וועכט זאָגן: פֿון היץ, סט'דאָך זאָגן, ס'טזאָגן: פֿון היץ?

איך שווייג.

— געדענקסט, יוחנן זאָגט אין דער אַנטפּלעקונג: „אין יענע טעג וועלן מענטשן זוכן דעם טויט, זיי וועלן אים אָבער נישט געפֿינען; זיי וועלן שטאַרבן, אָבער דער טויט וועט אַנטלויפֿן פֿון זיי". זאָג, וואָס קאָן זיין שרעקלעכער, איידער ווען דער טויט אַנטלויפֿט פֿון דיר, בעת דו זוכסט אים און רופֿסט? דו וועסט אים אָבער זוכן, אַלע וועלן מיר אים זוכן. ווי קאָן מען פֿאַרגיסן בלוט? ווי קאָן מען אַריבערטרעטן דעם חוק? און מיר פֿאַרגיסן און טרעטן אַריבער. דו

האָסט נישט קיין חוק, בלוט איז פאַר דיר וואַסער. אָבער הער־זשע מיינע רייד, הער: עס וועט קומען אַ טאָג, און דו וועסט דערמאָנען מיינע ווערטער. וועסט זוכן דעם סוף און וועסט נישט געפינען: דער טויט וועט אַנטלויפן פון דיר. איך גלויב אין קריסטוס, איך גלויב. אָבער איך בין נישט מיט אים. איך בין נישט ווערט צו זיין מיט אים, ווייל איך בין אין קויט און אין בלוט. אָבער קריסטוס וועט אין זיין גנאָד זיין מיט מיר.

איך קוק שאַרף אויף אים. איך זאָג:

– איז — טויט נישט. שטיי אָפּ.

ער ווערט בלייך.

— ווי קאָנסטו דאָס זאָגן? ווי דערוועגסטו זיך? דער טרויער פון מיין נשמה איז שטאַרק ווי דער טויט. אָבער איך קאָן נישט... איך האָב ליב.

– וואַניאַ, דאָס איז אַלץ נאַרישקייט. טראַכט נישט וועגן דעם.

ער שווייגט.

אויפן גאַס פאַרגעס איך זיינע רייד״.

אין אַן אַנדער אָרט דערקלערט וואַניאַ, פאַרוואָס די אי־דעאַלן פון פרייהייט און סאָציאַליזם זענען ווייניק פאַר אים.

„— ...נו, און צוליב ליבע? אין דעם נאָמען פון לי־בע האָט ווער עס איז געברענט אויפן פלאַקער? האָט ווער פון אונז געהאַט דעם קוראַזש צו זאָגן: „ס'איז נישט גענוג, מענטשן זאָלן זיין פריי, ס'איז ווייניק — קינדער זאָלן פון הונגער נישט שטאַרבן, די טרערן ביי די מאַמעס זאָלן נישט רינען. מען דאַרף נאָך, מען דאַרף, אַז מענטשן זאָלן ליבן איינע די אַנדערע, אַז גאָט זאָל זיין מיט זיי און אין זיי״. און נאָך אין אַן אָרט קלאָגט ער: „איך גיי טויטן, און אַליין גלויב איך אין דאָס הייליקע וואָרט, איך בויג מיך פאַר דעם קריסט... עס טוט מיר אַזוי וויי״...

וואַניאַ איז אויך גאַנץ נוט באַקאַנט מיט יענע ניטשע־

אַנישע טעאָריעס, וואָס לייקענען די ליבע צו דעם „נאָנטן", ווייל זיי ליבן די „ווייטע", די בעסערע מענטשהייט פון די צוקונפטיקע דורות.

„— ווי קאָנסטו ליבן די ווייטע", פרעגט וואַניא, „אַז ביי דיר איז נישטאָ קיין ליבע צו די, וואָס רינגלען דיך אַרום? ווייסט, ס'איז גרינג צו שטאַרבן פאַר אַנדערע, אַוועקגעבן פאַר די מענטשן דעם טויט. אָט, דאָס לעבן אַוועקגעבן, — דאָס איז שווערער. מיט יעדן טאָג, מיט יעדער מינוט לעבן דורך ליבע, דורך געטלעכע ליבע צו מענטשן, צו אַלץ וואָס לעבט. אויך זיך פאַרגעסן, נישט צוליב זיך בויען דאָס לעבן און אויך נישט צוליב ווייס איך דאָרטן וועלכע ווייטע"...

שוין פון די געבראַכטע פּאָר שטעלן טרעטן אַרויס שאַרף און פאַרביק די אמתע שטריכן פון אַ גלות-אַפּריכטער. פאַרשטייט זיך, פון אַ פאַרגייסטיקטן. וואַניא טראָגט נישט קיין האָריקן העמד אויף דעם נאַקעטן לייב, ער פּייניקט נישט זיין חומר, ער פאַסט נישט, שלאָגט זיך נישט קיין מלקות און טוט נישט די אַנדערע נאַרישע גשמיותדיקע זאַכן. אָבער זיין נשמה האָט זייער גייסטיקן תמצית אַריינגעצויגן אין זיך: די **יסורים של אהבה**, דאָס ברענען אויפן פלאַקער צוליב געטלעכער ליבע.

„איך ווייס", שרייבט זשאָרזש נאָך וואַניאַס טויט, „אין וואַניאַן האָט געלעבט אַ הייליקייט, זיין אמת איז אין זיינע **יסורים**".

זשאָרזש, דער פורק-עויל, פאַרשטייט אים מער נישט, ווי מיטן קאָפּ. זיין האַרץ באַנעמט אים נישט. „הייליקייט און אמת פאַרשטיי איך נישט", שרייבט ער, „איך בין זיי נישט משיג". און ער קלאָגט נישט דערויף.

נאָך בולטער, ווי ביי וואַניאַן דעם גלות-אַפּריכטער, טרעטן ביי זשאָרזשן אַרויס די שטריכן פון דעם פורק-עויל. און אויך דאָ, אין דעם הימל פון דער „באָיעוואָיאַ אָרגאַניזאַציאַ", האָבן מיר צו טאָן נישט מיט **גשמיות**, נישט מיט נאָכלויפן נאָך

די תּאוות פונם גוף, נאָר מיט דעם גייסטיקן יאָך־אָראָפּ־וואַרפער; נישט מיט דעם „מופקר“, נאָר מיט דעם „שר של הפקר“, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן.

„וואָס איז מיר מיין גאַנץ לעבן אָן קאַמף“, פרעגט ער, „אָן דעם פריידיקן נישט פאר מיר“?

אים ציט צו יענע בלעטער פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען דער מענטש האָט נאָך נישט געהאַט קיין מאָראַלישן יאָך אויפן נאַקן. „איך לייען אויפמערקזאַם די אַלטע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געוויסן, זיי האָבן נישט געזוכט קיין יושר און אמת. זיי האָבן פּשוט געלעבט. ווי דאָס גראָז וואַקסט. ווי די פויגל זינגען“.

ער האָט נישט קיין געטער, און אים שרעקט נישט אָפּ סמערדיאַקאָוו. „צו וועלכן גאָט זאָל איך תּפילה טאָן, ער זאָל מיך נישט פאַרלאָזן? ווער איז מיין באַשירמונג און מיין באַשיצער? איך בין אַליין. און האָב איך נישט קיין שוץ, בין איך אַליין מיין באַשירמער; און האָב איך נישט קיין גאָט, בין איך אַליין גאָט. וואַניאַ זאָגט: אויב מען מעג אַלץ, איז דעמאָלט סמערדיאַקאָוו. איז — מיט וואָס איז סמערדיאַקאָוו ערגער פאַר אַנדערע? און פאַרוואָס זאָל מען מורא האָבן פאַר סמערדיאַקאָוון?“

און זשאָרזש „מעג אַלץ“. „מען זאָגט, מען טאָר נישט טויטן. מען זאָגט אויך: איינעם מעג מען, דעם אַנדערן נישט. מען זאָגט אַזוי, און מען זאָגט אַזוי“.

„איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען טאָר נישט טויטן, און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס טויטן צוליב איין זאַך איז גוט און צוליב אַן אַנדער זאַך איז שלעכט“.

זשאָרזש האָט אויך נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. וואָס טרייבט אים דען צו דעם טעראָריסטישן קאַמף? „איך וויל אַזוי“, איז זיין ענטפער. „איך וויל נישט זיין קיין קנעכט, איך וויל נישט, עס זאָלן זיין קנעכט“. „גליקלעך“, שרייבט ער אין אַן אַנדער אָרט, „ווער עס גלויבט אין סאָציאַליזם,

אין דעם קומענדיקן גן-עדן אויף דער ערד. מיר אָבער זענען לעכערלעך אָט די אַלע בבא-מעשיות... איך האָב שוין געזאָגט: איך וויל נישט זיין קיין קנעכט." און אין אַ דריטער שטעל: „איך וויל נישט זיין קיין קנעכט, אפילו נישט קיין פרייער קנעכט. מיין גאַנץ לעבן — אַ קאַמף. נישט קעמפן קאָן איך נישט. צוליב וואָס קעמף איך? איך ווייס נישט. איך וויל אַזוי. איך טרינק ריינעם ווייַן".

נאָר מיר האָבן שוין געזען צוליב וואָס ער קעמפט. פאַר דעם רוחניותדיקן פורק-עול איז דער קאַמף טייער דערפאַר, וואָס ער גיט אים דאָס פריידיקע באַוווסטזיין, אַז די געזעצן פון דער וועלט זענען נישט פאַר אים.

און ער טרעט זיי אַריבער, נישט נאָר צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, נישט נאָר אונטער דער געהייליקטער פאָן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל, נאָר פריוואַט, צוליב זיך, ווייל ער האָט זיך פאַרליבט און ווייל דער מאַן שטייט אים אין וועג. ער רופט אים אַרויס אויף אַ דועל, און אַז יענער זאָגט זיך אָפּ צו שיסן, דערשיסט ער אים אַליין. דאָס רופט אין אים נישט אַרויס קיין ברעקל חרטה.

„איך האָב געטויט אַ מענטשן... ביז אַהער האָב איך געהאַט אַן אויסרייד: איך טויט צוליב אַן אידייע, צוליב דער זאַך... די, וואָס האָבן דערטרונקען די יאַפּאַנער, האָבן אויך געוווסט, ווי איך: דער טויט איז צוליב רוסלאַנד...

נאָר-אָט האָב איך געטויט צוליב מיר אַליין. איך האָב געוואָלט און האָב געטויט. ווער איז דער ריכטער? ווער וועט מיך פאַרמשפּטן? ווער וועט מיך באַפרייען? לעכערלעך זענען מיר מיינע שופטים, לעכערלעך זייער שטרענגער אורטייל... ווער האָט דעם קוראַזש צו וואַרפן אין מיר אַ שטיין? נישטאָ קיין גרענעצן, נישטאָ קיין נפקא מיניהס. פאַרוואָס איז טויטן צוליב אַן אידייע גוט, צוליב דעם פאָטערלאַנד — אַ נויט, און צוליב זיך אַליין — אוממעגלעך? ווער וועט מיר ענטפערן?... איך האָב נישט קיין חרטה. יאָ, איך האָב געטויט".

צווייַ שטריכן אין דער דועל-געשיכטע און אין זיין ליבע צו יעלענען זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייס-טיקן פּורק-עול. צו וואָס האָט ער זיך געדאַרפט אַזוי בעטן ביי דעם מאַן, ער זאָל אָננעמען דעם דועל? וואָלט נישט גע-ווען אַ סך פּשוטער, אַ סך „סמערדיאַקאָווישער", אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, ווען ער וואָלט אים דערשאָסן פון אַ זיכערן אָרט הינטער אַ ראָג? איז נישט דאָס ערע-געפיל, דאָס באַוווסטזיין פון מענטשלעכער חשיבות, אויך אַ געזעץ, אַ מאָראַלישער יאָך, אפשר גאָר דער מקור פון אַלע אַנדערע מאָראַלישע געזעצן?

און אַ צווייטער שטריך, וואָס איז נאָך כאַראַקטעריסטי-שער. דער שאָס אין דעם מאַן האָט מיטאַמאָל און ראַדיקאַל אויסגעברענט זיין גאַנצע ליבע צו יעלענען. ער איז פּלוצלונג געוואָרן גאַנץ גלייכגילטיק צו זיין געליבטער. ער קערט ווי-דער צוריק צו זיין אַרבעט. „טאָג אויף טאָג, לאַנגע שעה אויף לאַנגע שעה וועל איך שטילערהייט נאָכשפּירן, כ'וועל לעבן מיט דעם טויט, און איינמאָל וועט אַ בליק טאָן די שכּורע פרייד: עס איז געשען — איך האָב געזיגט. און אַזוי ביז צו דער תּליה, ביז צו דעם קבר".

עס דערוואַכט אין אים ווידער די פריערדיקע שטימונג: די פרייד פון דעם קאַמף, דער ווי אַ מאַגנעט צוציענדיקער אָפּ-גרונט פון טויט, — יענע שטימונג, אין וועלכער ער איז גע-ווען ערב דעם אַטענטאַט, אין וועלכער ער האָט געשריבן די ווערטער:

„מאָרגן איז אונזער טאָג. שאַרף, ווי שטאָל, שטייט אויף דער קלאָרער געדאַנק. נישטאָ קיין ליבע, נישטאָ קיין וועלט, נישטאָ קיין לעבן. דער טויט — דאָס איז די קרוין, און דער טויט, דאָס איז דער דערנער-קראַנץ".

אויף פאַר וואַניאַן איז דער טויט געווען דער „דערנער-קראַנץ", דער סימבאָל פון קריסטוסעס ליידן. נאָר צו וואַניאַן האָט ער גערעדט גאָר אין אַן אַנדער שפּראַך. וואַניאַ, דער גלות-אָפּריכטער, דער לעבן-פאַרלייקענער, האָט אין אים געזען

דעם העכסטן אויסדרוק פון ליבע, פון וועלט, פון לעבן. אין אים האָט ער דערבליקט דעם „חוק", דאָס געזעץ פון „יסורים של אהבה".

זשאָרזש, דער גייסטיקער פורק-עול, דער לאָגישער היפּך פון וואַניאַן, זעט אין דעם טויט די אָפּלייקענונג פון יעדער ליבע, פון יעדן געזעץ.

„איך קאָן זאָגן אויף זיך: „איך האָב אַ קוק געטאָן, ערשט עס איז אַ בלאַס פערד און אויף אים אַ ריטער, דער טויט." *) ווו אָט דאָס פערד טרעט מיט זיין פוס, דאָרט וועלקט דאָס גראָז, און ווו דאָס גראָז וועלקט, דאָרטן איז נישטאָ קיין לעבן. הייסט עס, עס איז אויך נישטאָ קיין געזעץ. ווייל דער טויט — דאָס איז נישט קיין געזעץ"...

זשאָרזש ענדיקט מיטן פינסטערסטן פעסימיזם. ס'קאָן זיין, אַז די לעצטע פּאַסירונגען אין דעם לעבן פון דער פּאַרטיי האָבן דערצו צוגעגעבן זייער חלק: יענער אַזעף-פּעריאָד, ווען יעדער איינער, וואָס האָט אויפן שטעל אַריינגעבליקט אין דעם גאַנצן אָפּגרונט, האָט געהאַט אַ רעכט אויסצורופן אינאיינעם מיט זשאָרזשן: „פּאַרשאָלטן איז די וועלט און פוסט געוואָרן אין איין שעה: אַלץ איז שקר און הבל-הבלים". אויך אַנדערע שטעלן אין די לעצטע זייטלעך פון דעם טאָגבוך קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אין דעמזעלביקן זין.

אָבער מיר דוכט, אַז קיין פּרינציפּיעלע באַדייטונג פאַר זשאָרזשס כאַראַקטעריסטיק קאָן דאָס נישט האָבן. „איך ליב איצטער קיינעם נישט", זאָגט ער אַ פּאָר שורות פריער פאַר דעם „הבל-הבלים", „איך וויל נישט און איך קאָן נישט ליבן. פּאַרשאָלטן איז די וועלט" אין אַזוי ווייטער. דאָס נישט ליבן קיינעם איז אָבער אַ מאָטיוו, וועלכן ער האָט אויך פריער אָפּטמאָל ווידערהאָלט. „מען זאָגט נאָך, אַז מען דאַרף ליב

*) אויס יוחננס אַנטפּלעקונג.

האָבן דעם מענטשן. און — אַז עס איז נישטאָ אין האַרצן קיין ליבע?"

און פון „דער וועלט" האָט ער אויך פריער ווייניק וואָס געהאַלטן...

— „דו רעדסט ווי אַ גלח אין קלויסטער", פּאָלעמיזירט ער אין אַן אָרט אַנטקעגן וואַניאַן.

— לאָז זיין, ווי אַ גלח. אָבער דו, זאָג מיר: קאָן מען לעבן אָן ליבע?

— געוויס קאָן מען.

— ווי? ווי אַזוי?

— גיב אַ שפּיי אויף דער גאַנצער וועלט.

— דו טרייבסט קאַטאָוועס, זשאָרזש.

— ניין, איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועס.

— אָרעמער זשאָרזשיק, דו אָרעמער!..."

און אָט דער אויסרוף איז נישט נאָר וואַניאַס משפּט איבער דעם פּורק-צול. דאָס איז אויך ר אָ פּ ש י נ ס אויסגעשריי, וואָס ווערט פּאַראַמתט דורך „זשאָרזשיקס" טרויעריקן סוף.

דערפון קאָן מען אויך זען, ווי ווייניק ראָפּשין נויטיקט זיך אין לאָגישע און עטישע „מוסר-זאָגערס", וואָס זאָלן אים באַווייזן די פאַלשקייט פון דעם פּורק-עולס שטאַנדפּונקט. אויב ראָפּשינס סימפּאַטיעס האָבן זיך איבערהויפּט אָפּגענייגט פון דעם הערשנדיקן העלדן-טיפּ, איז דאָס גאַנץ געוויס געשען צום גונסטן פון „וואַניאַן" און נישט צוליב דעם אָרעמען זשאָר-זשיקן.

---

דאָס פּראָבלעם פון דעם „פּורק-עול" און דעם גלות-אָפּ-ריכטער אין דער רעוואָלוציאָנערער פּסיכאָלאָגיע" איז געוויס נישט אויסגעשעפּט געוואָרן אין ראָפּשינס „בלייכן פערד". ער איז דאָרטן קוים אָנגעמערקט געוואָרן. די „באָיעוואַיאַ אָרגאַני-ציאַ" איז אויך נישט דאָס איינציקע פעלד, וווּ עס שפּילט זיך

אָפּ די רעוואָלוציאָנערע פּסיכאָלאָגיע. זי איז די אויבערשטיבל. דער אידעאָלער איבערבוי. עס זענען אָבער דאָ נאָך אַ סך גאָרנס, איינער נידעריקער פאַרן אַנדערן...

געזעענעס און געהערטעס האָבן מיך שוין לאַנג געפירט צו דעם רעזולטאַט, אַז די צוויי גרונט-שטראָמען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָטעסט-פּסיכאָלאָגיע פירן זייער קאַמף, גיסן זיך צונויף און שניידן זיך פאַנאַנדער און גייען איבער איינער אין דעם אַנדערן, וואָס נ י ד ע ר י ק ע ר אין אַלץ מער מגושמדיקע פאָרמען. דאָס איז אומפאַרמיידלעך. און אפשר איז גראָד איצטער, אין די טעג פון שאַרפערער זעלבסטקריטיק און זעלבסטדערקענטעניש, געקומען די צייט — טיפער אַריינ-צודרינגען אין דעם ענין, אויסצופאָרשן זיינע דערשיינונגס-פאָרמען און אויפצודעקן זיינע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען.

שלום אַשס „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט“
און ל. שאַפּיראָס „דער צלם“

# שלום אשס „אין א קאַרנאַוואַל נאַכט"
# און ל. שאַפּיראָס „דער צלם" *)

## I

די צוויי דערציילונגען פון אַש און שאַפּיראָ „בעטן זיך" ממש, מען זאָל זיי פאַרגלייכן.

ביידע זענען זיי, ערשטנס, שטאַרק און טאַלענטפול געשריבן; זיי געהערן ביידע אָן שום ספק צו די בעסטע פערלען פון דער ניי-יידישער ליטעראַטור.

די ניי-יידישע ליטעראַטור איז שוין, ברוך השם, נישט אָרעם אין טאַלענטפולע קינסטלערישע פּראָדוקטן און דער, וואָס ליבט זי, קאָן געוויס שעפּן פיל נחת פון איר וווקס און פאַנאַנדערבליען-זיך. אָבער איך האָב אָפטמאָל באַמערקט, אַז אַ סך יידישע זאַכן, וואָס האָבן מיך אַנטציקט ביים לייענען, פלעגן פלוצלונג אינגאַנצן ווערן בלאַס און פאַרלירן זייער חן, ווי נאָר איך פלעג אין געדאַנק אַריינשטעלן זיי צווישן די נישט יידישע קונסט-געמעלן, אַפילו צווישן די נישט גאָר פון דער העכסט-קינסטלערישער מדרגה. עס פלעגט דערביי בולט אַרויסטרעטן דער קאָנטראַסט צווישן דער יידישער און נישט יידישער קונסט, און עס פלעגט מיר ווערן קלאָר, אַז אַ טייל פון מיין התפעלות האָט געשטאַמט נישט אַזוי פון דעם עסטעטישן גוסט, ווי פון דער ליבע צו דער יידישער שפּראַך און

---

*) „דאָס נייע לעבן" 1909—1910

צו דער יידישער ליטעראַטור. מיר פלעגט זיך דערביי אויס־דוכטן, אַז פאַרגלייכן זיי מיט די פּראָדוקטן פון דער נישט־יידישער ליטעראַטור האָט אַקוראַט אַזאַ זין, ווי ווען איך וואָלט וועלן פאַרגלייכן די חכמה פון אַ גערוטן קינד מיט די שכלדיקע ווערטער פון אַ דערוואַקסענעם.

נאָר זייער ווייניק שריפטשטעלער און ווערק קאָנען אויס־האַלטן אַזאַ פאַרגלייך. און די צוויי דערציילונגען, וועגן וועלכע מיר רעדן, געהערן צו זיי. זיי טראָגן אויף זיך די סימנים פון אַן אויסגעוואַקסענער ליטעראַטור. די טעכניק איז ביי זיי אַ זיכערע און פרייע; די בילדער און שילדערונגען זענען קלאָר און בולט. דאָס זענען נישט קיין אַקוואַרעלן, נישט קיין „וואַסער־פארבן־שטודיען", ווי דאָס רוב יידישע סקיצן. אַש און שאַפּיראָ געברויכן דאָ, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, „פייער־פאַרבן", וואָס ברענען אַריין דאָס געמאָלטע אין מח און אין האַרץ. און ווי אמת־קינסטלערישע געמעלן, רופן זיי אַמאָל אַרויס דעם איינדרוק, אַקוראַט ווי אַרום זיי וואָלט זיך אַרומגעטראָגן אַ גאַנצע מחנה געדאַנקען, וואָס זענען אפשר נישט קלאָר געווען דעם קינסטלער אַליין, וואָס האָבן אָבער דאָך אומבאַוווסט זיך גערירט און גערודערט אין זיין נשמה, וואָס זענען אַרויסגעשטראָמט אינאיינעם מיט דער אַר־בעט פון זיינע פינגער, און זענען געבליבן הענגען אַרום דעם בילד.

און די טעמעס, וועלכע זיי באַהאַנדלען, זענען לעבנס־וויכטיקע. דאָס איז דער צווייטער פּונקט אין דעם פאַרגלייך. דאָ ווערן נישט געשילדערט די אַלטעגלעכע קלייניקייטן פון די אַלטעגלעכע קליינע מענטשעלעך פון דער אינטעליגענץ און פון דעם פאָלק. דאָס איז נישט אַ מיקראָסקאָפּישע נשמה־שטודיע, וואָס איז איצטער געוואָרן אַזוי באַליבט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, נישט אַ טראָפּן נשמה, אונטערגעשטעלט אונטער אַ גרויס־גלאָז, כדי צו דערזען און צו שילדערן די מיליאָנען קליינינקע ווערעמלעך און שלענגעלעך, וואָס ווידמען זיך אין

איר, וועלכע מען וואָלט מיט אַ פשוט געזונט אויג קיינמאָל נישט באַמערקט, ווי מיר באַמערקן נישט די „ווערעמלעך״ און „שלענגעלעך״ אין דעם פרישן געזונטן שטראָם-וואַסער, וואָס מיר טרינקען.

ס׳איז דאָ אַ סברה, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור האָט זיך דערפאַר גענומען פאַר די ווערעמלעך און שלענגעלעך (וואָס וואַקסן אויס אין דער געמעלעכץ צו מאוימדיקע פּיפּער־נאָטערס), ווייל אַלע „פשוטע״ פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער נשמה זענען אויסגעשעפּט געוואָרן און אַנדערש ווי מיט אַ מיסקראָסקאָפּ קאָן מען שוין אין איר קיין „נייס״ נישט געפינען. איך ווייס נישט, צי דאָס איז אינגאַנצן אמת. מיר דוכט, אַז די גרויסע פאַרענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם לעבן פון די מענטשן אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָבן געמוזט אַזוי איבעראַנדערשן דעם מענטשנס נשמה, געמוזט אַרויסרופן אַזעלכע טיפע און וויכטיקע קאָנפליקטן, וואָס וואָלטן געגעבן גענוג שטאָף פאַר קינסטלערישע באַאַר־בעטונג, ווען דער מאָדערנער קינסטלער וואָלט באמת געלעבט מיט דעם לעבן, וואָלט באמת געאָטעמט די לופט פון דעם היסטאָרישן טאָג און נישט די לופט פון דעם נאַכט־קאַפע-הויז און דער נאַכט-גאַס.

אָבער לאָמיר לאָזן די מאָדערנע אייראָפּעאישע קינסטלער אָן אַ זייט. אין דעם יידישן לעבן, וואָס אין אים האָט מען זיך נאָך אַזוי ווייניק קינסטלעריש פאַרטיפט, פעלן געוויס נישט קיין טעמעס פאַר געזונטע מענטשלעכע אויגן. בפרט אין דער לעצטער צייט, ווען אַזוי פיל פאַרשיידענע כחות האָבן זיך גענומען צונויפשטויסן אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם יידן, ווען אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע פעדים האָבן זיך גע־נומען צונויפפלאָנטערן און צונויפקניפּלען אין איר, ווען דאָס געשיכטלעכע לעבן פון אונזער פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל טיפע, שיינע און הערצאָאישע קאָנפליקטן, איז באמת

אָ גרויס וואונדער, וואָס אונזערע יידישע דיכטער און קינסט־לער זענען אַזוי ווייניק אַריינגעדרונגען אין זיי.

דער אַסקעטיזם פון דער יידישער קלויז און די אויס־געלאַסענע לעבנס־שׂכרות פון דער הינטוועלטיקער גאַס; דאָס צעפאַלן פון אַלע אַמאָליקע גרונט־יסודות און דאָס אומבאַוווסטע בויען פון נייע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען; די בענקשאַפט נאָך נאַטור און שיינקייט, נאָך גאַנצקייט און פרידן אין דער נשמה און די צוגעבונדנקייט צו דער שטאָט מיט איר שטויב און שמוץ, אָבער מיט איר אייביקן, אַלע שמערצן פאַרטויבנ־דיקן ליאַרעם; דער אויפגעוועקטער סקעפּטיציזם פון אָ שאַרף־געשליפענעם מוח אינאיינעם מיט דעם ברענענדיקן דאָרשט נאָך אַ רעליגיעזן גלויבן; די רעוואָלוציע און דער ציוניזם; דאָס וועלן איינשלינגען די גאַנצע גייסטיקע וועלט פון דער גאַנ־צער מענטשהייט און דאָס וועלן אַנטלויפן פון איר אין די אייגענע פיר ווענט און דאָרטן אין איין דור אויפבויען נאָך אָ שענערע גייסטיקע וועלט, איידער די, וואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט מיט אַזוי פיל מי און פיין אויסגעבויט אין אַ משך פון דורות,—גאָט מיינער! נישט שוין־זשע הערן אונזערע קינסטלער נישט דעם גערודער אין דער מאָדערנער יידישער נשמה, נישט שוין־זשע זעען זיי נישט די אָפּטמאָל קאָלאָסאַלע געשטאַלטן, וואָס דאָס מאָדערנע יידישע לעבן ברענגט אַרויס, וואָס אויך זיי — די קינסטלער מיין איך — מוזן זיך כאַפּן צום מיקראָסקאָפּ און נאָכיאָגן זיך נאָך ווערעמלעך און שלענ־געלעך!

שלום אַש און שאַפּיראָס דערמאָנטע דערציילונגען זע־נען, יעדע אויף איר אָרט, אַן אָפּקלאַנג פון יענעם גייסטיקן גערודער אין אונזער נשמה, דער ערשטער פּרוּוו אַריינצוּ־טאָן זיך אין די טיפסטע פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם יידישן לעבן.

און ק ו ר אַ ז ש האָבן זיי ביידע, אַש און שאַפּיראָ, יענעם קוראַזש פון מענטשן מיט אייגענע קעפּ אויף די אַקס־

לען, האָט האָבן קיין מורא נישט צו שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם: אַש מיט זיין פאַרהערלעכונג פון קריסטוס און מאַריאַ, שאַפּיראָ מיט זיין אָנפאַל אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו דער רעוואָלוציע.

און אויף דער פונקט, אַרום וועלכן עס דרייט זיך זייער טעמע, איז כמעט איין און דערזעלביקער: מיר און דער צלם! די יידישע וועלט און די גוישע. דאָס באַגיין זיך פון דער גוישער וועלט מיט אונז, אונזער באַגיין זיך מיט איר.

עס וואָלט הייסן צו פיל פאַרלאַנגט, ווען מען וואָלט דער וואַרט, אַז אין צוויי קליינע דערציילונגען זאָלן אַפילו מער נישט ווי אָנגעטייט ווערן אַלע זייטן, אַלע אָפּגרונטן פון יענעם טיף-טראַגישן פּראָבלעם, וואָס דויערט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. מיר קאָנען זיין צופרידן, וואָס דאָס פּראָבלעם איז איבערהויפּט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז אין אונז דערוועקט זיך די אַנונג פון זיין גאַנצער גרויס.

אָבער ווי פאַרשיידן זענען די רעזולטאַטן, צו וועלכע דיביידע קינסטלער זענען געקומען! ווי אַנטקעגנדיק די ענטפערס, וועלכע ביידע גיבן אויף דעם צלם-פּראָבלעם!

שאַפּיראָס ענטפער איז אַ ריין-נאַציאָנאַלער, דיקטירט פון אַן אומענדלעכן האַס צו דעם צלם. אַשס ענטפער קאָן מען אָנרופן אַן אַלגעמיין-מענטשלעכן. ער איז פול מיט סליחה ומחילה, מיט מענטשלעכן טרויער פאַר דעם פאַרפאָלגער און דעם פאַרפאָלגטן.

לאָמיר אָנהויבן מיט שלום אַשן.

רעדט מען וועגן דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור. וועגן דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס, פאַרגעסט מען אָפט, אַז בעצם איז די קולטור און דער פּראָגרעס נישט קיין פּראָדוקט פון דער גאַנצער מענטשהייט, מיט אַלע אירע האָטענטאָטן, בושמענער און אַפילו כינעזער. דער פּראָגרעס און די ציוויליזאַציע, אין וועלכער מיר לעבן, צוליב וועלכער עס

לעבּן די בּעסטע קינדער פון דער מענטשהייט, איז אויסגעאַרבּעט געוואָרן פון אַ קליינער גרופּע פעלקער, וואָס זענען עד היום די טרעגער פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דאָס איז די גרופּע אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס האָבּן אויסגעאַרבּעט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע. פאַרשיידענע קולטור־וועלטן, בּאַשאַפן פון פאַרשיידענע פעלקער, האָבּן זיך צונויפגעגאָסן אין יענעם ציוויליזאַציע־שטראָם, וואָס הויבּט איצטער אָן צו פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט. דאָס איז, ערשטנס, די גריכיש־רוימישע קולטור־וועלט, צווייטנס, אַ טייל פון דער קולטור־וועלט פון דעם יידישן פאָלק, פון זיין אָנהויבּ היסטאָרישן שאַפן בּיז צו דעם מאָמענט, ווען די קריסטלעכע קירכע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סינאַגאָגע, און, דריטנס, די גערמאַנישע וועלט. די דריי וועלטן האָבּן איינאיינעם אַרויסגעבּראַכט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויפן שטעל אָנגענומען די פאָרם פון קריסטנטום, און קריסטנטום איז געבּליבּן איר רעליגיעזע פאָרם בּיז אויף דעם היינטיקן טאָג. די קריסטלעכע וועלטאָנשויאונג, די קריסטלעכע לעגענדעס, די שיינע אויסגעקלערטע מעשיות און ווירקלעכע פּאַסירונגען פון קריסטלעכע העלדן, די קריסטלעכע צערעמאָניעס, מנהגים און אינסטיטוציעס פאַרנעמען דעם גרעסטן פּלאַץ אין דעם גייסטיקן אוצר פון דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט און לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף יעדן געבּאָרענעם קריסט, אַפילו אויף דעם פריידענקער און אַטעאיסט.

אין אָט דער וועלט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט גריכיש־רוימישע, גערמאַנישע, בּיבּלישע און קריסטלעכע טראַדיציעס, בּילדער און שטימונגען, לעבּט דאָס יידישע פאָלק שוין בּאַלד אַ טויזנט יאָר. זי איז דעם יידן כּמעט אינגאַנצן פרעמד. זיין שטעלונג צו איר איז אַ פיינטלעכע, פול מיט שפּאָט און האַס. אויף דער גריכיש־רוימישער געטער־וועלט און אירע טראַדיציעס קוקט ער פון אויבּן אַראָפּ. ער זעט אין איר נישט מער ווי אַ קינדער־שפּיל אין „לאַלקעס”, אָדער אַ צולאָזנקייט

פון שיינע שכרות און זנות. די גערמאַנישע וועלט, מיט איר קרעפטיקער און טיפער טראַגיק, וואָס אַ וואַגנער איז קוים וואָס ביכולת אויסצודריקן אין מוזיקאַלישע קלאַנגען, איז דעם יידן לגמרי פרעמד, און די קריסטלעכע וועלט, מיט איר גאַנצער הייליק-שויערלעכער שיינקייט, איז אין זיינע אויגן אומווערדיק, ווי אַ פאַרפעסטעטע נבלה.

וואָס האָט דאָס יידישע פאָלק אָנשטאָט דעם אַלעם? עס האָט אין גלות אויסגעאַרבעט זיין וועלט, די וועלט פון תלמוד און מדרש, פון שולחן-ערוך און פלפול, פון קבלה און חסידות. נאָר אין איין פונקט קומען זיך די צוויי וועלטן צונויף: אין די ביבלישע געשטאַלטן און שטימונגען. אָבער אויך זיי זענען דורכאויס פאַרשיידן ביי דעם יידן און דעם קריסט, ווייל זיי האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו דעם פאַרשיידענעם אוצר פון די צוויי וועלטן. די ביבלישע העלדן, די אבות, די נביאים, די שופטים, די מלכים זענען אין אונזערע אויגן נישט דאָס, וואָס זיי זענען אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט, נישט דאָס, וואָס זיי זענען געווען אין דערווירקלעכקייט: זיי זענען ביי אונז געוואָרן פרומע רבנים און רייכע יידישע סוחרים.

אָט די צוויי, אַזוי פאַרשיידענע וועלטן, די יידישע און די קריסטלעכע, לעבן אונטער איין דאַך, זענען געצוווּנגען נאָך אַ סך יאָרן צו לעבן אינאיינעם און מוזן זען ווי אויסצוקומען צווישן זיך. אויף אַ ווײַלע, אין דעם סוף אַכצנטן און דער ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די ניי-אויפגעקומענע ריין-וועלטלעכע ציוויליזאַציע, מיט איר פרייער קריטיק פון אַלע רעליגיעזע דאָגמעס און טראַדיציעס, מיט אירע וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע פאָרשונגען, מיט אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן און אידעאַלן, וועט אָפּמעקן פון זכרון דיביידע אַלטע וועלטן און באַשאַפן אַ שפּאָגל-נייעם, בשותפות באָדן פאַר יידן און קריסטן. דער וואָלטעריאַנישער וויץ וועט טויטן

קריסטוסן אַזוי גוט ווי משיחן, באַגיסן מיט גרינע גאַל דעם הייליקן ניקאָלאַוס אַזוי גוט ווי ר׳ ישראל בע״שט. פריי פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועט די ציוויליזירטע מענטשהייט אין דער קעגנוואַרט פאַרברייטן די צוקונפט. דאָס האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדוכט אויף אַ ווײַלע. די שוין טויט-געמיינטע פאַרגאַנגענהייט איז נאָך אַ קליינעם פעריאָד פון טומאה און גלייכגילטיקייט ווידער אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אין אַן אַנדער פאָרם, אָבער מיט דעמזעלביקן אינהאַלט.

די מענטשהייט לעבט נישט נאָר אין דער קעגנוואַרט און פאַר דער צוקונפט. איר לעבן איז איין-איינציקער געשיכטלעכער פּראָצעס, אין וועלכן דער נעכטן, דער היינט און דער מאָרגן זענען נאָר איינצלנע גלידער, וואָס מען קאָן נישט פאַנאַנדעררייסן. מיר לעבן איבער אין דעם היינט די דערינערונג פון דעם נעכטן און די האָפענונג אויף דעם מאָרגן. און אויב עס איז אונז באַשערט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דעם קולטור-געשיכטלעכן וועג פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, — אַלץ איינס, ווו מיר זאָלן נישט לעבן: אין גלות אָדער אין אַן אייגענעם לאַנד, — וועט פאַר אונז נויטיק זיין אַריינצונעמען אין זיך נישט נאָר די זאָרג פון איר היינט. נישט נאָר די האָפענונג אויף איר מאָרגן, נאָר אויך די גאַנצע דערינערונג פון איר נעכטן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איבערנעמען הייסט נישט נאָכקאָפּירן, עס הייסט איבעראַרבעטן, עס הייסט צונויפגיסן מיט אונזער נעכטן, היינט און מאָרגן אַזוי, אַז פון די ביידע וועלטן זאָל ווערן איין גאַנצעס.

איז דאָס מעגלעך? קאָנען די צוויי פיינטלעכע וועלטן צונויפגעגאָסן ווערן? מוזן נישט דערביי אַרויספאַלן שטיקער פון דער איינער אָדער דער אַנדערער, וואָס קאָנען בשום אופן נישט הויזן איינס מיט דעם אַנדערן? וואָס זאָל זיין דער מאָסשטאַב מיט וועלכן מען זאָל מעסטן די איינצלנע טיילן פון ביידע וועלטן? זאָל דאָס זיין דער ייִדישער מאָסשטאַב, דער תלמוד-מדרש-חסידישער, מיט וועלכן מיר זאָלן אָפּשאַצן

די ווערטן פון דער קריסטלעך-ציוויליזירטער וועלט? אָדער פאַרקערט: זאָל די קריסטלעך-ציוויליזירטע וועלט זיין דער ריכטער איבער אונזער גאַנצן אוצר פון דער פאַרגאַנגענער צייט? אָדער עס זאָל זיך אויסאַרבעטן אַ נייער מאָסשטאַב, וואָס זאָל שטיין העכער פאַר דיביידע וועלטן? — אַ האַרבע שאלה, אויף וועלכער עס איז איצטער זייער שווער צו געבן אַ קלאָרן, שאַרף-פאָרמולירטן ענטפער.

דערווייל זעען מיר, אַז די גרעסטע מענטשן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער איצטיקער מערב-אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, האָבן אויסגעקליבן די קריסט-לעך-ציוויליזירטע וועלט פאַר דעם מאָסשטאַב פון אונזער גאַנ-צער קולטור, פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. אונזער פאַרגאַנגענהייט לעבט אויף און אַט דעם אויפלעבונגס-פּראָ-צעס וועט שוין קיין „אפּיקורס" נישט קאָנען מער אויפהאַלטן; אָבער זי לעבט אויף נישט אין איר פריערדיקער געשטאַלט. זי גייט דורך אַ קריטישן לייטערונגס-פייער. און אָט דאָס לייטערונגס-פייער איז אַריבערגענומען פון דער קריסטלעך-ציוויליזירטער וועלט. אונזער ירושה פון די אַלטע דורות מעג זיין ווי גרויס און רייך, קאָנען מיר נישט קוקן אויף איר מיט די אויגן פון די אַלטע, ביי וועמען יעדעס פּשטל, יעדער קונציקער דריי פון דעם יידישן מוח האָט אַרויסגערופן אַנט-ציקן און התלהבות. מיר מעסטן אָפּ און וועגן אָפּ אַלץ, וואָס מיר געפינען אין די אוצרות פון דער אַלטער יידישער קולטור, מיט דער מאָס און דער וואָג פון דעם אַ ל ג ע מ יי ן-מ ע נ ט ש-ל ע כ ן א י ד ע א ל, ד. ה. דעם אידעאַל פון די מערב-אייראָ-פּעאישע קריסטלעכע פעלקער, וועלכן אויך מיר האָבן געהאָלפן אויסבויען (און שטאַרק געהאָלפן) דורך אונזער ביבל און די ערשטע צייטן פון דער יי ד י ש-קריסטלעכער קירכע. מיר מעגן ווערן ווי נתפעל פון די רייכקייטן, וואָס מיר געפינען אין אונזער אַלטן אוצר, מיר מעגן זיין ווי זיכער אין אונזער גלויבן, אַז די פון אונז אויסגעגראָבענע עשירות וועט באַריי-

כערן די גאַנצע מענטשלעכע קולטור מיט נייע ווערטן, —
דעם ווערט-מאָס האָבן מיר אַריבערגענומען רין דער מאָדער-
נער קריסטלעכער ציוויליזאַציע.

ביי די פון אונזער פאָלק, וואָס האָבן געהאַט אַ ריין-
יידישע חדר- אָדער ישיבה-דערציאונג, שטויסט זיך אָן די קריסט-
לעכע טראַדיציע אָן דעם געפיל פון אומווערדיקייט, מיט וועלכן
ביי אונז איז אַרומגערינגלט אַלץ, וואָס ס'איז קריסטלעך. זי
שטויסט זיך אָן און ווערט צוריקגעשטויסן און נאָך אין די
שפּעטערע יאָרן קאָן אַפילו דער געבילדעטסטער ייד נישט אינ-
גאַנצן פריי ווערן פון אָט דעם געפיל, וואָס ווערט ביי אייני-
קע נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דעם האַס צו יעדער רעליגיע.
אַפילו שוין גאָר אין די עלטערע יאָרן האָב איך באַמערקט
אין זיך אַן אומבאַוווסטע אומצופרידנקייט מיט יענע שטעלן
אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווו עס ווערן באַשריבן
הייליקע שטימונגען, אַרויסגערופן פון דעם קריסטלעכן רעלי-
גיעזן לעבן. עס האָט זיך מיר אומבאַוווסט אויסגעדוכט, אַז
די ליבעפולע באַשרייבונג פון קלויסטערס, קירכן, קריסטלעכע
צערעמאָניעס זענען מיט אַ כיון אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון
דעם מחבר אין אַ פאַלשן ליכט. ערשט דער שכל
האָט זיך געמוזט אַריינמישן אין דאָס געפיל און לערנען אים
דרך-ארץ... און נאָך גאָרנישט לאַנג, לייענענדיק אין מעטער-
לינקס לעגענדע וועגן דער מאָנאַכין בעאַטריסע, ווי די הייליקע
מוטער גאָטס האָט אָנגענומען איר געשטאַלט, כדי מען זאָל
אין קלויסטער נישט באַמערקן איר אַנטלויפן מיט דעם גע-
ליבטן, איז ביי מיר האַלב-אומבאַוווסט אין מוח דורכגעפלויגן
אַ שאָטן. -- אמת, נישט מער ווי אַ שאָטן, — פון יענע פוילע
יידיש-וואָלטעריאַנישע וויצן, מיט וועלכע מיר באַצירן דאָס
לעבן פון דער הייליקער מרים. פאַרגיב מיר, שוועסטער מרים,
דעם שאָטן פון יענעם פוילן וויץ! אין מיין פריער יוגנט
האָב איך נאָך נישט געוווסט, אַז דו וועסט, אינאיינעם מיט
אונזער מוטער רחל, נייען פלאַכטעס פאַר די יידישע הרוגים.

אין דער צייט פון מיין פריער יוגנט וואָלט אַזאַ מין געדאַנק אליין שוין זיין ערגער ווי געשמדט...

אָבער ביי דער איצטיקער יידישער יוגנט און ביי יענעם טייל פון די עלטערע יידן, וואָס האָבן אויסגעלערנט זייער האַרץ דרך-ארץ צום קריסטנטום, האָבן די אַלע אומווערדיקייט-געפילן געמוזט שוין לאַנג פאַרשווינדן. אונזער יוגנט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דער אַטמאָספער פון דער קריסטלעכער טראַדיציע. זי זויגט איין קריסטלעכע שטימונגען פון דער שול, פון דעם לערנבוך, פון דער קינדער-ליטעראַטור, פון דעם שפּיל-פּלאַץ מיט קריסטלעכע חברים, פון דער גאַנצער גייסטיקער אַטמאָספער אין דער קריסטלעך-ציוויליזירטער וועלט. ביי אונזערע יידישע שרייבער אין אייראָפּעאישע שפּראַכן קאָן מען געפינען אַ סך סמנים, וואָס באַווייזן, אַז זייער באַנעמען זיך צו די קריסטלעכע בילדער און געפילן האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם טראַדיציאָנעל-יידישן האַס און שפּאָט און איז כמעט אינגאַנצן אויסגעגליכן געוואָרן מיט דעם באַנעמען זיך צו זיי פון אַ געבילדעטן, רעליגיעז-געשטימטן קריסט.

דאָס אויפפלאַקערן פון דעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם האָט די קריסטנטום-פריינטלעכע שטימונג אין דער אייראָפּעאיש-רעדנדיקער יידישער ליטעראַטור נישט שוואַכער געמאַכט, נאָר גיכער פאַרשטאַרקט. טראָגט דאָך אין זיך דער ציוניזם דעם געדאַנק, אַז די יידישע נאַציע איז ווי יעדע נאַציע אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון וועלכער עס איז רעליגיע און קאָן הויזן מיט י ע ד ע ר רעליגיע. אמת, אָפיציעל האָט דער ציוניזם קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך די קאָנסעקווענץ פון זיין ריין-נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; ער האָט זיך פאַר דער קאָנסעקווענץ דערשראָקן, און בעת אייניקע געשמדטע יידן אין דייטשלאַנד האָבן נאָך דעם ערשטן באַזעלער צוזאַמענפאָר אָנגעפרעגט, אויב זיי קאָנען צושטיין צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בלייבנדיק קריסטן, ווייל זיי ז ע נ ע ן

*גלויביקע קריסטן*, האָט די דעמאָלטיקע „וועלט" האַלבּ אָפיציעל דערקלערט, אַז *קריסטן* קאָנען נישט אַרײַנגענומען ווערן. דער שרעק פאַר דער קאָנסעקווענץ פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם איז באַשטאַנען נישט אין דערין, וואָס מען האָט מורא געהאַט אַרײַנצופאַלן אין די נעצן פון דער קריסטלעכער טומאה. דאָס קריסטנטום האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זײַן פאַר דעם געבילדעטן יידן אַן אומרײַנע זאַך, — מען האָט זיך פּשוט געשראָקן פאַר דעם האַס און דעם צאָרן פון דעם יידישן פאָלק, אין וועמעס אויגן דער גאַנצער ציוניזם וואָלט געקאָנט דיסקרעדיטירט ווערן, ווען אונטער זײַן פאָן וואָלטן זיך געמעגט זאַמלען אויך יידיש-נאַציאָנאַלע קריסטן.

אָבער וואָס מער די אייראָפּעאישע בילדונג האָט גענומען אַרײַנדרינגען אין די מאַסן, אַלץ מער האָבן געמוזט קריסטנטום-פרײַנטלעכע שטימונגען אַרײַנדרינגען אין יידישן פאָלק. פריער אָדער שפּעטער האָט געמוזט אויסוואַקסן די באַדערפעניש פאַר געוויסע טיילן פון דעם פאָלק קריטיש איבערצוקוקן אונזער גאַנצע אַנטי-קריסטלעכע טראַדיציע. פריער אָדער שפּעטער האָט די שטימונג געמוזט געפינען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דער יידישער ליטעראַטור און אויב איך האָב נישט קיין טעות איז שלום אַשס „אין אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט" —- דער ערשטער פּרווו צו רעווידירן דעם „דרייפוס-פּראָצעס", אין וועלכן עס ווערט טאָג-טעגלעך פאַרמשפּט און געקרייציקט אונזער אומשולדיקער ברודער פון נצרת. אין דערינען ליגט די וויכטיקע באַדײַטונג פון אַשס דערציילונג.

די טעמע: „מיר און דעם צלם" האָט שוין אַש פריער באַרירט אין זײַן עטיוד „געטער און מענטשן". אַן אַלטע יידישקע און אַן אַלטע קריסטין האָבן געוווינט אונטער איין דאַך. זייערע צוויי זין, פון יוגנט אויף אויסגעוואַקסן אין ברידערלעכער פרײַנטשאַפט, זענען ביידע אינאיינעם אַוועק אין אַמעריקע. די הערצער פון די מוטערס האָבן זיך שוין לאַנג צונויפגעגאָסן אין פורכט און האָפענונג פאַר דעם גורל פון

זייערע קינדער; דאָס לעבן האָט זיי פּאַראייניקט אין דיזעלבע אינטע-רעסן, אין די זעלבע געפילן. זיי וואָלטן שטענדיק געלעבט אין פרידן און פריינטשאַפט איינע מיט דער אַנדערער, ווען נישט — זייערע געטער. די יידישע יום-טובים און די גוישע חגאות — זיי האָבן תמיד אַריינגעטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין די האַרמאָניש-צונויפ-געשטימטע נשמות. זיי און נאָר זיי פלעגן דערמאָנען אָן דעם אָפּגרונט, וואָס דאַרף, נישט על פּי לעבן, נאָר על פּי דין, זיך אויסבּרייטן צווישן די „מענטשן".

זענען אָבער די געטער באמת אַזוי פיינטלעך איינער צו דעם אַנדערן? דאָס איז די פראַגע, וועלכע שלום אַש שטעלט אין זיין נייס-טע דערציילונג, און אויב די פריערדיקע דערציילונג זאָגט אונז, אַז די „מענטשן" וואָלטן געקאָנט לעבן צווישן זיך ווי ברידער, נאָר די געטער דערלאָזן נישט, קאָן מען פון דער לעצטער דער-ציילונג אַרויסטראָגן דעם איינדרוק, אַז די „געטער" וואָלטן ווי עס איז שוין געקומען צו אַ וועלכן עס איז אויסגלייך. — די מניעה איז אָבער אין די „מענטשן". דערמיט מאַכט שלום אַש דעם ערשטן שריט אַריינצוגיסן אין דער יידישער פאָלקס-נשמה די קריסטלעכע געפילס- און בילדער-וועלט. *)

אין דעם ערשטן שריט קומען די „געטער" נאָך נישט צו אַן אויסגלייך, און די קריסטלעכע וועלט ווערט נאָך נישט אינגאַנצן רעאַביליטירט. אָבער דאָס איז נישט אויס מאַנגל אין מוט און קוראַזש ביי דעם מחבר. דאָס איז אַ קינסטלערישע ווידערשפּיגלונג פון אונזערעווירקלעכע געפילן. גאַנץ אַריינ-נעמען דאָס קריסטנטום אין דער נשמה, אַרומנעמען קריסטוס

---

*) שרייבנדיק, האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אויך י. גאָרדין האָט אין זיי דראַמע: „אלישע בן אבויה" אַריינגעפירט עפּיזאָדן פון דעם יונג-געבוירענעם קריסטנטום אין אַ העכסט-סימפּאַטישער באַלייכטונג, אָבער גאָרדין האָט, צוליב דעם היסטאָרישן אמת, געמוזט נעמען דידאַקטישע עפּי-אָן פון אַזאַ מאָמענט, אין וועלכן עס האָט זיך שוין גענומען אַרויסווייזן דער שאַרפער היפך פון יידן און קריסטן.

און מרים מיט טרערן פון באַרמהאַרציקייט און איינשליסן זיי אין דעם וואַרעם-געוואָרענעם, טיף זיי פאַרגעבנדיקן געפיל, — דאָס קאָן נאָך איצטער נישט דערלאָזן דאָס יידישע האַרץ. קריסטוס און מרים שטייען דערווייל נאָך פון דרויסן. טיף ליידנדיק פון די צרות, וועלכע מען טוט אונז אָן אין זייער נאָמען, בעטן זיי זיך רחמים ביי אונז, ביי דער מוטער רחל און משיחן. אָבער די גאַנצע פאַרגעבונג געפינען זיי נישט. זיי האָבן נאָר געפועלט, מען זאָל זיי דולדן פאַסיוו. די מוטער רחל לאָזט צו, איר טאָכטער מרים זאָל איר העלפן אין איר באַרמהאַרציקער אַרבעט. משיח הערט אויס, ווי זיין ברודער ישו גיסט פאַר אים אויס זיין צעבלוטיקט-געטלעך האַרץ, זיין צעפייניקט יידיש האַרץ... הערט אויס, שטום און פאַרשוויגן.

און אין דער אמתן! וואָס זאָל אים משיח, וואָס קאָן ער אים זאָגן? זיי זענען אַ צווילינג, געבאָרן אין איין צייט. געבאָרן פון דער סאָציאַל-עטישער און דער נאַציאָנאַלער נויט פון דעם יידישן פאָלק. זיי זענען ביידע געבאָרן פון דעם „הייליקן גייסט״: פון דעם הייליקן גייסט פון אונזערע נביאים. די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט, די רעטונג פונם יידישן פאָלק, — דאָס איז געווען זייער ביידנס שליחות. און בעת ישו איז אַוועק צו דער מענטשהייט, האָבן זיינע תלמידים פאַרלאָרן פון אויג די רעטונג פון דעם יידישן פאָלק און סוף כל סוף איז פון זיי אויסגעוואַקסן די פיינטלעכסטע מאַכט פאַר אונזער קיום אויף דער וועלט. און בעת משיח איז געבליבן טריי זיין פאָלק, — וואָס האָט ער אין דער צייט אויפגעטאָן פאַר דער מענטשהייט? זיי האָבן ביידע פאַרפעלט זייער שליחות...

משיח האָט קיין איין-איינציקן גרונט נישט, פאַרוואָס ער זאָל פאַרשטויסן פון זיך זיין ברודער, וואָס וויל זיך צוריקקערן צו זיין פאָלק. אָבער אינגאַנצן אים מוחל זיין, בעת יידיש בלוט ווערט נאָך פאַרגאָסן אין זיין נאָמען, — דאָס גייט איבער זיינע כחות...

און משיח איז געזעסן און געשוויגן...

וואָלטן נישט געווען די פּאָגראָמען און די אייביקע רדיפות פון דער קריסטלעכער וועלט, דעמאָלט וואָלט די רעוויזיע פון דעם קריסטלעכן דרייפוס־פּראָצעס געוויס געגאַנגען אַ סך שנעלער און אַ סך טיפער אין דעם יידישן עפנטלעכן באַוווסטזיין. אָבער אַנטקעגן דאָס אַריינגעמען פון דער קריסטלעך־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע אין אונזער פאָלקס־קולטור און איר צונויפגיסן זיך דאָרטן אין איין־איינציקע אייראָפּעאיש־יידישע וועלט הויבט אָן צו קעמפן אַ היפּשער טייל פון דער יונגער יידישער, פּאָגראָם־פּאַרוווּנדעטער אינטעליגענץ. צווישן אונז און דער קריסטלעכער וועלט, מיט איר גאַנצער ציוויליזאַציע, מיט אַלע אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט, שטעלט זיך אַוועק, מיט אַ פלאַמענדיקן פּראָטעסט, דער „אייזערנער“ מאַן מיט דעם צלם אויפן שטערן.

## II

גריילעך וואָלט איך געוואָלט, מען זאָל קאָנען קוקן אויף שאַפּיראָס „דער צלם“ מער נישט, ווי אויף אַ ריין־קינסטלערישן פּראָדוקט און באַטראַכטן אים פון אַ ריין עסטעטיש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. דער שמיץ מיט דער בייטש, וואָס יעדער פּראָגרעסיוו־דענקנדיקער און פילנדיקער מענטש מוז שפּירן ביי דער פּאַרגוואַלטיקונגס־סצענע, וואָלט דעמאָלט פּאַרלאָרן זיין גאַנצן ברענענדיקן ווייטאָק. אַקוראַט ווי בשעת אַ שווערן, שרעקנדיקן קאָשמאַר לויפט אין שלאָף גופא דורך דער נערוויסטנדיקער געדאַנק: „ס'איז דאָך נאָר אַ חלום“ און רויבט אַוועק די גאַנצע אימה, אַזוי וואָלט מען אויך ביי שאַפּיראָס דערציילונג געקאָנט טרייסטן זיך: „ס'איז דאָך נאָר אַ מעשה, אויסגעטראַכט פון אַ קינסטלער, צוליב ריין־קינסטלערישע צילן“. און איבערגעלייענט די דערציילונג, וואָלטן מיר זיך געפילט, ווי אין טעאַטער, ווען דער „הורג נפש“ מיט דער

דערמאָרדעטער גייען, נאָך דעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, ביידע אַ־ו־ס האַנט אין האַנט און פאַרנייגן זיך פאַרן עולם. ווי קאָשמאַרהאַפטיק-גרויזאַם די דערמאָרדונגס-סצענע זאָל נישט זיין (דעם מאַן מיט דעם צלם האָט אויך אויף אַ רגע אָנגענומען אַן אימה, ווען ער האָט פלוצלונג פאַרשטאַנען, ווו ער איז און וואָס ער וויל טאָן), וואָלטן מיר געוויס נישט געהערט צו יענעם עם-הארצישן קלאַס צושויער פון דער גאַלעריע, וואָס באַגעגענען דעם „הורג נפש״ מיט אַ פראָטעסטירנדיק-ברומענדיקן „הו-או-או״; מיר וואָלטן גיכער געהערט צו דעם באַגייסטערט-פאַטשנדיקן עולם פאַר דאָס געראָטענע שפילן פון דעם „הורג נפש״ און זיין קרבן.

אויך מיינען מיר, אַז מיר פאַרשטייען אַביסל אַ שפאַס; יענעם שפאַס, וואָס דער מאָדערנער קינסטלער האָט אַמאָל ליב צו טרייבן מיט אונז, פשוטע חי-וקימס: ווי באָדלער, צ. ב. וואָס האָט ליב געהאַט אַ שפריץ טאָן אונז פלוצלונג מיט קאַלטע וואַסער און אַ פרעג טאָן, לויט פשיבישעווסקי, אַ שטייגער: „האָט איר ליב צו עסן געקאָכטע קינדערשע מאַרכעלעך״?... אַ שפאַס, אָט זיך גלאַט אַזוי, כדי צוצוזען די קאָמיש-דערשראָקענע מינעס אונזערע, וואָס מיר מאַכן, ווי נאָר ער הויבט אָן צו זשאָנגלירן מיט די אונז הייליקסטע געפילן...

וואָלט „דער צלם״ געווען נ אָ ר אַ קונסט-ווערק, דעמאָלט וואָלטן מיר מיט שאַפּיראָן אפשר געהאַט גאָר אַן אַנדער מין ויכוח, אָבער קונסט איז נישט נאָר קונסט, ס׳איז אויך לעבן, און וואָס מער קונסט, אַלץ מער לעבן. אַ קונסט-ווערק איז נישט נאָר אַ מין מ אַ ר מ אָ ל אַ ד, וואָס דער קינסטלער פרעגלט צוליב אונזער הנאה, אַ „שיין-און-פיין-קוכן״, אַ „שיין-און-פיין-געמאַכטס״, וואָס מיר דאַרפן צוביסלעכווייז נעמען אויפן צונג און, ווי אמתע מבינים אין הלכות זולל-וסובא, צוהערן זיך מיט כונה, ווי עס צעגייט זיך אויפן צונג און פון דאָרטן איבער אַלע גלידער. אַן אמת-קינסטלעריש ווערק איז נישט

קיין „שיין-און-פיין-געמאַכטס”, נאָר תמיד אַ חשבון-הנפש און נישט נאָר פון אַן איינצלנעם מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצן דור און — אויף דער העכסטער מדרגה — אַ חשבון-הנפש פון דער גאנצער מענטשהייט. שאַפּיראָס דערציילונג — איז אויך אַ חשבון הנפש, אמת נישט פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַפילו נישט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק אָדער פון אַ גאַנצן יידישן דור, אָבער דערפאַר גאַנץ זיכער פון אַ גרויסן טייל פון דער מאָדערנער יידישער אינטעליגענץ.

באַטראַכט מען „דעם צלם” פון דעם שטאַנדפּונקט, איז שוין קיין נפקה מיניה נישט, צי די מעשה איז געווען אָדער נישט געווען, צי זי האָט געקאָנט געמאָלט זיין אין דער ווירקלעכקייט, אָדער זי האָט אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט געקאָנט פּאַסירן. ס'איז אַ פאַקט, אַז אַ יונגער יידישער קינסטלער האָט זי דורכגעלעבט, דורכגעלעבט אין זיין אייגענער נשמה. און ער האָט זי דורכגעלעבט נישט נאָר ווי אַ קינסטלער, נאָר אויך ווי אַ מענטש, ווייל שאַפּיראָ איז אַ מענטש, וואָס לעבט און ליידט מיט די ווייטאָקן פון זיין דור.

די טעמע פון שאַפּיראס ווערק איז די שילדערונג פון יענעם פּראָצעס, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָט דורכגעמאַכט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. פריער אינגאַנצן אָפּגעריסן פונם יידישן פאָלק און פרעמד צו אים, ווערט דער יידישער רעוואָלוציאָנער, אַדאַנק די פּאָגראָמען, אַ „בעל תשובה”. איז ער גאָר ראַדיקאַל אין זיין נייעם שטרעבן, פאַרשעלט ער זיין פאַרגאַנגענהייט, זאָגט זיך אָפּ אינגאַנצן פון איר און גיט זיך איבער בלב ונפש צו דעם יידישן פאָלק. שאַפּיראָס דערציילונג איז אַ מעשה פון אַזאַ ראַדיקאַלן בעל-תשובה. זיין „פאַרגאַנגענהייט” איז פאַרקערפּערט אין דער פאָרם פון דער רוסישער רעוואָליציאָנ' רין „מינא”, און דער אַקט פון „תשובה-טאָן”, נאָך דעם פּאָגראָם, אין וועלכן זיין מוטער איז פאַרגוואַלט קט און געפּייניקט געוואָרן פון שכורע פּאָגראָמשטשיקעס, האָט זיך אויס-

געדריקט אין דער פאָרם פון אַ שרעקלעכן, אַכזריותדיקן נקמה-אַקט. דער העלד פאַרגוואַלטיקט און דערווערגט מינאַן, וועלכע ער האָט נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַזוי טיף פאַרגעטערט, אַזוי טיף אָנגעהויבן צו ליבן.

דאָס איז אָבער נאָר דער „גוף" פון דער טעמע. איר ריין-ליטעראַרישע נשמה איז נישט אַזוי ענג-נאַציאָנאַל. זי איז דוקא אַן אַלוועלטלעכע, אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע. שאַפּיראָס דערציילונג איז אַ „מעשה מיט אַ העלד", איינע פון יענע העלדן-געזאַנגען און העלדן-שילדערונגען, וואָס זענען פיל און פיל אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, נאָך פון האָמער אָן, נאָך פון דער מעשה מיט „שמשון הגבור" אָן.

דער צלם-מאַן איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין העלד פון פיזישער גבורה. ער איז אַ ריטער פון אונזער צייט, אַ גייסטיקער קראַפט-מענטש, אַ גבור פון שטאָלצן ווילן, אַ קעמפער פאַר אַן אידייע.

לאָמיר זיך אַביסל מער אָפּשטעלן אָט אויף דער ריין-ליטעראַרישער זייט פון דעם „צלם". דאָס וועט אונז העלפן אַרויסצוגעפינען דעם לעבנס-אמת, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אים.

שאַפּיראָ גיט אונז אָן אַ סך סמנים, וואָס נאָך זיי קאָנען מיר דערקענען דעם גייסטיקן קראַפט-מענטשן. די מעשה שפּילט זיך אָפּ אין יענער צייט, ווען „דאָס לאַנד האָט שוין געפּיבערט פון אויפרעגונג. אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם און איבער זייערע קעפּ האָט וואָס אַמאָל אָפטער אויפגעפלאַמט, ווי אַ ראַקעטע, דאָס הייסע, רויטע פייער פון איינצלנע העלדישע טאַטן". דער „צלם-מאַן" איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן קאָמיטעט, — שוין נישט קיין גאָר קליינע מדרגה אויף דעם לייטער פון רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן. אָבער דאָס איז פאַר אים געווען ווייניק: „אַ געדאַנק, שאַרף ווי אַ מעסער, האָט זיך לאַנגזאַם און זיכער געשניטן אַריין אין טיפעניש פון מיין

מוח״, דערציילט ער. „וואָס איז דאָס געווען? איך האָב נישט געוווסט אויף קלאָר און דערווייל דערפון נישט געוואָלט וויסן. איך האָב בלויז געהאַט אַזאַ געפיל, ווי מיינע מוסקולן וואָלטן ווערן וואָס אַ מאָל שטייפער, אָנגעצויגענער״... שפּעטער איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן זיין געדאַנק: „צו ווערן איינע פון די „ראַקעטן״, וואָס באַלייכטן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע — און באַצאָלן דעם פּרייז דערפאַר״. און גייענדיק אַהיים, נאָכדעם ווי דער באַשלוס איז שוין אָנגענומען געוואָרן, „האָב איך געפילט״, זאָגט ער, „ווי אַלע אברים אין מיר זינגען״.

דער „מזל״ האָט אָבער אויסגעקליבן פאַר אונזער העלד נאָך אַ גלענצנדערע טאַט איידער ווערן אַ ראַקעטע. אויף אים וואַרט נאָך אַ העכערער נסיון איידער אַוועקצוגעבן דאָס לעבן צוליב זיין גאָט. ער איז באַרופן געוואָרן צו באַקעמפן זיין גאָט און צו טויטן אים. און נישט נאָר צו טויטן אים, נאָר אויך צו שענדן אים און צו טרעטן אים מיט די פיס. און דאָס אַלץ צו טאָן מיט דעם קלאָרן פאַרשטאַנד, אַז דער, וועמען ער שטראָפט, איז נישט שולדיק אין יענע מעשים, פאַר וועלכע ער שטראָפט אים; אַז אין דעם גרויסן צער, וואָס דער העלד האָט דורכגעלעבט און וואָס ער לעבט דורך, זענען די סימפּאַטיעס פון דעם באַשטראָפטן אויף זיין זייט; אַז ער, דער וואָס זאָל באַשטראָפט ווערן, איז דורכגענומען מיט דעמזעלביקן צער ווי דער העלד; אַז ער איז אָנגעגרייט אינאיינעם מיט אים צו ליידן און צו קעמפן. און פונדעסטוועגן פילט דער העלד, אַז ער האָט אַ רעכט, אים צו שענדן און צו טויטן. דאָס איז דער העכסטער פונקט, דער קלימאַקס, צו וועלכן אַ מענטשלעכער גייסט קאָן זיך אַרויפשווינגען אין זיין קראַפט. מיט דער פוס אויף מינאס אומשולדיק-געשענדעטן קערפּער, שטייט ער, אין דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע, „פריש און שיינענדיק פון קאָפּ ביז די פיס״, אַ גאָט-באַשטורעמער, אַ גאָט-באַזיגער.

דאָס איז דער ליטעראַרישער גרונט-מאָטיוו פון שאַפּי-ראָס „העלדן-געזאַנג״.

און נאָך אַ צווייטער מאָטיוו, נישט ווייניקער אינטערע-סאַנט פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, קלינגט דורך אין דער דערציילונג.

צוליב וואָס ראַנגלט זיך דער העלד מיט זיין גאָט? ס'איז נישט נאָר דער נקמה-מאָטיוו, דער „גואל-הדם״-מאָטיוו, וואָס טרייבט אים צום קאַמף. וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דער העלד פּסיכאָלאָגיש נישט געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה פאַר דעם ווילדן, וואָס צעברעכט זיין ליימענעם געטש, ווייל יענער האָט אים אָפּגענאַרט אין זיינע האָפענונגען. דעם צלם-מאַנס קאַמף מיט זיין גאָט איז אַ באַפרייאונגס-קאַמף, אַ קאַמף פאַר נשמה-פרידן און גאַנצקייט. דער אַל-טער גאָט, אין וועמעס הימלען ער האָט געוואָלט אַרויפפליען, ווי אַ ראַקעטע, מוז דערוואָרגן ווערן, כּדי פריי זאָל ווערן די נשמה צו אַ נייעם שאַפן, כּדי אַ נייער גאָט זאָל קאָנען גע-וועלטיקן אין איר, גאַנץ און זיכער, מיט קיינעם נישט געטיילט זיין מאַכט, פון קיינעם נישט געשטערט אין זיין ווילן. אין די שענדלעכסטע טאַט ווערט געטאָן. דער אַלטער גאָט ווערט באַשטורעמט און באַזיגט, אַ געשענדעטער און באַשמוצטער ליגט ער פאַר די פיס פון דעם העלד, און פרידן און רו ציט אַריין אין זיין נשמה...

מנוחה ושלוה נאָך דער גרעסטן פאַרברעכן! דער גרעס-טער פאַרברעכן מער נישט ווי אַ בענקעלע פאַרן פרייען גייסט, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט זיינע אייגענע געבאָטן. אַ בענקעלע, אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אַ ווײַלע אָפּשטעלן, איבער-כאַפּן דעם אָטעם און ווידער פאַנאַנדערשפּרייטן זיינע פליגלען. ער איז נישט געבראָכן אין דעם קאַמף, ער איז מער נישט ווי מיד. ער דאַרף נאָר אָפּרוען, ביז די קראַפט וועט זיך ווי-דער אָנזאַמלען. „שוין באַלד דריי יאָר״, ענדיקט דער „צלם-מאַן״ זיין דערציילונג, „זייט איך וואַנדער אַרום. און איך, ניי-

געבאָרן קינד, שפּיר, אַז איך בין שוין געניג קרעפּטיק אײַנ-גיכן װעל איך גײן צוריק צום ישוב, און דעמאָלט -- -- --"

דער צלם-מאַן דערציילט אונז נישט, וואָס ער מיינט מיט דעם „און דעמאָלט"... און פון דעם ליטעראַריש-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָס שוין גאָר קיין נפקא מיניה נישט. אַזעל-כע העלדנטאַטן, ווי שענדן און טויטן אַ גאָט, פּאַסירן נישט צוויי מאָל אין לעבן. צוריק ווידער בלייבן שטיין אויף דעם קלימאַקס, אויף דעם שפּיץ באַרג, איז אויך אַן אוממעגלעכע זאַך. דער העלד וועט זיך מוזן אַראָפּלאָזן פון דער אַנדער זייט באַרג ביז צו זיין פריערדיקער מדרגה, — אַוועקגעבן זיך אינגאַנצן זיין נייעם גאָט, אַרויפפליען אין די נייע הימלען ווי אַ ראַקעטע, כדי צו באַלייכטן דעם וועג פאַר די געטרייע אָנ-הענגער, אָדער אויף אַ וואָסער עס איז אַנדער אופן אַרויס-דונערן און אַרויסבליצן זיין קראַפט. און ווידער וועט ער פילן, ווי די מוסקולן ווערן וואָס אַ מאָל שטייפער, אָנגעצויגענער, און ווידער וועלן אַלע אברים זינגען אין אים...

מנוחה ושלוה נאָך דעם גרעסטן פאַרברעכן... דאָס גרעס-טע פאַרברעכן אַ באַפרייאונגס-אַקט פאַר דער נשמה פון אַ העלד... אַ שיינע, ווירקלעך-שיינע טעמע!

אמת, איך האָב דעם איינדרוק, אַז די טעמע איז נישט אינגאַנצן אָריגינעל, און דאָס פאַרמינערט דעם ליטעראַר-היס-טאָרישן ווערט פון שאַפּיראָס דערציילונג. איך מיין, פאַרשטייט זיך, נישט דעם ספּור המעשה, וואָס איז דורך-און-דורך אייגנ-אַרטיק. איך מיין די גרונטשטימונג פון „מעגן באַגיין אַ פאַר-ברעכן", פון מעגן טאָן אַזאַ עולה, וואָס דער פאַרברעכער אַליין פאַרשטייט, אַז ס'איז די גרעסטע עולה, וואָס אַ מענטש קאָן באַגיין. אַזאַ גרונט שטימונג טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום אין דער ליטעראַרישער לופט. אַ שטורעם-קריג ווערט שוין פון לאַנג אָן אָנגעפירט אַנטקעגן דער גאַנצער מאָראַל, אַנט-קעגן דעם הויפּט-פּרינציפּ פון איינטיילן מענטשלעכע געפילן און מעשים אין גוטע און שלעכטע.

„נישטאָ צוויי וועגן: גוט און שלעכט. ס'איז דאָ נאָר איין וועג: גוט" — זינגט מינסקי. און אַפילו אונזער „יידישער גזלן", מנחם, ברוגזט זיך אויף ערגעץ־ווו מיט גאָט, פאַרוואָס ער, מנחם, האָט נאָך אין זיין לעבן קיינעם נישט דערהרגעט. איך האָב אַ חשד, אַז אויך שאַפּיראָ איז נישט פריי פון דעם ניי־מאָדישן כּלל: „נישטאָ צוויי וועגן". „זאָגט מיר, איך בעט אייך", פרעגט דער צלם־מאַן, „וואָס ווייס די נאַטור, דער וועלטאַל, וועגן שמוץ און שאַנדע?... וויסן זאָלט איר זיין, נישטאָ אין דער נאַטור אַזאַ זאַך, ווי שמוץ און שאַנדע". די נאַטור ווייס נישט פון „גוט" און „שלעכט". זי ווייס נאָר איין חילוק — פון שטאַרק און שוואַך, פון פרייער קראַפט און געבונדענער.

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז, אויך לויט שאַפּיראָס מיינונג, דער סוד כּל הסודות פון דער נאַטור און אויך פון דעם מענטשלעכן לעבן, אַז אָט דעם סוד כּל הסודות האָט דעם צלם מאַן אויך דער ים פאַרטרויט, בעת ער האָט אים „אויפגענומען מיט ענדלאָזער ברייטקייט, מיט רויע ווינטן, מיט שאַרפן, געזאַלצענעם אָטעם" און האָט גערעדט צו אים „פון וונדערבאַרע זאַכן, גערעדט — גערעדט און געשוויגן — גערעדט". און דעמזעלביקן סוד, „וואָס דער ים האָט געמיינט מיט זיינע רייד" האָט אים „די פרעריע געגומען פאַרטייטשן אויף איר לשון". אויב ס'איז אַזוי, איז די גרונט־קאָנצעפּציע פון שאַפּיראָס דערציילונג, נישט מער, ווי איין שטים אין אַ גרויסן, פילשטימיקן כאָר, ווען אפילו זי ווערט נישט בטל בששים אין אים.

פון דער אַנדער זייט אָבער, קאָן מען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם צלם־מענטש אויסטייטשן אַזוי, אַז אין איר זאָל אַ ברעקל קיין סתירה נישט זיין צו די גרונט־פּרינציפּן פון דער מאָדערנער עטיק. ער באַגייט אַ פאַרברעכן צוליב באַפרייען זיין נשמה, אמת! אָבער זיין נשמה, איר רו און גאַנצקייט, איז פאַר אים נישט קיין זעלבסטצוועק, צוליב וועלכן ער

זאָל זיך פילן באַרעכטיקט צו טרעטן מיט די פיס די אידעאַלן פון עטישן יושר. זיין נשמה געהער אַ נ י י ע ם ג אָ ט, און אין זיין נאָמען קעמפט ער אַנטקעגן דעם אַלטן גאָט. פאַראַן, הייסט עס, צ וו י י וועגן: „גוט“ און „שלעכט“, אויך פאַר דעם צלם־מאַן. און ער קעמפט מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן דעם „שלעכט“ צוליב דעם „גוט“.

ווי די מעשה איז, איז שאַפּיראָס דערציילונג פון ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפונקט אַ שטאַרקע, אויסגעהאַלטענע, געראָטענע זאַך — ביז אויף איין־איינציקן פּונקט: דעם פאַרגעוואַלטיקונגס־ — דעם באַשמוצונגס־פּונקט. דער פּונקט איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, אַ פּ ג י מ ה, אין דעם פיין־געשליפענעם חלף, — אַ שטשירב פון דעם שטאַנדפונקט פון ריינער שיינקייט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך רעד דאָ נישט פון מאָראַלישער שיינקייט אָדער מאוסקייט פון דעם פאַרגוואַלטיקונגס־אַקט גופא. אויך זיין עסטעטישע שיינקייט אָדער מאוסקייט האָבן מיר דאָ נישט אין זינען. אין יענע רעגיאָנען, אין וועלכע שאַפּיראָ הויבט אונז אויף מיט זיין מעשה פון אַ קראַפט־מענטשן, שפּילן אַזעלכע קליניקייטן קיין ראָלע נישט. אָן אַנדער ווינקל־מאָס פאַר שיינקייט ווערט דאָרטן אָנגעווענדט: ד י ק ר אַ פ ט. שיין און גרויס הענגט דאָרטן אָפּ פון דעם סכום און דער אַרט פון דער דורכגייסטיקטער ווילנס־ענערגיע, וואָס דער קראַפט־מענטש ברענגט אַרויס. וואָס גרעסער עס איז דער סכום און וואָס איידעלער עס איז די אַ ר ט פון דער ווילנס־ענערגיע, וואָס אַ וועלכע עס איז טאַט פאַרקערפערט אין זיך, אַלץ גרעסער און שענער איז די טאַט גופא. אָבער דוקא מיט דעם ווינקל־מאָס געמאָסטן, איז דער פאַרגוואַלטיקונגס־אַקט נישט מער ווי אַ שטיק אויסערלעכע לָ אָ ג י ק, אַ קאָנסעקווענץ־מאַכעריי, אַריינגעפּלפּולט אין דער קאָנצעפּציע פון דעם קראַפט־מענטשן, אַ פון פינגער אויסגעזויגענע זאַך.

שטאַרק איז דער קראַפט־מענטש. ביי דעם געדאַנק,

אַרויפצופליען, ווי אַ ראַקעטע, אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר דער מענטשהייט, זינגען אין אים אַלע אברים. אָבער ער שטייגט נאָך העכער און דערוועגט זיין גאָט, אַן אומשולדיקן גאָט. אָבער אויך דאָס נישט גענוג: ער דערנידעריקט אים און באַשפּייט אים, ער טרעט אים אין שמוץ. אויפן ערשטן בליק איז דאָס אַלץ אַ שטייגערונג פון זיין קראַפט, און דער לעצטער שטאַפּל איז דער העכסטער פּונקט פון זיין גבורה. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי, לויט דער פאָרמעלער לאָגיק, לויט דעם פּרינציפּ: וואָס מער, איז בעסער. אָבער די פאָרמעלע קאָנסעקווענץ-מאַכעריי טרייבט תמיד צו אַ פּונקט, ווו זי ברעכט האַלז-און-נאַקן, ווו אויף איר ווערט מקוים דער דיאַלעקטישער כלל, אַז „וואָס צו שאַרף, ווערט שטומפּיק”. דער באַשמוציונגס-אַקט איז נישט נאָר נישט דאָס העכסטע פאַנאַנדערבליען פון דער קראַפט, ווי דאָס קומט אויס על פּי לאָגיק, ער איז אינדעראמתן גאָר אַ צעבראָכן ווערן פון דער קראַפט.

אַן אמתער קראַפט-מענטש האָט אַזאַ לאָגיק: דאָס, וואָס פאַרדינט, עס זאָל פון מיר באַשמוצט ווערן, איז נישט ווערט, איך זאָל עס באַשמוצן. פריער באַשמוצן און דערנאָך דערוועגן — הייסט, אַז ערגעץ-ווו אין האַרצן פיל איך, אַז דער נישט-געשענדעטער גאָט איז — צו גרויס פאַר מיר, איך זאָל קאָנען קעמפן אַנטקעגן אים. אים מוז איך פריער נידעריקער מאַכן, כדי איך זאָל קאָנען דערלאַנגען צו אים. ד. ה., איך מוז צוגעבן, אַז ער איז אַ סך העכער פאַר מיר. און אַריינטראַכטנדיק זיך טיפער אין דער סימבאָליק פון דער באַשמוצונגס-סצענע, ווילט זיך זאָגן דעם אייזערנעם קראַפט-מענטשן: עך, דו מיין שמשון הגבור! דו ביסט נאָך גאָר אַן אפרוחל. הויבסט נאָך גאָר נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קעמפט אַנטקעגן געטער. געטער דאַרף מען בייקומען אין זייער גאַנצער גרויס, אין זייער גאַנצער גלענצנדיקער פּראַכט. אוז צולאָזן

טאָר מען נישט, זייער גרויס זאָל פאַרשווענט ווערן, אַ שפּרענקעלע זאָל פאַלן אויף זייער פּראַכט. אָט וי זיי זענען, אין זייער גאַנצער געטלעכער שיינקייט און מאַכט, שפּאַן זיי איין אין דיין טריאומף-וואָגן און טרייב זיי צו דיין ציל. ערשט דעמאָלט וועסטו זיין אַן אמתער גאָט-באַשטורעמער און גאָט-באַזיגער און וועסט באַווייזן, אַז דו ביסט אויך פון געטלעכער נאַטור, ווייל באַזיגן אַ גאָט קאָן נאָר דער, וואָס איז אויך פון געטלעכער נאַטור. קוים אָבער הויבסטו אויף דיין האַנט אויף זייער געטלעכקייט, קוים לעסטערסטו זייער מאַכט און פּראַכט, אַזוי אַנטפּלעקסטו דיין שטויב-נאַטור און ווערסט צוריקגעשליידערט אין שטויב". דער שמשון הגבור, דער העלד פון דורכגייסטיקסטער ווילנס-קראַפט, ווערט דורך דער פאַרגוואַלטיקונגס-סצענע פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטע מיאוסע בריאה, אַ שכורע פון צער און נקמה, וואָס לאָזט אויס איר גרימצאָרן צו אַ גאָט, ווייל זי פאַרשטייט שוין נישט, וואָס הייסט עס זיין אַ גאָט.

דער שטשירב אין דעם פּיין-געשליפענעם חלף פאַרדאַרבט דאָס גאַנצע בילד פון דעם גייסטיקן קראַפט-מענטש און איז דעריבער פון ריין-ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אַ גרויסער פעלער. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט, ווען מען באַטראַכט שאַפּיראָס דערציילונג נאָר ווי אַ קונסט-ווערק; ווען מען נעמט אָן, אַז זיין צוועק איז געווען אַ ריין קינסטלעריש-אָביעקטיווער, — צו שילדערן אונז איינעם פון יענע אייזערנע קראַפט-העלדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין דער לעצטער צייט און וואָס זענען, ווי מיר האָפן, נישט אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט באַווייזט זיך די פאַרגוואַלטיקונגס-סצענע, ווען מען גייט אַראָפּ פון דעם ריין-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט און מען דערמאָנט זיך, אַז קונסט, ווי פאַנטאַסטיש זי זאָל נישט זיין, איז אין ערשטער ליניע לעבן. און, סימבאָליש גענומען, איז שאַפּיראָס ווערק טריי געבליבן דעם

לעבן, וואָס ער שפּיגלט אָפּ, אין דער פּאַרגוואַלטיקונגס-סצענע אפשר נאָך מער, ווי אומעטום, ווייל זי איז טאַקע אינדער-אמתן נישט דער אויסדרוק פון קראַפט-געפיל, וואָס איז אָנגעוואַקסן ביי אַ קראַפט-מענטשן, נאָר מער נישט ווי די בענקשאַפט נאָך קראַפט פון אַ דור, וואָס פילט זיך דערשלאָגן און קרענקלעך און קליין.

מענטשן, וואָס זענען נערוועז קראַנק געוואָרן דורך אַ וואָסער עס איז פּסיכישן צער, זעען אָפּטמאָל אינסטינקטיוו אויסצומיידן יענע ערטער און פּערזאָנען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זייער צער. אינסטינקטיוו פליסן זיי זיך אַריינ-צוקומען אין אַזאַ אַטמאָספער, וווּ קיין זאַך זאָל זיי נישט דערמאָנען אָן דעם אַלטן, נאָך נישט שטיל-געוואָרענעם ווייטאָק. די צעשלאָגענע „נאַראָדאָוואָלצעס״ פון די אַכציקער יאָרן האָבן אינסטינקטיוו נישט געקאָנט מער אַריבערטראָגן דעם געדאַנק פון אַ טעראָריסטישן קאַמף. די פּאָגראָם-פאַרוווּנדעטע יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון יענער צייט האָט פּסיכיש נישט מער געקאָנט אויסשטיין דעם געדאַנק פון אַ רוסיש-רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל. זי האָט זיך געוואָלט אויסרוען פון אים, און די חובבי-ציון-באַוועגונג האָט פאַר זיי באַשאַפן יענע אַטמאָספער, וואָס האָט זיי געבראַכט לינדערונג און טרייסט.

אין דער איצטיקער צייט, נאָך די גרויסע פּאָגראָמען פון די אָקטאָבער-טעג, שפּילט זיך אָפּ דיזעלבע געשיכטע נאָכ-אַמאָל, נאָר אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב, ווייל די צייט איז געווען אַ גרעסערע, ווען אי די פּאָגראָמען, אי די רעוואָלו-ציאָנערע האָפענונגען, אי דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, אי די ראָלע פון די יידן אין אים האָבן אָנגענומען קאָלאָסאַלע מאָסן. דעריבער איז אויך דער זעלישער אָפּשטויס פון דער רעוואָ-לוציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער נשמה פון דעם נער-וועז קראַנק-געוואָרענעם יידן, אַ סך אַ גרעסערער איידער אין די אַכציקער יאָרן, ווען אויך דער שרייבער פון דאָזיקן אַר-

טיקל האָט, אין זיין יוגנט, דורכגעלעבט די גאַנצע טרויעריקע גאַמע פון פּאָגראָם־שטימונגען און געפילן. די בלויז־קרענקלעכע און מיד־געוואָרענע נאַטורן פאַלן איצטער אַריין אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע, אָפּגעחלשטקייט און — גאָט ווייס, אין וואָס זייער פאַרווונדעט האַרץ זוכט אַ ברעקעלע מילדן זונענשיין, אַ שטיל באַהאַלטן ווינקעלע, ווו די ווונדן זאָלן זיך קאָנען פאַרהיילן! די אַקטיווערע, אָבער קראַנק־געוואָרענע פון די איבערגעטראָגענע ליידן, באַליידיקט־געוואָרענע דורך דער שוואַכקייט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זייער גורל, לעבן איבער אַ גאַנצן גיהנום פון שנאה־געפילן. און עס וואַקסט אָן אַ דאָרשט צו מאַכט, געזונט, קראַפט, צו „נישט לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס“, צו נעמען אַ מאוימדיקע נקמה. פאַר איין אויג צוויי אויגן! אויב דיך שלאָגט דער אויסוואורף פון דער מענטשהייט, פאַל אָן אויף אירע העלדן און כראָפּעטן! און ווייל זיי קאָנען דאָס נישט אויספירן אין דער ווירקלעכקייט, פרעגלט זיך זייער צעלאָזענע פאַנטאַזיע אין אויסגעטראַכטע בילדער פון אַכזריותדיקער נקמה.

ווידער ביי אַנדערע האָט געמוזט אָנוואַקסן אַ ביטערער געפיל צו די פון אונז, וואָס גיבן נאָך עד היום אַוועק אַ היפּשע ביסל ענערגיע זייערע פאַר דעם רוסישן באַפרייאונגס־קאַמף, פאַר דער אַרבעט צוליב דער „מענטשהייט“, בעת אונזער אייגן יידיש פעלד ליגט פאַרוואָרפן און פאַרלאָזן. אַ האַס וואַקסט אָן צו יענער צויבער־מאַכט, וואָס רייסט אַוועק אונזערע יונגע כחות און וואָס שאַפּיראָ האָט פאַרקערפּערט אין מינאַס מאַגנעטיש־צוציענדיקער, ערנסט־שיינער געשטאַלט. אַ האַס צו יענער גאַנצער וועלט פון אַלגעמיין־מענטשלעכע און „פריער רוסישע“ אידעאַלן, וועמעס שענסטע בלום זי איז.

דער גאַנצער פּאָגראָם־פאַרווונדעטער אינטעליגענץ ווילט זיך כאַפּן פאַרן גאָרגל „מינאַן“ און מיט געוואַלט זי אָפּשטויסן פון זיך. אַ פאַרגוואַלטיקונגס־שטימונג מיט טויזנטער קליינע פאַרגוואַלטיקונגען טראָגט זיך אַרום אין אַט דער יידיש־ראַ-

דיקאַלער אַטמאָספער, און זיי אַלע, די טויזנטער קליינע פאַרגוואַלטיקונגען האָבן זיך צונויפגעשטראַלט אין דעם קינסט־לערס נשמה און אַרויסגעריסן זיך פון איר מיט איין אויס־געשריי: „פאַרגוואַלטיק זי, דערווערג זי, די צויבער־שיינע, מאַגנעטיש־צוציענדיקע פיינטלעכע מאַכט”...

דאָס איז אַ שטיק פון לעבן און נישט נאָר פון קונסט. נישט קינסטלערישע פּראָבלעמען ווערן דאָ אַוועקגעשטעלט, לעבנס־אָפּגרונטן אַנטפּלעקן זיך דאָ פאַר אונז, אָפּגרונטן — פאַר וועלכע מיר שטייען.

„באַשמוץ זי! דערווערג זי!” — פאַרשטייט זיך נישט בפועל ממש, נישט אין דעם בוכשטעבלעכן טייטש פון דעם וואָרט, נאָר אין דעם אייגענעם האַרץ, ביי זיך אין דער נשמה.

לעש אויס אין דיין האַרץ יעדעס געפיל פון רחמנות און ליבע צו דער „מענטשהייט” און דער „פרייער רוסלאַנד”. פאַרגעס, אַז די אידעאַלן פון מענטשן־ליבע, פון זיך אויפאָפּפערן פאַר דער מענטשהייט, האָבן מיר, ייִדן, אויסגעאַרבעט און אַריינ־געטראָגן אין דער מענטשהייט דורך דעם קריסטנטום. פאַרגעס, אַז די קרוין פון דער ציוויליזאַציע איז אָט דער אידעאַל פון אַ ברידערלעך־פאַרבונדענער מענטשהייט און די מסירת־נפש צו־ליב אַזאַ אידעאַל, און אַז דער שענסטער בריליאַנט אין דער קרוין איז — מינא. טרעט זיי ביידע מיט די פיס אין שטויב, די קרוין און דעם בריליאַנט.

טרעט מיט די פיס אויך יענע ברידער דיינע, וואָס האָבן אפילו אין רעכטן מיטן פּאָגראָם, אין די מחנות פון דער ייִדי־שער זעלבסט־פאַרטיידיקונג, נישט געקאָנט אַרויסיעטן פון זייער נשמה דעם ייִדיש־קריסטלעכן געפיל פון ברודער־ליבע און רחמנות צו דער גאַנצער מענטשהייט. זע, ווי ער ליגט, ווי אַ וואָרעם אין שטויב, יענער בלאַסער יונגער ייִד אין ברילן, וואָס האָט, אָניאָגנדיק אַ יונגן פּאָגראָמשטשיק, „געקוקט אויפן ווילדן שרעק פון יונגן בלוט און פלייש” און דערנאָך „צוגע־

שטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין אייגענעם קאָפּ און האָט אויס-געשאָסן". דערלאַנג איס אַ בריק דעם „פאַרבלוטיקטן פּגר". דעם אמתן תּלמיד פון ישו דעם קריסט.

וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס אין זיין נשמה האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעשפּילט איינע פון די טיפסטע און פאַרוויקלטסטע טראַגעדיעס, וועלכע אַ מענטשס נשמה האָט ווען עס איז דורכ-געלעבט. וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס זיין זעלבסטמאָרד איז אין זיין שיינקייט און גרויס, טויזנטמאָל גרעסער און שענער, איידער אַלע העלד-טאַטן פון דעם „צלם-מאַן". לאָך זיך אויס הויך פון זיין יידיש-קריסטלעכן באַוווסטזיין און געפיל, אַז דער פּאָגראָמשטשיק, אַפילו דער בלינדער פּאָגראָמשטשיק, איז זיין ברודער, אַז ער, דער בלינדער ברודער, איז נישט שולדיק אין דעם פּאָגראָם. זיי מטמא אַזאַ באַוווסטזיין, פאַרגוואַלטיק עס, דערווערג עס.

דאָס איז דער מוסר-השכל פון שאַפּיראָס דערציילונג.

שפּיי אויף דער גאַנצער יידיש-קריסטלעכער לעגענדע פון ברודער-ליבע, וואָס שטעקט אין דיין יידישן בלוט-און-פלייש, און לערן זיך פון דער גוייש-קריסטלעכער ווירקלעכ-קייט, וואָס וויל פון איר נישט וויסן, — זאָגט שאַפּיראָ...

קוק נישט אויף דער גוייש-קריסטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס וויל נישט וויסן פון דער יידיש-קריסטלעכער לעגענדע, וועלכע ליגט איז דיין בלוט-און-פלייש. שעץ זי און האַלט זי הייליק אונטער די גיפטיקסטע פיילן פון דער גוייש-קריסטלע-כער ווירקלעכקייט, ווייל זי, די יידיש-קריסטלעכע לעגענדע, איז דער אָטעם פון דיין לעבן, דער זין פון דיין זיין אויף דער וועלט. — זאָגט שלום אַש...

צוויי שטימען פון לעבן... צוויי היפּוכים פון דעם מאָ-דערנעם יידישן געפיל... ווער וועט וועמען איבערהילכן? אָדער מוז אפשר קומען אַ דריטע שטים, וואָס וועט איבער-הילכן זיי ביידע?

# די נאציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג
# פון דער יידישער ליטעראַטור

# די נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור *)

## 1

אין אַ ברייטערן זין פון דעם וואָרט דאַרף מען אונטער דעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור" פאַרשטיין אַ ל ץ, וואָס יידן האָבן אין וואָרט און שריפט באַשאַפן פאַר יידן. פון דעם „ותשר דבורה", אפשר דעם עלטסטן ליטעראַרישן דאָקומענט פון אונזער פאָלק, ביז אַראָפּ אויף מאָדערנע יידישע שרייבער אין אונזערע טעג, ציט זיך די „גילדערנע קייט" פון אונזערע שאַפונגען, וואָס נעמען אַרום אַלע זייטן פון דעם פאָלקס לעבן, שפּיגלען אָפּ זיינע געדאַנקען, באַשלוסן, לעבנס-צילן, האָפנונגען און חלומות.

אָט די אַלע פּראָדוקטן פון דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין פּאָעזיע, רעליגיע און פילאָזאָפיע, אין יוריספּרודענץ און וויסנשאַפט, אין צייט-פראַגן און אין אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער נשמה — ווי פאַרשיידן זיי זאָלן נישט זיין לויט זייער פאָרם און זייער אינהאַלט, ווי פאַרשיידן עס זאָל נישט זיין די ש פּ ר אַ ך, אין וועלכער זיי זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, — זיי אַלע זענען געשאַפן געוואָרן, בדרך כלל, פון יידן פאַר י י ד ן און געהערן דעריבער צו דער יידישער ליטעראַטור.

*) די צוקונפט, 1920

אין אונזער איצטיקן אַרטיקל װעלן מיר אָבער אָנװענדן דעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור” אין אַ סך אַ פאַרענגערטן זין. נישט דאָס, װאָס יידן האָבן געשאַפן פאַר יידן אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן פון דער װעלט, װעט אונז אינטערעסירן דאָ, נאָר דאָס, װאָס איז אַרויסגעבראַכט געװאָרן אין איין־איינציקער שפּראַך, דער איין־איינציקער שפּראַך, װאָס האָט געקראָגן דעם אומעטום אָנערקענטן נאָמען „יידיש”: דער פאָלקס־ און מוטערשפּראַך פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק; דער שפּראַך, װאָס איז אין דער לעצטער צייט געװאָרן די געדאַנקען־שפּראַך און די שאַפונגס־שפּראַך פון אַ גרויסן טייל יידישער אינטעליגענץ.

אין אַ משך פון בלויז אַ פּאָר צענדליק יאָרן זענען אין אָט דער שפּראַך אַרויסגעבראַכט געװאָרן אַזוי פיל װערק, — און אַזוי פיל *באַדייטנדיקע* װערק, — פון דעם מענטשלעכן זשעני, אַז זיי אַלע קאָנען שוין בלי ספק באַטראַכט װערן װי טיילן פון אַן *אָרגאַנישן גאַנצן*, פון אַ „יידישער ליטעראַטור”, װאָס שטרעבט צו פאַרנעמען דעם איר קומענדיקן פלאַץ אין דער גייסטיקער װעלט פון דער מענטשהייט.

אָבער אויך דעם אויסדרוק: „יידישע ליטעראַטור *אין דער יידישער שפּראַך*” װילן מיר דאָ נעמען װידער אַמאָל אין אַ ענגערן זין: מיר װעלן האָבן אין אויג נישט אַלץ, װאָס װערט באַשאַפן אין יידיש, נאָר — קודם־כּל און דער עיקר — די אַזוי אָנגערופענע „שיינע” ליטעראַטור, די יידישע בעלעטריסטיק, — יענע װערק, װאָס װערן ביי יעדן פאָלק אויסגעשטודירט און באַשריבן אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראַטור” און זענען דער מאַטעריאַל, אויף װעלכן עס שטיצט זיך די אַזוי אָנגערופענע „ליטעראַטור־װיסנשאַפט”.

די פרום־נאַציאָנאַלע דורות פון דעם יידישן פאָלק האָבן, װי באַקאַנט, װייניק װאָס געהאַלטן פון דעם גאַנצן ענין פון דער שיינער ליטעראַטור און דער פּאָעזיע, װייל זיי האָבן קיין

בּרעקל השגה נישט געהאַט פון דעם אומגעהייער-וויכטיקן מ ה ו ת, וואָס שטעקט אין דעם „שפּי,‟ מיט קלאַנגען, בּילדער, שטימונגען און געפילן. זיי זענען געווען אין דער ערשטער ליניע פאַראינטערעסירט אין דעם ע ר נ ס ט פון דעם לעבן, אין דעם תּכלית זיינעם פאַר ד ע ר אָדער „י ע נ ע ר‟ וועלט — אַ תּכלית, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן אויף דעם יסוד פון דעם נאַקעטן א מ ת און דער רעליגיעזער איבּערגעגעבּנקייט צו די פאָדערונגען פון דעם „אמתן‟ גלויבּן.

פון דער שיינער ליטעראַטור האָט זיי אָפּגעשטויסן דער פאַקט, וואָס זי פאַרנעמט זיך מיט א ו י ס ג ע ט ר אַ כ ט ע זאַכן און נישט מיט דער בּאַשרייבּונג פון דער אמתער ווירקלעכקייט, און וואָס ווען זי גיט שוין בּאַשרייבּונגען פון אַ רעאַלן געשעעניש, זענען דאָס נישט די, וואָס פירן דעם מענטשן צו דעם תּכלית, צו דער גבורה איבּער דעם אייגענעם „איך‟, כּדי ער זאָל קאָנען וואַנדלען אויף דעם ריכטיקן וועג.

אין דעם בּ ע ס ט ן פאַל האָט די אַלטע וועלט געקאָנט זען אין דער פּאָעזיע און דער שיינער ליטעראַטור בּכלל נישט מער ווי אַ „שפּיל‟. אַ הנאה צוליבּ הנאה, אַ צעלאָזענעם נאָכגעבּן דעם יצר הרע, פון אומגיין שלינג-און-שלאַנג און פון קינדערשער שטיפעריי.

נאָר איין-איינציקע אַרט פּאָעזיע האָט אונזער אַלטע וועלט נעליבּט און געשעצט: די פרום-רעליגיעזע, וואָס איז לכתּחילה נעשאַפן געוואָרן אין דער הייליקער שטימונג פון דעם רעליגיעזן גלויבּן.

מיט דעם אַריינדרינגען פון דער וועלטלעכער בּילדונג אין דעם יידישן לעבּן און מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם און זיין „בּטול היש‟, זיין פיינטלעכקייט צו דעם „עולם הזה‟, האָט זיך נאַטירלעך געמוזט איבּערבּייטן אויך די שטעלונג צו די הנאות פון דער שיינער ליטעראַטור. אָבּער דער בּליק אויף דעם מ ה ו ת פון דער שיינער ליטעראַטור איז בּעצם געבּליבּן דערזעלבּיקער: דאָס איז אַ ן אָ נ ג ע־

געמער און שיינער צייטפארטרייב. חלילה נישט קיין זינד, נישט קיין יצר הרע, מיט וועלכן מען דאַרף זיך שעמען, אָבער פאָרט נישט מער ווי אַ „שפיל", ווען אפילו זייער אַ חשובע מענטשלעכע שפיל, אין וועלכער עס קומען צום אויסדרוק זיינע בעסטע באַשאַפונגס־קרעפטן.

אויך די געבילדעטע און אויפגעקלערטע האָט געפעלט דער טיפערער איינבליק אין דער באַדייטונג פון דער שיינער ליטעראַטור, אין איר באַדייטונג, ווי אַ געשיכטלעכע קראַפט, וואָס ברענגט אַרויס, — אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע געשיכטלעכע קרעפטן, — די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

אָט אויף דער באַדייטונג פון דער ליטעראַטור בכלל מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן, כּדי מיר זאָלן קאָנען דערנאָך ריכטיק אָפּשאַצן די באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

די ליטעראַטור איז קודם כּל אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן, אָבער נישט נאָר אַן אָפּשפּיגלונג, נאָר אויך אַ צוריקשפּיגלונג. ווי אין אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר שטראַלן זיך אין איר צונויף אַלע וויכטיקסטע איבערלעבונגען פון אַ פאָלק און זיי ווערן צוריקגעשטראַלט פון איר און דורך איר אין דעם באַוווסטזיין פון דעם פאָלק.

אָט די צוריקשטראַלונג איז אָבער נישט קיין פּאַסיווע. די שטראַלן פון דעם לעבן גייען דורך דורך דעם דיכטערס און קינסטלערס געמיט, זיי ווערן דאָרטן אויסגעמישט מיט די שטראַלן פון זיין אייגענער נשמה, אַרומגעוועבט מיט אירע געדאַנקען, שטימונגען און געפילן און ברענגען דעריבער אַרויס אַ נייע באַלייכטונג פון דעם לעבן, אַן אויפקלערונג און דורכקלאָרונג פון זיין אינעווייניקסטן מהות, — און דאָס ווערט דערגרייכט אין דעמזעלבן גראַד, אין וועלכן דער קינסטלער האָט פאַרשטאַנען און דורכגעפילט יענעם מהות.

יאָ, דורכגעפילט: דאָס איז דער ערשטער באַדינג

פאַר אַ ווירקונגספולן ליטעראַרישן ווערק. די לעבנס-שטראַלן דאַרפן אויפרעגן נישט נאָר דעם קינסטלערס חושים, מיט וועלכע ער נעמט זיי אויף, נישט נאָר זיין פאַרשטאַנד, מיט וועלכן ער קלויבט זיך פאַנאַנדער אין זיי, נישט נאָר זיין פאַנטאַזיע, וואָס קאָמבינירט זיי און אַרבעט זיי איבער אין נ י י ע בילדער און אויסגעטראַכטע פּאַסירונגען, נאָר אויך זיין ג ע פ י ל, זיין אָ פּ ש אַ צ ו נ ג פון זייער ווערט, זיין אינעווייניקסטע צושטימונג צו זיי, אָדער דעם אינעווייניקסטן אָפּקער פון זיי.

יעדע שיין-ליטעראַרישע שאַפונג, ווי אפשר יעדעס קונסטווערק בכלל — איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ שטיקווירקלעך לעבן, אַריינגעשטראַלט אין אַ קינסטלערס געמיט און אַרויסגעשטראַלט אַ ן אָ פּ ג ע ש אַ צ ט ע ר א י ן געפיל. *)

וואָס די ליטעראַטור זאָל נישט באַשרייבן און „באַזינגען“, ווי ווייט אַ ליטעראַרישע שאַפונג זאָל אויף דעם ערשטן בליק נישט אָפּשטיין פון דעם ווירקלעכן לעבן, זענען אַלע אירע פּראָדוקטן — לעבנס-עלעמענטן, איבערגעאַרבעטע און אָפּגעשאַצטע אין דעם קינסטלערס געמיט, לויט די פאַרשיידענע שאַטירונגען פון צושטימונג און ווידערשטימונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אין זיין געפיל.

פון אַ פשוטן פאָלקסליד ביז צו דער רייכסטער פּאָעמע פון אַ קינסטלער באַדייטן די ליטעראַרישע ווערק נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר: גענומען אַ שטיק לעבן, אַרויפגעלייגט אויף דעם שפּיץ צונג, טיף און ערנסט אַריינגעטראַכט זיך אין זיין ט ע ם, אין זיין „זיס“ און „ביטער“, און דערנאָך אַרויסגעבראַכט דעם פּסק-דין אויף אים אין די געפילן פון טרויער און פרייד, וואָס ער האָט דערוועקט אין דעם קינסטלערס נשמה.

יעדע ליטעראַרישע שאַפונג איז נישט נאָר אַ שטיק „חשבון הנפש“ פאַר דעם קינסטלער, נאָר אויך אַ שטיק „חשבון

*) אביסל מער באַריכות האָב איך גערעדט וועגן דעם אין מיין פאָרוואָרט צו ב. לאַפּינס בוך „רוסישע ליריק“, ז. 7—13

החיים״ פאַר יענעם פאָלק, וואָס כאַשאַפט סיי דעם קינסטלער, סיי דאָס לעבן, וועלכעס ער שפיגלט אָפּ, און די ליטעראַטור פון אַ דור איז דער „חשבון הנפש״ און דער „השבון החיים״ פון דעם גאַנצן דור.

ווען דאָס פאָלק זינגט אַ לידל:

אונטער שלמהלעס וויגעלע
שטייט אַ ווייסע ציגעלע:
ציגעלע וועט פ אָ ר ן ה אַ נ ד ל ע ן,
ק ו י פ ן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען;
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען איז דאָך זייער זיס, —

דערציילט אונז דאָס פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן דאָס לידל, אַז נישט נאָר ראָזשינקעס מיט מאַנדלען זענען אים „זייער זיס״, נאָר אויך דאָס „פ אָ ר ן ה אַ נ ד ל ע ן״, דער פּראָצעס פון קויפן און פאַרקויפן.

און ווען דאָס אייגענע לידל זינגט אונז, אַז „שלמהלע וועט לערנען תורה״, און אַז „תורה איז די בעסטע סחורה״, דערקלערט אונז דאָס פאָלק, אַז נ אָ ך ה ע כ ע ר פאַרן האַנדלען שעצט עס דאָס פרומע לערנען פון־גאָטס־וועגן, אָבער אַז דער העכסטער מאסשטאַב פאַר דער העכסטער זאַך, מיט וועלכן זי קאָן געמאָסטן און געשעצט ווערן, בלייבט פאָרט די... סחורה!

פון דעם נאַאיוון פאָלקס לידל, וואָס האָט געוויס נישט געהאַט אין זין צו חקרענען זיך וועגן די עקאָנאָמישע יסודות פון דער יידישער חיונה און ממילא פון דעם יידישן לעבן, קלינגט אונז אַנטקעגן אַ פריידיקע צ ו ש ט י מ ו נ ג צו דידאָזיקע יסודות, צו דעם פּראָצעס פון מסחר, פון מקח וממכר, און אָט דאָס צוריקגעשטראַלטע שטיק לעבן איז אַן אָפּשאַצונג פון זיין ווערט אין דעם פאָלקס געפיל, אַ פריידיקע צוריקשטראַלונג און באַשטראַלונג פון זיין ל ע ב נ ס - וו ע ג, אויף וועלכן עס דאַרף זוכן זיין לעבנס־ציל: וועלכע העכערע צילן קאָנען דען גע־

מאָלט זיין אין אַ לעבנס-וועג, וואָס איז באַשטראַלט מיט אַזעלכע שטראַלן, איידער די לעבנס-צילן פון אַ סוחר אָדער אַ רב? און וועלכע אַנדערע שטראַלן און לעבנס-צילן האָלטן געקאָנט אַרויסברענגען אַ פאָלק, וועמעס לעבן איז צום גרעסטן טייל אויפגעבויט אויף „פאָרן האַנדלען" און לערנען „תורה — די בעסטע סחורה"?

און אַזוי איז דאָס מיט יעדן אמתן קינסטלערישן ווערק, דאָס הייסט מיט אַזאַ שאַפונג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אין דעם קינסטלערס געמיט פון די אוממיטלבאַרע לעבנס-איינדרוקן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן זייער רושם אויף אים. אין אַזוינע ווערק אָבער, וואָס זענען נישט געבאָרן געוואָרן אין דעם קינסטלערס אייגענעם געמיט, ווי אַ קעגנווירקונג אויף די לעבנס-ווירקונגען, נאָר וואָס זענען אויפגעשוימט געוואָרן פון מאָטיוון און פאָרמען, וועלכע די אַרומיקע ליטעראַרישע סביבה האָט אַריינגעבלאָזן אין דעם קינסטלערס נשמה, — אין אַזעלכע ווערק, זאָג איך, איז אָפטמאָל טאַקע שווערלעך צו דערקענען דעם גרונט-שטריך פון יעדער אָריגינעלער קינסטלערישער שאַפונג: די אָפּשאַצונג פון די לעבנס-עלעמענטן אין דעם געפיל.

אָבער אַזעלכע ווערק, וואָס פאַר אַ פילדערנדיקע ראָלע זיי זאָלן נישט האָבן געשפילט אין זייער צייט, האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין אריכת ימים אין דער ליטעראַטור; זיי ווערן באַלד פאַרגעסן. לעבן בלייבן די אָריגינעלע טאַלאַנטן, די נאַטורן, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט נישט נאָר אין זייער שרייבעריי, נאָר נאָך מער אין זייער לעבן — און אין דעם מענטשלעכן לעבן בכלל, — אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון דעם יחיד, אָדער אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם פאָלק. אין זייערע ווערק האָבן די לייענער געפונען — ווען אַפילו אומבאַוווסטערהייט — אַ נייע אָפּשאַצונג פון די עלעמענטן פון זייער אייגענעם לעבן און דעריבער אַ נייע באַלייכטונג פון זייער לעבנס-וועג, און

דעריבער אויך אַן אָפּשאַצונג און קריטיק, אַ באַלייכטונג און קלאָרמאַכונג פון ז יי ע ר ע ל ע ב נ ס-צ י ל ן.

אָט פאַר דער מעלה זייערע, נאָך מער ווי פאַר דער מדרגה פון זייער ריין-קינסטלערישן טאַלענט, זענען זיי געוואָרן איינגעבאַקן אין די הערצער פון זייער דור, — אָפּטמאָל אין די הערצער פון אַ סך דורות. אַ דאַנק אָט דער מעלה זייערער האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין שאָטן אַ סך פון זייערע צייט-חברים, וואָס האָבן אפשר אין דעם פּרט פון ריינער קונסט געהאַט אַ סך פלינקערע און מער שפּילערישע פינגער.

די שיינע ליטעראַטור פון אַ פאָלק מיט איר אָפּשאַצן אין געפיל דעם פאָלקס לעבן, — דירעקט אָדער אומדירעקט — מיט איר באַלייכטונג און קלאָרמאַכונג פון די לעבנס-צילן, — אויך: דירעקט אָדער אומדירעקט, — איז ביי יעדן מאָדערנעם געבילדעטן פאָלק דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון דעם ט יי ע ר ס ט ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן א ו צ ר.

נאָך מער: די ליטעראַטור פון אַ פאָלק אינאיינעם מיט דער ש פּ ר אַ ך, וואָס איז פאַרפּיינערט און באַרייכערט געוואָרן אין יענער ליטעראַטור, זענען געהאָרן די ט ר ע ג ע ר פ ו ן ד ע ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ב אַ וו ו ס ט ז יי ן, דער וויכטיקסטער סימן, מיט וועלכן מען פאַרבינדט די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. די ליטעראַטור ר ו פ ט זיך שוין איצטער די נ אַ צ י אָ נ אַ ל-ליטעראַטור פון אַ פאָלק,—אַלץ איינס, צי זי האָט אין זיך באַוווסטזיניק-שאָוויניסטישע ווערק, אָדער זי איז אפשר אין גאַנצן באַהערשט פון אַ ריין-קאָסמאָפּאָליטישער טענדענץ. די ליטעראַטור הויבט איצטער אָן צו געווינען דיזעלביקע באַדייטונג פאַר דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס אַמאָל האָבן געהאַט — און האָבן נאָך עד היום אין געוויסע פאַלן — די ר ע ל י ג י ע און כּמעט אומעטום — דאָס פ אָ ט ע ר ל אַ נ ד.

מען איז איצטער אַ דייטש נישט דערפאַר, וואָס מען באַלאַנגט צו אַ דייטשישער אמונה, וואָס מען גלויבט אין אַ דייטשישן גאָט אָדער אין דייטשישע געטער: די אַלטע גערמאַנישע געטער-

וועלט איז שוין לאַנג פאַרשווונדן פון דעם רעליגיעזן באַוווסט-זיין, און די מיינסטע דייטשן גלויבן גאָר איצטער אין אַ יידישן גאָט.

מען איז אויך נישט דערפאַר אַ דייטש, וואָס מען וווינט אין דעם דייטשישן פאָטערלאַנד און מען ליבט עס: אַ גרויסער טייל דייטשן וווינען אין שווייצאַריע, עסטרייך, אַמעריקע און ווו נישט? — אין דער וועלט.

מען איז אַ דייטש דערפאַר, וואָס מען רעדט די דייטשישע שפּראַך, און וואָס מען באַטראַכט די שילערס און די געטהעס פאַר די העלדן פון דער אייגענער נאַציאָנאַל-ליטעראַטור, ווייל אָט די דייטשישע ליטעראַטור איז געוואָרן די טרעגערין פון דעם דייטשישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

און דאָס אייגענע, וואָס די שילערס און די געטהעס פאַר דעם דייטשישן, האָבן די פּושקינס און די טורגעניעווס אויפגעטאָן פאַר דעם רוסישן, די ראַסינס און הוגאָס און באַל-זאַקס — פאַר דעם פראַנצויזישן. און אַזוי אויך מיט יעדן אַנדערן פאָלק.

עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די שפּראַך און די ליטעראַטור פון אַ פאָלק מוזן איצטער אַ סך אַריבער-שטייגן אין זייער נאַציאָנאַלן באַטייט די צוויי אַנדערע טרע-גער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין: די רעליגיע און דאָס פאָטערלאַנד.

עס איז אין די איצטיקע צייטן כמעט אוממעגלעך אַריינ-צוצווינגען אַ רעליגיעזן גלויבן אין די ענגע גרענעצן פון איין-איינציקן פאָלק. יעדע אויסגעבילדעטע, אַנטוויקלטע רעליגיע שטרעבט צו זיין אוניווערסאַל, צו זיין פאַר דער גאַנצער מענטשהייט פון גאָר דער וועלט. דאָס איז דערפאַר, וואָס אין תוך אַריין ווענדעט זיך יעדע הויך-שטייענדיקע רעליגיע צו-יעדן מענטשן, נישט ווי צו אַ קינד פון אַ באַשטימטן פאָלק, נאָר ווי צו אַ מענטשן-קינד, אַ בן-אדם, אַן אינדיוויד-

אום, וואָס דאַרף מאַכן זיין אייגענעם פּערזענלעכן חשבון מיט וועלט און גאָט.

אַפּילו די יידישע רעליגיע, וואָס איז אויפגעבויט אויף דעם גרונד-געדאַנק פון אַ ספּעציעלן אָפּמאַך צווישן גאָט און די בני-ישראל (נישט די בני-אדם), — אַפּילו אָט די נאַציאָ-נאַלסטע פון אַלע רעליגיעס, איז אין איר תוך אַ ריין אוני-ווערסאַל, אַ״וועלטלעך, ד. ה. פּערזענלעך-מענטשלעך. דעם געטלעכן אָפּמאַך מיט דעם „פאָלק ישראל״ האָבן שוין די נביאים אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, כּדי יידן זאָלן די גאַנצע מענטשהייט אַריינברענגען אונטער די פליגלען פון דעם יאהווע-גלויבן.

וואָלט זיך אָט די ריין-רעליגיעזע, ריין-מענטשלעכע מיסיע — אין דער צייט פון נאָך די נביאים — נישט געמוזט צונויפשטויסן מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציאָנאַ-לער זעלבסטדערהאַלטונג אַזוי שטאַרק, אַז יענע יידן, וואָס האָבן אויפגענומען אָט די מיסיע (די ערשטע קריסטן) האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און יענע יידן (דאָס גרעסטע רוב פון דעם פאָלק), וואָס האָבן אַנ-דערש נישט געקאָנט, ווי בלייבן טריי דער אייגענער נאַציאָ-נאַליטעט, האָבן געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זייער מיסיע, וואָלט דאָס יידישע פאָלק נישט געמוזט זיך אַרויסשיידן פון דער מענטשהייט און מאַכן אַזוי, אַז דער רעליגיעזער גלויבן זאָל בלייבן איינגעשלאָסן אין די אייגענע ענגע דלת אמות.

וואָלט די ארומיקע פיינטלעכע קריסטלעכע וועלט נישט געדרודפט דעם יידישן גלויבן אויף שריט און טריט און נישט אָפּגעהיט, דער יידישער גלויבן זאָל זיך חלילה נישט פאַר-שפּרייטן אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג; וואָלטן נישט געווען אָט די אַלע טראַגישע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע, — דעמאָלט וואָלט דאָס יידנטום געוויס שוין לאַנג אַרויסגעבראַכט פון זיך אַ נייע פאָרם פון אוניווערסאַליטעט

און וואָלט אין דעם פּרט געקאָנט אויפנעמען אַן ערנסטע קאָנ-קורענץ מיט דעם קריסטנטום און דעם מאַהאָמעדאַניזם.

און אַפילו אונטער אָט די העכסט-אומגינסטיקע אומ-שטענדן איז דער יידישער גלויבן נישט געבליבן איינגעגרע-נעצט אין דעם יידישן פאָלק, און דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פאַלט נישט תּמיד צונויף מיט דער יידישער אמונה. שוין איצטער, נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, זענען צו דעם יידנטום צוגעשטאַנען צענדליקער טויזנטער סלאַוון (די „סובאָט-ניקעס״ און די „גרים״) און צוריק האָט אַ גרויסער טייל פון די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטן אויפגעהערט צו האַלטן פון דעם „יודאַאיזם״.

רעליגיע הערט אויך ביי דעם יידישן פאָלק אויף צו זיין דער טרעגער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, און וואָס ווייטער אַלץ מער וועט זיך דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין מוזן באַפרייען פון זיין צוגעשמידטקייט צו דער יידישער רעליגיע.

אָבער אויך אין די גרענעצן פון אַ פּאָטערלאַנד קאָן נישט אַריינגעפּרעסט ווערן אַ מאָדערן נאַציאָנאַל באַוווסט-זיין, ווי וויכטיק אַזאַ פּאָטערלאַנד אָדער אַזעלכע פּאָטערלענ-דער — זאָלן נישט זיין פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם פאָלק און ממילא אויך פאַר דעם באַוווסטזיין, אַז מען געהער צו אַ פאָלק. א י ב ע ר דעם באַוווסטזיין פון פּאָטערלאַנד שטייט איצטער דאָס באַוווסטזיין פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

אָט דער פאַקט איז קיינמאָל נישט אַרויסגעטרעטן אַזוי קלאָר אין דעם געשיכטלעכן לעבן, ווי גראָד אין דער לעצטער צייט פון דעם וועלט-קריג און אין די סימפּאַטיעס און אַנטי-פּאַטיעס, וועלכע די פאַרשיידענע פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן צו די קריג-פירנדיקע צדדים.

נאָך איידער די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן זייער אייגן פּאָטערלאַנד, — אַ פאַרשיידענס און, אונטער אומשטענדן,

אַ פיינטלעכס צו דעם פּאָטערלאַנד פון די ענגלענדער, — זענען אַריין אין קריג אויף דער זייט פון די ענגלענדער, האָבן זיך תּיכּף, ווי דער קריג איז אויסגעבראָכן געוואָרן, זייערע סימפּאַטיעס אַ קער געטאָן צו די ענגלענדער. און דעם סוד אָט פון דער נאַטירלעכער, זיך סטיכיש-אַרויסרייסנדיקער סימפּאַטיע האָט אונז דערקלערט דער זשורנאַל „לייף“ („לעבן“). וואָס שטייט באמת, — ווי דאָס זאָל אונז אָפּט נישט ווייטאָן, — זייער נאָנט צו דעם ריין-אַמעריקאַנישן „יענקישן לעבן“.

זענען נישט — האָט יענער זשורנאַל געפרעגט — די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער קינדער פון איין פאָלק? איז נישט זייער שפּראַך ענגליש אויך אונזער שפּראַך? איז נישט זייער שעקספּיר אויך אונזער שעקספּיר, זייער טעניסאָן אונזער טעניסאָן, אונזער פּאָו זייער פּאָו?

די אייגענע דערשיינונג האָט מען געקאָנט באָמערקן אין שווייצאַריע, וווּ די סימפּאַטיעס האָבן זיך אויף מאָרגן נאָך דער קריגס-דערקלערונג, גענומען פּאַנאַנדערשפּאַלטן אין צוויי ריכטונגען: די דייטשישע שווייץ האָט געהאַלטן מיט דייטשלאַנד און די פראַנצויזישע מיט פראַנקרייך. אַזוי, אַז דער אַלגעמיין-שווייצאַרישער פּאַטריאָטיזם איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַן ערנסטער געפאַר און וויסן דאַרף מען, אַז זעלטן ווו אַ פאָלק איז אַזוי טריי איבערגעגעבן צו דעם אייגענעם „ליבן לענדל“, ווי די שווייצער פון אַלע ראַסן און אַלע שפּראַכן.

ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס אָט דער פּאַנאַנדערפאַל פון דער פאָלקס-סימפּאַטיע? וועלכע מאַכט האָט דאָ גענומען גובר זיין דעם צויבער פון דעם פּאָטערלאַנד, פון דעם פּאַטריאָטיזם?

אויך דאָ מוז מען געבן דעמזעלביקן תּירוץ, וועלכן די „לייף“ האָט געפונען פאַר די אַמעריקאַנער. זענען נישט די דייטש-שווייצער און די דייטשן קינדער פון איין פאָלק? איז נישט דייטש זייער אַלעמענס שפּראַך? איז נישט זייער געשיכטע

„אונזער" געטהע? איז נישט „אונזער" קעללער זייער קעללער? איז נישט אונזער זשאַן-זשאַק רוסאָ פון זשענעווע דערזעלביקער זשאַן-זשאַק רוסאָ פון דער פּראַנצויזישער ליטעראַטור?

געוויס מוז מען צוגעבן, אַז אָט דער נייער צענטר פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, — שפּראַך און ליטעראַטור, — האָט נאָך בשום אופן נישט אַרויסגעשטופּט די אַלטע צענטרען: די רעליגיע און דאָס פאָטערלאַנד. ער האָט זיך נאָך נישט אַוועקגעשטעלט אינגאַנצן אויף זייער פּלאַץ, ווייל ער קאָן נאָך אָט דעם פּלאַץ נישט פאַרנעמען אינגאַנצן.

מען דאַרף שוין שטיין אויף אַ גאַנץ באַדייטנדיקער הויך אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, כדי מען זאָל קאָנען אָנהויבן הייליק האַלטן אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור, ווי מען האַלט הייליק אַ רעליגיע, אָדער לכל הפּחות אויף אַזוי פיל ליבן און אַכטן זיי, ווי מען ליבט און אַכט אַ פאָטערלאַנד.

ביי די גרויסע מאַסן האָט זיך דאָס רעליגיעזע הייליקייטס-געפיל נישט אַנטוויקלט צו אַזאַ הויך. ביי די גרעסטע מאַסן איז דאָס הייליקייטס-געפיל נאָך עד-היום פאַרבונדן נאָר מיט דעם רעליגיעזן גלויבן. פאָטערלאַנד איז געהייליקט אין די הערצער פון נאָך נישט אַלע פעלקער. שפּראַך און ליטעראַטור זענען געוואָרן אַ געהייליקטער נאַציאָנאַלער אוצר, אַ נאַציאָנאַלער „ארון הברית", דערווייל נאָך נאָר ביי לפי ערך גאָר קליינע מינאָריטעטן. אָבער עס גייט דערצו. וואָס מער די מאָדערנע קולטור דרינגט אַריין אין די מאַסן, וואָס מער דער אַוואַנגאַרד אירער, די שיינע ליטעראַטור, ווערט פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, אַלץ מער גייסטיקע כּוחות זאַמלען זיך אַרום דעם נייעם צענטר פון דעם נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין, אַלץ שטאַרקער און באַדייטנדיקער ווערט זיין ראָלע פון אַ נאַציאָנאַל-ווירקנדיקער קראַפט.

די איבערמאַכט פון דעם נייעם נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין איבער רעליגיע און פאָטערלאַנד ווערט געזיכערט דורך דעם,

האָט עס פאַרבינדט אין זיך די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון פאָטערלאַנד און רעליגיע.

ווי פאָטערלאַנד, זענען אויך שפּראַך און ליטעראַטור אַן אומפּאַרטייאישער פאַרבינדנדיקער נאַציאָנאַלער צעמענט. אין דער ליבע, וואָס וואַקסט אויס אין דעם האַרצן פון אַ רוס צו „זיין" ליטעראַטור, ווערט נישט געמאַכט קיין נפקא מיניה צווישן „זיין" טאָלסטאָי און „זיין" דאָסטאָיעווסקי, ווי פאַרשיידן עס זאָלן נישט זיין די ריכטונגען פון אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעווסקי. דער קאַטויליש-פרומער דייטש שעמט זיך נישט צו גרויסן זיך מיט „זיין" אַפּיקורס־ישן געטהע, ווי דער אין גרונט קאָנסערוואַטיווער פראַנצויזישער קריטיקער, סענט-בעוו שרעקט זיך נישט אָפּ צו שרייבן אַ בוך וועגן דעם סאָציאַליסט און אַנאַרכיסט פּרודאָן. פּרודאָנס געדאַנקען זענען, אמת, נישט זיינע געדאַנקען, אָבער פּרודאָן אַליין איז „זיינער".

אין דער אומפּאַרטייאישקייט, דער פעאיקייט אַרומצונעמען אַלע קינדער פון דעם פאָלק, שטייט די ליטעראַטור נישט אָפּ פון דעם פאָטערלאַנד (און די שפּראַך אוודאי נישט!) און דערצו איז זי נישט אַזאַ סטיכיש־בלינדע קראַפט, ווי די סטיכיש־בלינדע ליבע צום סכום געאָגראַפישע אָרטשאַפטן, וואָס רופט זיך פאָטערלאַנד. די ליטעראַטור איז, אין אָט דעם פּרט, ווי די רעליגיע, אַ באַוווסטזיניקע גייסטיקע קראַפט, אָבער נישט קיין ענגע, ווי אַ באַשטימטער רעליגיעזער גלויבן, נישט קיין פאַרטייאישע, ווי ער.

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז דעריבער אַ גייסטיק-אומפּאַרטייאישער פאַרבינדנדיקער נאַציאָנאַלער צעמענט. אין אָט דער אייגנשאַפט אירער ליגט נישט נאָר איר נאַציאָנאַלע באַדייטונג נאָר אויך איר פּראָגרעסיווע באַדייטונג פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, — אַ באַדייטונג, וואָס שטעלט אַוועק דעם נייעם

צענטר פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, איידער רעליגיע און פאָטערלאַנד.

ביידע אַלטע צענטרען טראָגן אין זיך — ווי באַקאַנט — אַ באַדייטנדיקע געפאַר פון רעאַקציע און פ אַ ר פ אָ ל ג ו נ ג ס-מ אַ נ י ע.

דער אָנהענגער פון אַ רעליגיעזן גלויבן מוז באַטראַכטן דעם אָנהענגער פון אַן אַנדער אמונה, ווי אַ געטשנדינער, וואָס וויל אַוועקשטעלן אַן עבודה זרה אָנשטאָט דעם „אמתן" גאָט. דער „געטשנדינער" איז אָדער אַ צו, הכעיס-מענטש, וואָס וויל מיט אַ כּיוון דערצערענען גאָט און אַראָפּפירן מענטשן פון דעם ריכטיקן וועג. אַזאַ מענטשן איז נישט קיין עוולה, מען זאָל אים אָפּטאָן זיין פאַרדינטן פּסק. אָדער ער איז אַן אומשולדיק-פאַרפירטער, נעבעך אַ פאַראירט שעפעלע, און דעמאָלט איז בלי ספק א מצוה גדולה, מען זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין נשמה און אַרויסרעטן זי פון דעם שטנס הענט.

אָט דער בליק אויף דעם אַנדערש-גלויבנדיקן, וואָס איז פאַרבונדן כּמעט מיט י ע ד ע ר רעליגיע, ווי מיט יעדער פאַנאַטיש-דאָגמאַטישער געדאַנקען-סיסטעם, איז געווען דער מקור — אמת, נישט דער איינציקער — פון די אַלע רעליגיעזע קריגן און שווידערלעכע פאַרפאָלגונגען, פון די אַלע אינקוויזיציעס און שייטער-היפנס, וואָס האָבן געהערשט אין דעם מיטלאַלטער און זענען נאָך לאַנג נישט פאַרשווונדן פון אונזערע טעג.

אויך דער פּרינציפּ פון פאָטערלאַנד פאַרבינדט זיך זייער אָפּט (דעם אמת געזאָגט: שוין צו אָפּט) מיט דעם אומגערעכטסטן שאָוויניזם און אַ פאַרפאָלגונגס-מאַניע. ער טרעט דאָ אַרויס, ווי אַ פּרעסערישע פאַרשלינגונגס-מאַניע. אַ פאָטערלאַנד וויל זיין ג ר ו י ס און איינשלינגען אַנדערע פאָטערלענדער. אין ב ע ס ט ן פאַל דאַרף אַ פאָטערלאַנד לויערן אויף דער שמירה פון זיינע גרענעצן, זיין אָנגעגרייט אויף אַן איבערפאַל

און אָנפּאַל, תּמיד קוקן מיט אויגן פון חשד אויף דעם שכן, וואָס איז זיין „נאַטירלעכער שונא”.

רעליגיעס און פּאָטערלענדער זענען דעריבער עליל צו זיין אַנטאַגאָניסטיש צו זייערע שכנים. זיי פאַרשטאַרקן נישט דעם סאָלידאַריטעטס-געפיל צווישן די איינצלנע טיילן פון דער מענטשהייט, צווישן די פעלקער, וואָס זייער נאַציאָנאַל-געפיל ווערט געשפּייזט דורך רעליגיע אָדער פּאָטערלאַנד. גיכער גראָבן זיי אונטער אָט דאָס געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער אַלמענטשלעכער סאָלידאַריטעט.

גאַנץ אַנדערש — די ליטעראַטור, ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר און באַוווסטזיינס-טרעגער.

מערקט אייך: איך זאָג דאָ בפירוש ליטעראַטור און נישט שפּראַך. אין דעם פּרט פון שפּראַך האָבן די מיינסטע פעלקער ליידער אַקוראַט אַזאַ הייס-הונגעריקן שאָוויניזם, אַקוראַט אַזאַ אַכזרישן פאַנאַטיזם, אַקוראַט אַזאַ קאַניבאַלישן פרעסער-אַפּעטיט, ווי רעליגיע און פּאָטערלאַנד: דער עיקר אין די גרענעצן פון איין-און-דעמזעלביקער מלוכה, און נאָך ספּעציעלער מצד דער „הערשנדיקער” שפּראַך (אָדער מצד דער שפּראַך, וואָס מיינט, אז זי האָט אַ רעכט צו הערשן) לגבי אירע שכנים, די אַנדערע שפּראַכן. שפּראַכן-פאַנאַטיזם, שפּראַכן-פאַרפאָלגונגען שטייען אויף דעם סדר היום פון כּמעט אַלע לענדער מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג. אויך די שפּראַכן זענען עלול צו באַטראַכטן זיך פאַר אַנטאַגאָניסטיש צו זייערע נאָנטע שכנים. אָבער נישט אַזוי — די ליטעראַטורן.

די ליטעראַטורן זענען נישט אַנטאַגאַניסטיש איינע צו דער אַנדערער. זיי מעגן אפשר ווען אַריבעריאָגן איינע די אַנדערע, אויפהויבן זיך אויף אַ העכערע מדרגה, איידער די אַנדערע, אָבער דאָס קאָן נישט געטאָן ווערן צום שאָדן פון די אַנדערע, נאָר אַדרבה: דאָס מוז אַרויסקומען צו זייער נוצן. ווייל ווען איין ליטעראַטור יאָגט אריבער „מיין” ליטעראַטור, ברענגט אָרויס גאַנץ נייע אוצרות, פון וועלכע

מען האָט פריער קיין ברעקל השגה נישט געהאַט, ווער קאָן מיר דען פאַרווערן אַריבערצוגיסן אָט די נייע אוצרות אין מיין אייגענער שפּראַך און אויף אַזאַ אופן באַרייכערן מיין אייגענע ליטעראַטור? און ווער קאָן פאַרווערן מיין פאָלק, אויב עס האָט נאָר די כּוחות דערצו, נאָך שנעלער און וויטער אַריבערצויאָגן דעם אַריבעריאָגער?

די גייסטיקע שאַפונגען זענען *קאָמוניסטישע* אוצרות, זיי שטייען אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. יעדעס פאָלק קאָן זיך באַנוצן מיט זיי, וויפל זיין האַרץ גלוסט. אין דער ריוואַליטעט פון פעלקער אויף די פעלדער פון דער גייסטיקער קולטור, אפילו ווען אַזאַ ריוואַליטעט זאָל זיך ווען עס איז און ווו עס איז פאַנאַנדערברענען, קאָנען נישט געבאָרן ווערן קיין אַנטאַגאָניסטישע געפילן.

איך האָף, אַז דער לייענער פאַרשטייט דאָ ריכטיק מיין מיין. איך וויל נאַטירלעך בשום אופן נישט לייקענען דעם באַשיינפערלעכן פאקט, אַז די שיינע ליטעראַטור קאָן *דורך דעם אינהאַלט* פון אירע ווערק פאַנאַנדערבלאָזן די היציקסטע שאָוויניסטישע ליידנשאַפטן, אויפוועקן אַלע פוריעס פון דעם פעלקער-האַס אין דער מענטשלעכער ברוסט. אָבער דאָ רעדן מיר נישט וועגן דעם *אינהאַלט* פון דעם אָדער יענעם ליטעראַרישן ווערק, נאָר וועגן דעם *ליטעראַרישן שאַפן בכלל*. די ליטעראַטור, ווי אַ צענטער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, האָט אין זיך נישט *יענעם* שאָוויניזם, וואָס די אַלטע צענטרען האָבן געהאַט, און וואָס אויך די *שפּראַך*, ווי אַ נאַציאָנאַלער באַוווסטזיינס-צענטר, האָט אין זיך. דאָס זיך וועלן *אַרויפצווינגען* אויף דעם אַנדערן, דאָס וועלן פאַרנעמען דעם אַנדערנס פּלאַץ. די ענגלענדער ווילן נישט אַרויפצווינגען אויף רוסלאַנד *בייראָנען* אַנשטאָט *פּושקינען*. בייראָן און פּושקין קאָנען פרידלעך לעבן איינער *מיט* דעם אַנדערן אין די גרענעצן פון איין-און-דערזעלביקער שפּראַך-אַטמאָספער, און צו אַזאַ פרידלעכן

אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענווירקן שטרעבן אַלע מאָדערנע ליטעראַטורן אין יענער גייסטיקער וועלט, וואָס האָט שוין באַקומען דעם נאָמען — די „וועלט-ליטעראַטור".

אָבער נישט נאָר איז די ליטעראַטור, ווי אַ באַזונדער צענטר פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, פריי פון אַן אינעווייניקסטן אַנטאַגאָניזם צו די אַנדערע ליטעראַטורן: דורך די איבערזעצונגען, דורך דעם צונויפלעבן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק אין איין-און-דערזעלביקער שפּראַך ווערט באַשאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַטמאָספער, וואָס איז פול מיט קעגנזייטיקער אָנערקענונג און פאַרשטענדעניש צווישן פאָלק און פאָלק: אַן אַטמאָספער, אין וועלכער עס ווערט געבאָרן די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות. אָדער לכל-הפּחות, וואָס העלפט זייער שטאַרק דער אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרישע געפילן.

דערהויפּט טוט דאָ זייער פיל אויף אין דעם פּרט די שיינע ליטעראַטור, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער קינסטלערישער שילדערונג פון דעםווירקלעכן לעבן און די ווירקלעכע כאַראַקטערן פון דעם פאָלק.

די פעלקער זענען נאָך עד היום אַזוי פרעמד איינס דעם אַנדערן, און די גרויסע מאַסן אַפילו פון די געבילדעטע זענען נאָך אַזוי פול מיט חשד און מיסטרויען צו דעם פרעמדן, אַז עס איז איינעם נאָך גאַנץ שווער זיך פאָרצושטעלן אַ קינד פון אַ פרעמד פאָלק, ווי זיינס אַ גלייכן, ווי אַ מענטשן. מען קאָן טעאָרעטיש זיין איבערצייגט אין דער פולער גלייכהייט פון אַלע מענטשנקינדער, אין דעם איינאַרטיקן מענטשלעכן תּוך, אין וועלכע פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פאָרמען ער זאָל נישט זיין פאַרקליידט, וועט אָט די איבערצייגונג בלייבן אַ פרוכטלאָזע אַבסטראַקציע, כּל זמן דעם פרעמדנס נשמה און דעם פרעמדנס לעבן וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן פאַר אונז בחוש, כּל זמן מיר וועלן זיך אינטואיטיוו נישט אַריינלעבן און אַריינפילן אין איר.

פון מיין אייגענער קינדערשער דערפאַרונג ווייס איך, ביז צו אַ וואָסער גראַד פון מיסטרויען און חשד עס קאָן דערגיין אַ מענטשלעכע נשמה בנוגע דעם לעבן און דער נשמה פון אַ „פרעמדן", פון אַ „גוי". און דער גאַנצער פאָלקלאָר פון די פעלקער, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם „פרעמדן", איז פול מיט וויסטע פאַנטאַזיעס, וואָס באַווייזן, ווי ווייניק די מאַסן קאָנען זיך באמת פאָרשטעלן, אַז דער „פרעמדער" זאָל קאָנען זיין פונקט אַזאַ מענטש, ווי דער אייגענער. דאָס רוב טראָגט דער פרעמדער דעם כאַראַקטער פון דעם פיינט, דעם פיינט נישט נאָר פון אונזער אייגענעם פאָלק, נאָר פון דעם מענטשלעכן מין בכלל. ער איז כמעט אומעטום אין דעם פאָלקלאָר ענג־צונויפגעבונדן מיט דעם טייוול און מיט אַלע אומווירדיקע איבערנאַטירלעכע כוחות, וואָס טראַכטן נאָר איין זאַך: ווי צו ברענגען שאָדן דעם מענטשן, — אַ מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, פון וועלכער מיר, יידן, האָבן אַזוי פיל און אַזוי טיף געליטן און פון וועלכער מיר ליידן נאָך אַזוי פיל און אַזוי טיף ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

די ענגע גרענעצן פון דעם פאָלקס־באַוווסטזיין, וואָס ברענגען אַרויס אַזוי פיל באַריערן אין געפיל צווישן פאָלק און פאָלק, ווערן אָפּגעשאַפט אין דעם ליטעראַרישן צונויפלעבן פון די פעלקער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

די איבערזעצונגען פון די פרעמדע ליטעראַטור־פּראָדוקטן אין דער אייגענער שפּראַך מאַכן ברייטער אונזער פּסיכאָלאָגישן האָריזאָנט, שאַפן אָפּ די געפילס־באַריערן צווישן פאָלק און פאָלק, ווייל זיי לאָזן אונז טיפער אַריינבליקן און זיך מיט חושים אַריינלעבן אין דעם פרעמדנס לעבן און אין זיין נשמה.

„וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את נפש הגר",

שטייט ביי אונז אין דער תורה. „איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל איר זענט באַקאַנט מיט דער נשמה פון דעם פרעמדן". אָט די באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדנס נשמה, וואָס

וואַכט ערשט מעגלעך די ליבע צו אים, גיט אונז די וועלט-ליטעראַטור, ווען זי ווערט אַריבערגעטראָגן אין דער אייגענער נאַציאָנאַל-ליטעראַטור.

די נאַציאָנאַל-ליטעראַטור, וואָס נעמט אין זיך אַריין די בעסטע פּראָדוקטן פון דער וועלט-ליטעראַטור, — און צו דעם שטרעבט יעדע מאָדערנע נאַציאָנאַל-ליטעראַטור, — שפּילט דעריבער אַ טאָפּלטע נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווע ראָלע. פון איין זייט טיילט זי אונז אויס פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי אַ באַזונדער פאָלק, און זי טוט דאָס אויף אַזאַ אופן, וואָס שליסט אויס יעדן אנטאגאניזם צווישן פאָלק און פאָלק. און פון דער אַנדערער זייט בינדט זי אונז צונויף דורך דער וועלט-ליטעראַטור מיט דער גאַנצער מענטשהייט, ברענגט אַרויס די פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש צווישן פאָלק און פאָלק און לייגט אַוועק דעם יסוד אין געפיל פאַר דעם וויכטיקסטן פּונקט פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, די אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

עס איז קיין חידוש נישט, וואָס אַדאַנק אָט די אייגנשאַפטן פון דער שיינער ליטעראַטור, איז איר חשיבות אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון דעם געבילדעטן עפנטלעכן באַוווסטזיין. די חשיבות פון אַ פאָלק ווערט איצטער אָפּטמאָל געמאָסטן לויט דעם ווערט פון יענער שיינער ליטעראַטור, וואָס עס ברענגט אַרויס, און וואָס פאַרנעמט איר אָרט אין דעם אַלוועלטלעכן ליטעראַרישן שאַפן.

## II

די חשיבות פון אַ פאָלק—האָבן מיר נאָרוואָס געזאָגט,—ווערט איצט אָפּטמאָל געמאָסטן לויט דעם ווערט פון יענער שיינער ליטעראַטור, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט. אָט דעם ענין מוזן מיר אַ ביסל ברייטלעכער אַרומרעדן.

אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן עפנטלעכן באַוווסטזיין האָט יעדעס פאָלק שוין פון לאַנג אָן באַקומען אַ באַשטימטע פיזיאָגנאָמיע און אַ באַשטימטע אָפּשאַצונג.

עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצופאָרשן, ווי אַזוי עס האָט זיך ביסלעכווייז געביטן דער מאָסשטאַב, מיט וועלכן די „מענשטהייט" שאַצט אָפּ דעם מהות און דעם אינעווייניקסטן ווערט פון אַ פאָלק. לײַדער קאָנען מיר אַזאַ אַרבעט נישט אונטערנעמען אין דעם ענגן רעמל פון אונזער טעמע.

דאָ וועט גענוג זײַן, ווען מיר וועלן באַמערקן, אַז שוין גאָר פון אָנהויב אָן, ווען דאָס מאָדערנע צווישן-פעלקערלעכע עפנטלעכע באַוווסטזיין האָט זיך גענומען אויסבילדן אין דער צייט פון רענעסאַנס, האָבן אינעווייניק אין אים גענומען קעמפן דריי פּ א ר ש י י ד ע נ ע פּרינציפּן פון ווערטשאַצונג.

די ערשטע פידל האָט דערבײַ אין אָנהויב געשפּילט די פּ י ז י ש ע מ אַ כ ט פון אַ פאָלק, זײַנע גבורות און נצחונות אויף דעם פעלד פון מיליטערישע ד ע ר אָ ב ע ר ו נ ג ע ן. אין דערזעלבער צייט האָבן אויך דער ה אַ נ ד ל א ו ן ד י א י נ ד ו ס ט ר י ע אַרויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל זייער אייגענעם געוויכט, וואָס האָט, אמת, נישט געקאָנט א ר י ב ע ר ו ו ע ג ן דעם מיליטערישן רום, וואָס האָט אָבער זייער פיל אויפגעהויבן די חשיבות פון אַ פאָלק אין די אויגן פון דער וועלט. און נאָר אויפן דריטן פּלאַץ איז געשטאַנען די ל י ט ע ר אַ ט ו ר א ו ן די ק ו נ ס ט.

דער „קורס" פון ליטעראַטור און קונסט איז גאַנץ געוויס געשטאַנען אַ סך נידעריקער, איידער האַנדל און אינדוסטריע. ווער רעדט שוין וועגן דעם גלאַנץ, מיט וועלכן אַ פאָלק פלעגט אַרומגערינגלט ווערן אַ דאַנק זײַנע לאָרבער-קרענץ, געבראַכט אַהיים פון די ק ר י ג ס-פעלדער.

עס איז גענוג צו פאַרגלײַכן די אינטערנאַציאָנאַלע חשיבות פון אַזעלכע צוויי פעלקער, ווי דאָס ר ו ס י ש ע און דאָס א י ט אַ ל י ע נ י ש ע צו דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונ-

דערט, כּדי גלייך איינצוזען דעם גרעאַלטיקן „קורס"-אונטער-שייד צווישן מיליטערישער מאַכט פון איין זייט און ליטעראַריש-קינסטלערישן אויפטאָן פון דער אַנדערער.

די רוסן אונטער „יעקאַטערינא דער גרויסער" האָבן נאָך נישט געהאַט קיין איין גרויסן געלערנטן, קיין איין גרויסן דיכטער אָדער קינסטלער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַטייט, בעת די איטאַליענער האָבן אַרויסגעבראַכט אַ ליטעראַטור און אַ קונסט, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געשטאַנען אויף דער שפּיץ פון דער געבילדעטער וועלט. אין פונדעסטוועגן זענען די רוסן געווען אַ „גרויס" פאָלק, בעת די „חשיבות" פון די איטאַליענער איז געווען אָנגעמאָסטן נישט אָן זייערע גרעאַל-טיקע אויפטוען אויף די פעלדער פון ליטעראַטור און קונסט, נאָר אָן דעם ווינציקן פּרעסטיזש, וועלכן זיי האָבן געהאַט אין דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר וועלט, אַ דאַנק זייער מיליטערישער שוואַכקייט און אונטערגעוואָרפנקייט אונטער פרעמדע פעלקער.

אין דעם עפּנטלעכן באַוווסטזיין פון יענער צייט האָט די א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּ אָ ל י ט י ק, ד. ה. די אַ ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ע און די ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ע, געשפּילט די ערשטע ראָלע. די געבילדעטע קרייזן זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די קייזערלעכע ה ו י ף-קרייזן און דיפּלאָמאַטישע צירקלען. און אָט די קרייזן פלעגט זיך אויס-בילדן דער בליק אויף דעם ווערט פון אַ פאָלק פאַר דער מענטשהייט: זיי פלעגן אַרויסטראָגן די דיפּלאָמען אויף גרע-סערער אָדער קלענערער חשיבות. און פאַר זיי איז, פאַרשטייט זיך, דער הויפּט-ר ו ם געלעגן אויף דעם פעלד פון קריגע-רישע טריאומפן און די הויפּט-נ ו צ ל ע כ ק יי ט — אין האַנדל און אינדוסטריע.

ליטעראַטור און קונסט אָבער האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ווערט, ווי נאָר פון אַן אָנגענעמען צייטפאַרטרייב. זיי זענען געווען די וויין-קעלערס און די בלומען-גערטנער, אין וועלכע מען האָט געזוכט אָפּרו, דערפרישונג און פאַרצירונג

פון דעם לעבן. דער פּאָעט און דער קינסטלער איז אין יענע הויכע אַריסטאָקראַטישע קרייזן געשטאַנען — איך האָב מורא צו זאָגן — כמעט אויף דערזעלביקער מדרגה פון חשיבות, ווי דער פריזירער און די פּוץ-מאַמזעל. און כמעט אַזאַ פּנים אין דער וועלט האָט געמוזט האָבן אַ פאָלק, וועמעס גאַנצער אויפטו אין לעבן עס באַשטייט אין באַשאַפן ביכלעך, מאָלן בילדלעך און זינגען לידלעך.

אָט דער מאָסשטאַב האָט זיך גרינטלעך געענדערט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ דער פּאָליטישער הערשאַפט פון דער אַרי-סטאָקראַטיע: זי האָט אויך צעבראָכן דעם מאָסשטאַב, מיט וועלכן די אַריסטאָקראַטיע האָט געמאָסטן דעם ווערט פון אַ מענטשן, פון אַ מענטשלעכער חשובער טעטיקייט און פון אַ פאָלק.

אויף דעם הערשער-טראָן האָט געגומען ביסלעכווייז אַרויפקריכן די יונגע בורזשואַזיע, מיט איר אייגענער מאָס פאַר „גרויס" און „קליין", „חשוב" און „געמיין".

די יונגע בורזשואַזיע האָט זיך נאָך נישט געפילט, ווי אַ באַזונדער קלאַס אין דעם פאָלק, וואָס דאַרף באַגרינדן זיין הערשאַפט אויף דער עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס. זי האָט זיך געפילט, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, לפחות, ווי דער אַוואַנגאַרד פון דעם גאַנצן פאָלק אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער גאַנצער אַלטער אַריס-טאָקראַטיש-פעאָדאַלער וועלט.

די וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע אינטעלינענץ איז אין אירע אויגן נישט געווען קיין מחנה הויף-באַדינטע, וואָס דאַרפן באַשיינען און פאַרזיסן דאָס לעבן פון דעם איידל-געבאָרענעם פּריץ. יענע אינטעליגענץ איז געווען פלייש פון איר פלייש און אַ ביין פון אירע ביינער. זי איז אַרויסגעוואַקסן דאָס רוב פון איר, אָדער פון דעם

ק ל יי נ ע ם פֿאַראָרעמטן אַדל, האָט אַריינגעזויגן אין זיך די שטראַלן פֿון א י ר לעבן און האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון זיך א י ר לעבנס־בליק, אירע האָפֿענונגען, אירע לעבנס־צילן, א י ר האַס צו די אָפּגעלעבטע פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿט, איר רעוואָלוציאָנערע בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿרייער מענטשלעכער צוקונפֿט.

די יונגע בורזשואַזיע האָט געוווּסט, אַז די דידראָס, וואָלטערס און רוססאָס אין פֿראַנקרייך, די שילערס, די געטעס, די לעסינגס און די הערדערס אין דייטשלאַנד זענען א י ר ע פֿאָרקעמפֿער: זי האָט געשפּירט, אַז אָט די אַלע באַשעפֿערישע כּוחות ברענגען אַרויס איר חשבון הנפֿש און איר חשבון החיים — און דער ו ע ר ט פֿון ליטעראַטור און קונסט אין דעם עפֿנטלעכן לעבן האָט געוווּמען שטייגן.

עס קאָן זיין, אַז שוין דעמאָלט האָט ערגעץ־ווו אין דעם האַלב־באַוווּסטזיניקן נאַציאָנאַלן געפֿיל געוווּמען אויפֿקומען די איינזיכט, אַז די ליטעראַטור (און ספּעציעל די ש יי נ ע ליטעראַטור) ווערט אַלץ מער און מער אַ נייער צענטר פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, דער טרעגער פֿון דער נאַציאָנאַלער איינקייט. און אָט דער בליק האָט געוווּמען ווערן אַלץ קלאָרער, וואָס מער די ליטעראַטור האָט באַוווּסטזיניקערהייט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פֿ ר יי ה יי ט ס־ ק אַ מ ף, וואָס איז צערויסגערופֿן געוואָרן דורך די נאַפּאָלעאָנישע קריגן.

על־כּל־פּנים האָבן אַזעלכע נייע נאַציאָנאַלע געפֿילן זיך געוווּמען וועבן אין ד יי ט ש ל אַ נ ד, דעם פּאָליטיש־צעפּיצלטן אין אַ פּאָר טוץ ליליפּוטישע קעניגרייכן, אין א י ט אַ ל י ע, דער צעריסענער און אונטעריאָכטער, און אין פּוילן, וואָס איז אונטערגעפֿאַלן אונטער דעמזעלביקן שיקזאַל, ווי איטאַליע: צעריסן ווערן אויף שטיקער און פֿאַרשקלאַפֿט ווערן ביי אַ פֿרעמדער מאַכט.

אין דערזעלביקער מאָס, אין וועלכער עס האָבן זיך

גענומען מערן די געבילדעטע קרייזן אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, אין דערזעלביקער מאָס איז אויך געוואַקסן די באַדייטונג און די דירעקטע מאַכט פון דער ליטעראַטור אויף דעם עפנטלעכן לעבן. באַלד איז זי געוואָרן די טרעגערין פון דעם עפנטלעכן באַוווסטזיין און ממילא אויך פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי יעדן פאָלק און דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי דער גאַנצער מענטשהייט. די קאַמפן פון דער צייט, וואָס האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפט, — די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און גייסטיקע, האָבן זיך קודם-כל אָפּגעשפּילט אויף דעם פעלד פון דעם ליטעראַרישן און קינסטלערישן שאַפן: אין דער פּובליציסטיק ד י ר ע ק ט, אין דער שיינער ליטעראַטור און דער קונסט א ו מ ד י ר ע ק ט. און וואָס שטאַרקער עס האָט גענומען וואַקסן דער גייסטיקער בונד צווישן „געזעלשאַפט" און „ליטעראַטור", אַלץ וויכטיקער און חשובער איז געוואָרן דער מהות פון דער „שרייבעריי": אַלץ אַ גרעסערן ווערט האָט אויך געמוזט באַקומען די ש יי נ ע ליטעראַטור, ווי דער חשבון הנפש און דער חשבון החיים אין געפיל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

ביסלעכווייז האָט אין דער נייער ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ר געזעלשאַפט געמוזט ווערן קלאָר, אַז אַ קינסטלער, אַ פּאָעט, אַ ראָמאַניסט, אַ דראַמאַטורג, אַ ליטעראַטאָר בכלל איז אַ סך אַ העכערער מהות מענטש, איידער אַ באַראָן, אָדער אַ גענעראַל, אָדער אַ באַנקיר, אָדער אַ פאַבריקאַנט, און אָט דער נייער בירגערלעכער, פּראָגרעסיווער מאָסשטאַב פון אַ מענטשלעכן ווערט האָט געמוזט אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אויף גאַנצע פעלקער.

זיכערלעך איז אָט די „אומוווערטונג פון אַלע ווערטן" געווען פאַרבונדן מיט דעם ב י ר ג ע ר ל ע כ ן קאַמף פאַר פּאָליטישער און גייסטיקער פרייהייט, אין וועלכער די ליטעראַטור האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהייער-וויכטיקע ראָלע. אָבער, געבאָרן געוואָרן אין די געבילדעטע קרייזן פון דער בורזשואַזיע

און די ווינציקע ראַדיקאַלע קרייזן פון דעם אַדל, איז דער נייער מאַסשטאַב נישט געבליבן שטעקן אין די פיר איילן פון דעם אייגנטלעכן בירגערטום.

אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון דער צייט האָבן זיך געמוזט באַטייליקן אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט: די אַריסטאָקראַטיע, די בורזשואַזיע און — אַביסל שפּעטער — די פאָרלויפער פון דעם פּאָליטיש-אויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט. זיי אַ ע האָבן געשפּירט די אָרגאַנישע צונויפגעוואַקסנקייט פון „ליטע-ראַטור און לעבן". זיי אַלע האָבן געפילט, אַז הינטער די ריין-ליטעראַרישע קאַמפן לויערן פאַרבאָרגן די אידייען-שלאַכטן פון דער צייט. און אויב זיי האָבן דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט פאָרמולירן, אין וואָס עס ליגט די צויבער-קראַפט פון דער שיינער ליטעראַטור, וואָס איז איר ראָלע אין לעבן און ווי אַזוי זי איז צונויפגעוואַקסן מיט דעם לעבן, איז אָבער קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן איר ערנסטקייט און וויכטיקייט, די נעשטאַלט-דיקע ווירקונג אירע אויף יענע קרעפטן, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

און וואָס פּראָגרעסיווער אַ פאָלק איז געווען, אַלץ אַנט-שיידענער האָט זיך איינגעשטעלט ביי אים די נייע ראַנג-איינטיילונג פון מענטשלעכע באַשעפטיקונגען און אויפטוען, און מיט גאַנץ אַנדערע אויגן האָבן אַלע געבילדעטע קרייזן פון דער וועלט געמוזט נעמען קוקן אויף דעם ווערט און דעם מהות פון די פעלקער.

פאַרגלייכט איצטער דעם „קורס" פון, לאָמיר זאָגן, דעם י אַ פּ אַ נ י ש ן פּאָלק פון איין זייט און דעם נאָרוועגישן פון דער אַנדערער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן עפנטלעכן באַ-ווּסטזיין.

די יאַפּאַנער זענען נומעריש אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע מיליטערישע מאַשין, וועלכע האָט שוין אַמאָל צעקלאַפּט כינע און נישט לאַנג צוריק גוט אָנ-געבראָכן די ביינער אַזאַ קאָלאָס, ווי דאָס צמאָליקע רוסלאַנד

אין די אַלטע צייטן וואָלטן אָט די טאַטן „באַדעקט" דאָס יאַפּאַנישע פאָלק „מיט אַ נישט-פּאַרוועלקנדיקן רום", ווי סוואָראָווס נצחונות האָבן אין יעקאַטערינאַס צייטן גרויס (אָדער נאָך גרעסער) געמאַכט דעם קלינגנדיקן נאָמען פון „איר" לאַנד און פאָלק.

נאָרוועגיע, ווידער, איז אַ קליין פעלקעלע אָן אַ מיליטערישער מאַשין, אָן לאָרבער-בלעטער פון דעם שלאַכטפעלד, אַפילו אָן אַ באַוואונדערס אַנטוויקלטער אינדוסטריע. אָבער נאָרוועגיעס דיפּלאָם אויף חשיבות איז אין דעם עפנטלעכן באַוווסטזיין געגרינדעט נישט אויף אירע סאָלדאַטן און גענעראַלן, נישט אויף אירע פאַבריקאַנטן און סוחרים, נאָר אויף איר שיינער ליטעראַטור, אויף אירע איבסענס און ביערנסאָנס, און איר דיפּלאָם איז אַ סך, אַ סך אַ גכבודיקער, איידער יאַפּאַנס.

די אינטערנאַציאָנאַלע חשיבות ווערט איצטער אויסגעטיילט צו יעדן פאָלק לויט דעם ווערט פון זיינע פרידלעכע אויפטוען אויף די פעלדער פון דער העכערער קולטור בכלל און זיין שיינער ליטעראַטור בפרט. אָבער אָט די אויסטיילונג איז איצטער געבונדן אָן געוויסע באַדינגונגען, וועלכע מען מוז תמיד האָבן אין אויג.

אין דער באַשטימונג פון אַ פאָלקס-ווערט און מהות רעכנט מען זיך לחלוטין נישט מיט יענע שאַפונגען, וועלכע אַ פאָלק האָט אַמאָל — אַמאָל אַרויסגעבראַכט אין די גאָר אַלטע צייטן. די מענטשהייט רעכנט זיך נישט מיט דער אַלטער ליטעראַטור, נאָר מיט דער נייער, נישט מיט יענע וועבשטולן, ביי וועלכע דאָס פאָלק איז אַמאָל געזעסן, און נישט מיט די פּראָדוקטן, וואָס עס האָט אַמאָל באַשאַפן, נאָר מיט די וועבשטולן, ביי וועלכע עס זיצט איצטער, און מיט דער קולטור, וואָס עס האַלט איך איין וועבן.

דער בעסטער באַווייז דערצו איז די איצטיקע אָפּשאַצונג

פון אַזעלכע פעלקער, ווי דאָס אינדישע און דאָס גריכישע.

ווער האָט נישט געהערט פון דער רייכער ליטעראַטור, וואָס אַלט־אינדיע האָט אַרויסגעבראַכט אין פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, אין עפּאָס, ליריק און דראַמאַ? אַ פאָלק, וואָס וואָלט איצטער געקאָנט אָנווייזן אויף אַזוי פיל אייגענע אוצרות פון מענטשלעכן געדאַנק, געפיל און פאַנטאַזיע, וואָלט געמעגט געציילט ווערן צווישן די ערשטע אין דער וועלט. אָבער קיינער פאַרבינדט איצטער נישט דעם נאָמען פון די מאָדערנע אינדיער מיט דעם אינדישן פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן די סאַנסקריטישע ליטעראַטור מיט אירע וועדאַס און די „נאַל און דאַמאַיאַנטאַס״.

און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס די אַלט־סאַנסקריטישע שאַפונג איז נישט פאַרשפּרייט צווישן דעם עולם און ווערט שטודירט און באַוווּנדערט נאָר פון די ספּעציעלע פאָרשער. נעמט די אַלט־גריכישע ליטעראַטור. די באַקאַנטשאַפט מיט איר, לפחות דער רום אירער, איז דאָך אוודאי גענוג פאַר־שפּרייט צווישן די געבילדעטע קרייזן. לערנען דאָס קלאַסישע אַלטערטום אין דער לאַטיינישער און גריכישער שפּראַך איז אַמאָל געווען אַ מוז פאַר יעדן מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ ברעקל פּרעטענזיע אויף בילדונג. און נאָך עד היום ווייסט יעדער געבילדעטער אייראָפּעער די נעמען פון אַ פּלאַטאָן און אַן אַריסטאָטעל, פון אַן אויריפּיד און אַ סאָפאָקל. וואָלט דער ווערט פון אַ פאָלק געמאָסטן געוואָרן לויט די ליטעראַטור־אוצרות, וואָס עס האָט אַמאָל באַשאַפן, וואָלטן די גריכן עד היום זיך גערעכנט פאַר דאָס גרעסטע פאָלק אין דער וועלט, ווי זיי זענען דאָס געווען אַמאָל אין דער אַלטער צייט. קיין פאָלק וואָלט זיי נישט געקאָנט אַריבערשטייגן אין חשיבות, ווייל קיין פאָלק האָט נאָך עד־היום נישט אַריבערגעוואַקסן די געניאַליטעט און דעם געדאַנקענרייכטום פון אַלט־גריכנלאַנד.

די אַלט־גריכישע שאַפונג ווערט אָבער נישט אַרויפגע־שריבן אויף דעם חשבון פון ניי־גריכנלאַנד, און די פאָרשטע־לונג וועגן די איצטיקע גריכן איז מער פאַרבונדן מיט דער

אידייע פֿון אַ גוטן רעסטאָראַן און געשמאַקער „כאַלוואַ״, איידער מיט אַ וועלכער עס איז גאונות אויף די פעלדער פֿון דעם קולטורעלן שאַפֿן.

ניי-אינדיע הויבט ערשט איצטער אָן אַריינצוטרעטן אין דעם קרייז פֿון די געבילדעטע פעלקער און פאַרנעמען איר דערווײַלע נאָך זייער אַניוועסדיקן פּלאַץ, אַ דאַנק דער מאָדערנער אינדישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך גענומען שפּינען אין איר, מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר בראש.

ביי דער אָפּשאַצונג פֿון דעם פֿאָלקס-ווערט רעכנט זיך נישט די מאָדערנע דעמאָקראַטישע מענטשהייט מיט דעם אַלט-אַריסטאָקראַטישן יחוס. מען וויל „יחוס עצמו״. מען פאַרשרייבט נישט אויף דעם חשבון פֿון אַ פֿאָלק אַמאָליקע שאַפֿונגס-קוואַלן, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט. מען האָט אין זינען די קוואַלן, וואָס שלאָגן נאָך היינט, ווייל נאָר זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם לעבעדיקן מהות און דעם ווערט פֿון דעם שאַפֿנדיקן פֿאָלק.

אַ צווייטער תּנאַי פאַר דעם פּלאַץ פֿון א פֿאָלק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן עפנטלעכן באַוווסטזיין און פאַר דער חשיבות, וואָס עס האָט אין דער וועלט, באַשטייט אין דעם, אַז זיין ליטעראַטור זאָל געשאַפֿן ווערן אין דער פֿאָלקס-שפּראַך. דאָס איז אַ וויכטיקער תּנאַי און ער מוז גוט קלאָר ווערן פאַר דעם לייענער.

די איצטיקע איטאַליענער זענען דירעקטע יורשים פֿון די אַלטע רוימער. דער איטאַליש-רוימישער גייסט האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט אַרויסצוברענגען פֿון זיך אייגנאַרטיקע פּראָדוקטן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפּל פֿון דעם פֿאָלקס-גייסט, און די פּאָעזיע פֿון אַ דאַנטע, אַ פּעטראַרקאַ און אַ באָקקאַטשיאָ שטאַמט פֿון דעמזעלביקן נאַציאָנאַלן מקור, וואָס די אַלט-רוימישע פּאָעזיע פֿון אַ ווירגיל, אַן אָוויד און אַ יווענאַל.

ווירגיל, אָוויד און יווענאַל געהערן אָבער נישט צו

דער איטאַליענישער ליטעראַטור, וואָס הויבט זיך אָן ערשט מיט די אויבנדערמאָנטע דריי אַנדערע נעמען. און דאָס איז מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס דער שפּראַך-פּאָדים פון דער אַלט-רוימישער שאַפונג האָט זיך איבערגעריסן. די לאַטיינישע ליטעראַטור פון די איטאַליענער האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין אַן אַלוועלטלעכן ים, דעם אַלוועלטלעכן ים פון דער קאַטוילישער מיטלאַלטערלעכער קולטור, אין וועלכן אַלע אַנדערע געבילדעטע פעלקער האָבן געלאָזט אַריינפליסן זייערע שטראָמען. אין אָט דעם קאָסמאָפּאָליטישן ים זענען דערטרונקען געוואָרן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן און פיזיאָנאָמיעס פון אַלע פעלקער און ממילא אויך די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע פון דעם איטאַליענישן פאָלק, וועמעס פלוס עס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער גאָר דער גייסטיקער וועלט. ערשט ווען די רעפאָרמאַציע האָט אונטערגעגראָבן די פונדאַמענטן פון דעם קאַטוילישן קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבן זיך די שאַפנדיקע גייסטער פון די פעלקער אַ וואָרף געטאָן צו יענע קוואַלן, וואָס האָבן געשלאָגן אין די פעלקער גופא, אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון די פעלקער, און עס האָבן ווידער גענומען פליסן אייגענע פאָלקס-שטראָמען אין דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס האָבן ווידער אָפּגעשפּיגלט און געפורעמט די נייע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיעס פון די מאָדערנע פעלקער.

ערשט דעמאָלט האָט אַ דאַנטע געהאַט דעם מוט אָנצוהויבן דיכטן אין דעם „איטאַליענישן זשאַרגאָן“ און אָנהויבן שפּינען אַ נייעם פּאָדים, וואָס האָט באַשאַפן די נאַציאָנאַלע איטאַליענישע ליטעראַטור און דורך דעם גופא דאָס נייע נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין פון דעם איטאַליענישן פאָלק.

עס איז דעריבער קיין הידוש נישט, וואָס די מענטשהייט פאַרשרייבט אויף דעם „קרעדיט“ פון דעם פאָלק נישט נאָר דאָס אַליין, וואָס דאָס פאָלק שאַפט אין אַ נישט-איבערגעריסענעם פּאָדים, נאָר אויך נאָר דאָס פון דעם פאָלקס-שאַפן, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער פאָלקס-שפּראַך, ווייל ערשט אָט די

שפּראַך טיילט עס אַרויס פון דער מענטשהייט, ווי אַ זעלבּ-שטענדיקן קולטור-שאַפנדיקן אָרגאַניזם.

מאַכן מיר דעם סך-הכּל פון דעם, וואָס מיר האָבן גע-רעדט וועגן דעם מהות פון דער ליטעראַטור, איר ראָלע אין דעם לעבן און איר נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווער באַדייטונג, קומען מיר צו ז'עם פאָלגנדיקן רעזולטאַט.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז נישט נאָר אַן אָפּשפּיגלונג, נאָר אויך אַ צוריקשפּיגלונג פון דעם לעבן: אַ חשבון הנפש און אַ חשבון החיים פון אַ גאַנצן פאָלק בכל דור ודור: אַן אָפּשאַצונג פון זיין לעבן אין געפיל און אַ באַשטראַלונג און דורכקלערונג פון זיין לעבנס-וועג און זיינע לעבנס-צילן.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז דער אַלגעמיינער פרייער גייסטיקער צעמענט, וואָס פאַרבינדט אַלע קינדער פון אַ פאָלק אין איין גייסטיקן אָרגאַניזם, און ווערט דער צענטער און דער טרעגער פון אַ נייעם נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין, — אַ נייער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס איז לויט זיין טבע אַ סך אַ פּראָגרעסיווערע קראַפט, איידער די רעליגיע און דאָס פאָטערלאַנד.

די שאַפונגען פון דער שיינער ליטעראַטור טיילן אַרויס דאָס פאָלק פון דער גאַנצער מענטשהייט און גיבן אים אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע. אין דערזעלביקער צייט אָבער שאַפן זיי אָפּ די געפילס-באַריערן, וואָס שטייען צווישן פאָלק און פאָלק, און בינדן זיי צונויף אין איין-אייניציקער אינטערנאַציאָנאַלער אַטמאָספער.

אין אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַטמאָספער ווערט די ליטעראַטור פון אַ פאָלק דער מאָסשטאַב, לויט וועלכן עס ווערט געשאַצט זיין מהות און ווערט און עס ווערט אָפּגעוואויגן זיין חשיבות, ווי אַ מיטגליד פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן אין די גרענעצן פון אונזער טעמע אַביסל ברייטלעך, — הגם דורכאויס נישט אויסשעפנדיק, —

אַרומגערעדט דעם ענין פון ליטעראַטור בכלל, ווייל דאָס וועט אונז פאַרשפאָרן אַ סך אַרבעט, ווען מיר גייען איבער אַריבער ספּעציעל צו דער יידישער ליטעראַטור.

און קודם כל דאַרף איינעם נישט שווער זיין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אָט די נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווע ראָלע און באַדייטונג קאָן צוגעשריבן ווערן נאָר דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, און בשום אופן נישט דער יידישער ליטעראַטור אין אַ וועלכער עס איז אייראָפּעאישער שפּראַך און אויך נישט די יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען אין העברעאיש.

באַטראַכט די פרעמד-שפּראַכיקע פּראָדוקטן פון אונזער ליטעראַרישן שאַפן!

כמעט אין יעדן ציוויליזירטן לאַנד האָבן די יידן באַשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק, כמעט אין יעדן לאַנד האָבן זיי ארויסגעבראַכט אין יענער שפּראַך זייער באַדייטנדיקע טאַלענטן, צווישן זיי אויך אַזאַ ערשטקלאַסיקן זשעני, ווי היינריך היינע.

דערהויפּט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די יידישע ליטעראַרישע שאַפונג אין דער דייטשישער שפּראַך, וואָס פאַרדאַנקט דעם יידישן פאָלק די ווערק פון אַ היינע און בערנע, פון אַן אויערבאַך און אַ לעוואַלד, פון די וואַסערמאַנס, קעלערמאַנס, די באַנגס, די שניצלערס, אַלטענבערגס און נאָך, און נאָך, און נאָך, און אַ סטעפאַן געאָרגע פאַר אַ צוגאָב, וועמען דער טיפער דענקער געאָרג זימעל שטעלט אַוועק אויף דער ליסטע פון זשעניען.

אין די אַנדערע לענדער האָבן מיר, יידן, נישט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל שטערן און נישט אַלע פון אַזאַ גרויס און גלאַנץ. אָבער אַ געאָרג בראַנדעס אין דעניש איז אַ שטערן פון דער ערשטער אָרדנונג, אַ הייערמאַנס און אַ קווערידאָ זענען העלע לייכטנדיקע שטערן אין דער האָלענדישער ליטעראַטור, ווי אַ ביקאָנספילד און אַ זאַנגוויל אין דער ענגלישער.

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער!

אַחוצדעם האָבן מיר כּמעט אומעטום פּרעמד-שפּראַכיקע יידישע שאַפונגען, וואָס באַשרייבן דאָס יידישע לעבן און זענען אויך באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פון יידיש-דייטשישע, יידיש-רוסישע, יידיש-ענגלישע. קורץ: יידיש-„גויישע" שריפט-שטעלער: אַ מאַקס רינג אין דייטשלאַנד, א זאַנגוויל אין ענגלאַנד, אַ גאַנצע שורה פון באָגראָווס, לעווואַנדאָס א. אז. וו. אין רוסלאַנד; אַ מאָנטעגיו גלעס אין אַמעריקע.

אָט די אַלע שאַפונגען פון אונזער פאָלק האָבן קיין ברעקל נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון באַטייט נישט פאַר אונז יידן.

וועגן די „גויישע" יידישע שאַפונגען פון אַ היינע, אַ שניצלער, אַ בראַנדעס, אַ הייערמאַנס, איז דאָך לכתחילה נישטאָ וואָס צו רעדן, נישט זיי נעמען אויף שטראַלן פון דעם יידישן לעבן, נישט זיי שטראַלן אַריין צוריק אין דאָס יידישע לעבן, נישט זיי באַלייכטן אונזער וועג, נישט זיי שניידן אונז אויס אין אַ באַזונדער פאָלקלעכע אַטמאָסער, נישט זיי פאַרבינדן אונז מיט דער מענטשהייט.

און אויך אונזער וואָג און חשיבות אין דעם אַלוועלט-לעכן אָפּשאַץ קאָנען זיי נישט פאַרמערן, ווייל אַלע זייערע שאַפונגען ווערן אַרויפגעשריבן אויף דעם חשבון פון יענעם נישט-יידישן פאָלק, אין וועמעס שפּראַך זיי האָבן געשריבן. די וואָג און די חשיבות פון די נישט-יידישע פעלקער האָבן זיי פאַרמערט גאַנץ באַדייטנדיק, אָבער נישט אונזער וואָג און נישט אונזער חשיבות.

אומזיסט קומען מיר צו די פעלקער מיט אויסצוגן פון מעטריקעס (און אָפטמאָל אויך מיט מוהל-שיינען) אין די הענט און בעטלען ביי זיי אַביסל מענטשלעכע אַכטונג, ווי אַן אָפּ-צאָל פאַר יענע אומגעהייער-אינטעסיווע, לייכטנדיקע און וואַרעמענדיקע ליכט-שטראַלן, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן דורך דעם יידישן שאַפנדיקן זשעני: אומזיסט! דאָס אינטערנאַציאָ-

נאַלע עפנטלעכע באַוווסטזיין אינטערעסירט זיך נישט מיט אונזערע מעטריקעס און מוהל-שיינען (סיידן ווען מען דאַרף פּראָטעסטירן קעגן אַ פּאָגראָם! איז אויך דאָ דאַרפן מיר ברענגען דעם מאַטעריאַל). דאָס אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע באַוווסטזיין רעכנט זיך מ י ט ד ע ר ש פ ר אַ ך פון דער שאַפונג, וואָס טיילט אויס אַ פאָלק אין אַ באַזונדערע גייסטיקע אַטמאָספער.

אָבער אויך די יידיש-גויישע ליטעראַטור פון די באָגראָװס און לעוואַנדאָס אין אַלע שפּראַכן איז פון אַ לגמרי-נישטיקן ווערט פאַר אונז.

זיי שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון דעם יידישן פאָלק, אָבער ווי שפּיגלען זיי עס אָפּ?

דאָרטן, ווו עס וווינען יידן אין גרויסע מאַסן און ווו די מאַסן רעדן יידיש, ד. ה. דאָרטן, ווו עס וועבט זיך אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, איז די שפּראַך פון דעם לעבן די יידישע שפּראַך. די שפּראַך איז דער ש ט אָ ף, דער מאַטעריאַל, אין וועלכן דאָס לעבן געפינט איר פּינקטלעכן אויסדרוק. די שטראַלן פון דעם לעבן, וואָס דרינגען אַריין אין דעם קינסטלערס נשמה, זענען נישט אָפּצוטיילן פון יענע שפּראַך-קלאַנגען, אין וועלכע און דורך וועלכע זיי ווערן געטראָגן. און די צוריקשטראַלונג, וואָס גייט פון דעם קינסטלער צוריק אין לעבן אַריין, מוז אויך געטראָגן ווערן פון דיזעלביקע שפּראַך-קלאַנגען. אַזוי איז דאָס נ אַ ט י ר ל ע ך. דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אומפאַרמיידלעך, און אַזוי קומט דאָס אין דער ווירקלעכקייט אומעטום פאָר. די יידישע קינסטלער אָבער, וואָס מאָלן אין אַ נישט-יידישער שפּראַך דאָס יידישע לעבן, פאַרהויקערן אָט דעם נאַטירלעכן אומפאַרמיידלעכן פּראָצעס.

דער לעבנס-מאַטעריאַל זאַמלט זיך אָן אין זייער געמיט אין יי ד י ש. ער ווערט האַלב-באַאַרבעט אין אַ קינסטלערישער פאָרם אויך אין יי ד י ש. די געשטאַלטן, וואָס וואַקסן אויס אין דעם קינסטלערס געמיט, די סיטואַציעס, אין וועלכע ער

שטעלט זיי אַוועק, די רייד, וואָס ער לאָזט זיי רעדן, די געדאַנקען, וואָס ער לאָזט זיי טראַכטן, — דאָס אַלץ קומט פאָר און מוז, אינעווייניק, אין דעם קינסטלערס נשמה, פאָר-קומען אין דער יידישער שפּראַך. וואָלט ער געשריבן זיין ווערק אַזוי, ווי דאָס ווערק ווערט נאָרמאַל אויסגעטראָגן אין זיין געמיט, וואָלט זיך דעמאָלט זיין שאַפן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַליין אַרויסגעגאָסן אין דער יידישער שפּראַך.

און אויב ער וואָלט דערנאָך באַשלאָסן נישט צו פאַרעפנטלעכן זיין ווערק אין יידיש, נאָר צו איבערזעצן עס אין דעם נישט-יידישן לשון, וואָלט ער דעמאָלט געמוזט צווינגען די פרעמדע שפּראַך, זי זאָל טריי איבערגעבן דעם אינעווייניקסטן זין און די נשמה פון דעם אָריגינאַל, ווי דאָס טוט יעדער איבערזעצער: מחמת גוט איבערזעצן פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער איז זייער אַ האַרבער און שווערער ענין, און אין דער אַרבעט גופא שטעקט אַ גרויסע קונסט.

אין די פרעמד-שפּראַכיקע יידישע שאַפונגען וואָלטן מיר דעמאָלט געהאַט פאַר זיך מער אָדער ווייניקער גוטע איבער-זעצונגען פון מער אָדער ווייניקער גוטע יידישע אָריגינאַלן. אַן איבערזעצונג איז אַלעמאָל אַ פאַרבלאַסטע קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל, ריכטיקער געזאָגט: אַביסל אַ מאָדיפיצירטער, ד. ה. ביז צו אַ געוויסן גראַד שוין אַ געפעלשטער אָריגינאַל. אָבער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן האָבן מיר קיין אַנדער ברירה נישט. מיר מוזן אָנקומען צו איבערזעצונגען, ד. ה. צו קאָפּיעס, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער נאָענט צו דעם אָריגינאַל, און ממילא מער אָדער ווייניקער ווייטלעך פון אים.

די יידישע שאַפונגען אין אַ נישט-יידישער שפּראַך זענען אָבער אַפילו נישט קיין איבערזעצונגען. דער קינסטלער וואַרט נישט ביז זיין שאַפונגס-פּראָצעס וועט אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיך אויסגיסן אין דער שפּראַך פון יענע לעבנס-שטראַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זיין געמיט, ער הויבט

לכתחילה אָן צו קאָנטראָלירן זיין שאַפונגס-פּראָצעס. ער לאָזט לכתחילה די לעבנס-שטראַלן, זיי זאָלן דורכגיין און זיך דורכברעכן דורך אַ פרעמדן שפּראַך-מעדיום. נישט די פרעמדע שפּראַך צווינגט ער, זי זאָל זיך צופּאַסן צו דעם יידישן לעבנס-אינהאַלט, נאָר דעם יידישן לעבנס-אינהאלט פאַרהויקערט ער לכתחילה אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זיך צופּאַסן צו דער פרעמדער שפּראַך-פאָרם און לייכט אַרויספליסן אין דעם שטראָם פון דעם פרעמדן שפּראַכן-קלאַנג.

לסוף באַקומט זיך נישט נאָר נישט קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן, מיט די טויזנטער האַלב-און-פערטלטענער, פון וועלכע יעדעס לעבן באשטייט, נאָר אַפילו נישט קיין טרייע איבערזעצונגען פון דעם לעבן. עס באַקומט זיך דאָס רוב אַ געקינסטלטע וואַריאַציע אויף יידישע מאָטיוון, — ווי יענע וואַריאַצעס אויף דעם „כל נדרי״-מאָטיוו, וואָס נישט-יידישע מוזיקער באַשאַפן. וואָס ווייטער זיי זענען פון דעם גרונט-מאָטיוו, אַלץ מער פאַרלירט זיך אין זיי דאָס ספּעציפישע כל-נדרי-געפיל.

אין דעם בעסטן פאַל, ביי דעם ערלעכסטן, לעבנס-טרייסטן טאַלענט קומען אַרויס שוואַכע פאַרבלאַסטע בילדער, וואָס כאַפּן אויף נאָר די בולטסטע, די שרייענדיקסטע ד. ה. א ו י ב ע ר פ ל ע כ ל ע כ ס ט ע שטריכן פון דעם יידישן לעבן אין דער יידישער נשמה. עס איז מער עטנאָגראַפישער מאַטעריאַל, איידער אמתע קינסטלערישע פאַרטיפונג און באַאַרבעטונג פון דעם יידישן תוך.

יאָ: ע ט נ אָ ג ר אַ פ י ע, פאָלקס-באַשרייבונג, — דאָס איז, וואָס די ע ר ל ע כ ס ט ע און ג ר ע ס ט ע פון יענע קינסטלער האָבן אונז געגעבן און אונז געקאָנט געבן. איר פילט אַקוראַט ווי איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ רייזנדן, וואָס קומט פון ד ר ו י ס ן מיט דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַטל אויף די אַקסלען און דעם אַנטראָפּאָלאָגישן מעסט-אינסטרומענט אין רייזע-זעקל. ער קאָן אונז געבן נאָר זייטן - געמעלן און

מנהגים, — אַלץ וואָס אַ פרעמד געניט אויג קאָן אויפנעמען פון דרויסן. עס איז נישט קיין פלאַנץ, וואָס וואַקסט אַרויס פון אינעווייניק, נישט קיין נאַטירלעכע אָפּשאַצונג פון דעם יידישן לעבן אין דעם געפיל פון אַ יידישער נשמה.

ביי אַזאַ לכתחילה-פאַרהויקערטער אָדער פאַרפלאַכטער אָפּשפּיגלונג קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אַן ערנסטן חשבון הנפש און אַ חשבון החיים, וואָס יעדעס גרויס קינסטלעריש ווערק דאַרף זיין.

און נאָך ווייניקער קאָן דאָ זיין די רייד וועגן דער צו־ריקשטראַלונג פון דעם קינסטלערס חשבון הנפש אין דאָס לעבן פון דעם פאָלק, וועגן דער אפשר אומבאַוווסטער און אומגעוואָלטער באַלייכטונג פון זיין וועג און זיינע לעבנס־צילן, וואָס מוז אויך אַרויסשטראָמען פון יעדן אמת-אָריגינעלן קינסטלערישן ווערק. דאָס קאָן נישט זיין מחמת דעם גאָר פשוטן טעם, וואָס רעדן צו אַ פאָלק אין אַ פרעמדער שפּראַך הייסט רעדן אויף שטום-לשון צו טויבע ווענט...

אַ נאציאָנאַל-פּראָגרעסיווע באַדייטונג קאָן אַזאַ ליטעראַטור בשום אופן נישט האָבן. די פרעמדע שפּראַך קאָן נישט ווערן יענער פרייער גייסטיקער צעמענט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע קינדער פונם פאָלק אין איין נאַציאָנאַלע איינהייט און אין דער־זעלביקער צייט אויסשיידן זיי פון דער איבעריקער מענטשהייט, ווי אַ זעלבשטענדיקן אָרגאַניזם. די פּראָדוקטן פון דעם יידיש־„גויישן" שאַפן ווערן אויך אַרויפגעשטעלט אויף דעם חשבון פון דער נישט-יידישער ליטעראַטור, פונקט ווי די פּראָדוקטן פון דעם „גוייש"-יידישן שאַפן.

נאָר איין-איינציקע פונקציע וואָלט די ליטעראַטור פון די לעוואַנדאָס און די זאַנגווילס געקאָנט נעמען אויף זיך. אַראָפּטראָגן יענע געפילס-באַריערן און פאָראורטיילן, וואָס גע־פינען זיך אין נישט-יידישע הערצער בנוגע צו דעם זיי לגמרי פרעמדן יידישן פאָלק. אויף דער אויפגאַבע אַרבעט זי טאַקע

דאָס רוב מיט דער גרעסטער התמדה, אָבער לײדער מיט זײער און זײער אַ צרהדיקער הצלחה.

די צרה דערבײ איז, וואָס די פעלקער האָבן נישט קײן צוטרוי — און קאָנען נישט האָבן קײן צוטרוי — צו אַזאַ מין ליטעראַטור. זײ װײסן, אַז דאָס איז נישט קײן נאַטירלעכער געוויקס, אַרױסגעוואַקסן פון אַ ײדישער סביבה, װי אַ טײל פון דער ײדישער קולטור, װאָס וואַקסט פאַר דעם ײדישן פאָלק, כּדי צו באַפרידיקן זײנע ײדישע פאָלקס-נויטן. זײ װײסן, אַז דאָס איז אַ קינסטלעך געבוי, אויפגעשטעלט פון ײדן פאַר נישט-ײדן, כּדי צו זײן אַ מליץ-יושר פאַר דעם ײדישן פאָלק.

בײ איר גאַנצער פרײקײט פון טענדענץ מוז אַזאַ ליטעראַטור זײן טענדענציעז; און דאָס רוב ליגט די באַוווסטזיניקע טענדענץ קלאָר אויף איר פּנים, אָדער איז אַזוי שלעכט פאַרמאַסקירט, אַז — װי דער דײטש זאָגט: „מאַן מערקט די אַבזיכט אונד ווירד פערשטימט". די „פּאָטאַש-און-פּערלמוטער"-ליטעראַטור, צ. ב., וואָס מאַכט זיך אַזוי לוסטיק כּלומרשט אויף דעם חשבון פון דעם ײדישן לעבן און די ײדישע טיפּן, איז אין תּוך אַרײן אומפאַרשעמט טענדענציעז און אַפּאָלאָגעטיש. הינטער דער מאַסקע פון דעם פרײלעכן הומאָר שטעקט דער הינטער-געדאַנק: „זעט וואָס פאַראַ ווילע מענטשלעכע נאַטורן עס זענען סוף-כּל-סוף אָט די אַביסל לעכערלעכע ײדן! און זעט, װי שנעל און גרינטלעך עס פאַרשווינדט פון זײ דאָס נאַציאָנאַל-ײדישע. עס בלײבט נאָר הענגען אַרום זײ אַביסל וואָדעװיל-ײדישעס. איז — וואָס זאָל דאָס אײך אַרן"?

„מאַן מערקט די אַבזיכט אונד ווירד פערשטימט"...

אַ גאַנץ אַנדער ראָלע וואָלט אין דעם פּרט געקאָנט שפּילן די ײדישע ליטעראַטור אין דער העברעאישער שפּראַך.

## III

מיר האָבן אין דעם פאָריקן קאַפּיטל געזען, אַז די יידישע ליטעראַטורן אין די נישט-יידישע שפּראַכן קאָנען פאַר אונז נישט האָבן קיין איין ברעקל נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון ווערט און באַדייטונג.

נישט זיי קאָנען אָפּשפּיגלען ריכטיק דאָס יידישע לעבן און אַרויסברענגען זיין אָפּשאַצונג אין געפיל; נישט זיי קאָנען צוריקוואַרפן זייערע ליכט-שטראַלן אויף דעם יידישן לעבנס-וועג און באַלייכטן אונזערע שטרעבונגען און צילן; נישט זיי קאָנען אונז אויסטיילן פון די אַרומיקע פעלקער אין אַ שפּראַכלעך-איינהייטלעכן קולטור-אָרגאַניזם, וואָס פאַרנעמט זיין אייגענעם וועב-שטול אין דעם וועב-פּראָצעס פון דער אַלמענטשלעכער קולטור; נישט זיי קאָנען דעריבער ווערן אַ צענטער פון אַ נייעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַל-געפיל; נישט זיי קאָנען אָפּשאַפן די געפילס-באַריערן, וואָס שטייען צווישן דעם יידישן פאָלק און די איבעריקע פעלקער און ממילא קאָנען זיי אויך נישט, מחמת אָט די אַלע אויסגערעכנטע טעמים, ווערן דער מאַסשטאַב, מיט וועלכן דאָס עפנטלעכע באַוווסטזיין פון דער מענטשהייט זאָל קאָנען אָפּשאַצן אונזער מהות און ווערט.

מיר גייען איצט איבער צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער העברעאישער שפּראַך. אויך דאָ מוזן מיר דורכנעמען סיסטעמאַטיש פּונקט פאַר פּונקט איר נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון ווערט און באַדייטונג.

אָבער קודם מוז דערמאָנט און באַטאָנט ווערן דער פאַקט, אַז עס קאָן זיך דערביי האַנדלען נאָר וועגן דער מ אָ ד ע ר נ ע ר העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּינען מיט דעם אָנהויב פון דער השכלה-באַוועגונג אין גאַליציע און רוסלאַנד.

פּונקט ווי זיי מאָדערנע מענטשהייט שרייבט איצטער נישט

אַרויף אויף דעם חשבון פון דעם אינדישן, גריכישן און איטאַליעניש פאָלק אַלע יענע שאַפונגען, וואָס אַלט-אינדיע, אַלט-גריכנלאַנד און די אַלטע רוימישע וועלט האָבן אַרויסגעבראַכט, אַזוי קאָנען אויך מיר, יידן, נישט פאָדערן קיין באַזונדערע אַכטונג צו אונז און נישט דערוואַרטן קיין אָפּשאַצונג פון אונזער לעבן און מהות אויף דעם סמך פון יענע געוואַלטיקע גייסטיקע פּראָדוקטן, מיט וועלכע דער אַלטער יידישער זשעני האָט באַשאָנקען די ציוויליזירטע מענטשהייט.

דער יחוס און היסטאָרישער גלאַנץ, וואָס פאַלט אויף אונזער פאָלק. אַ דאַנק אָט יענע פּראָדוקטן, — דער עיקר, אַ דאַנק דעם תנ"ך, — האָט נישט, ווי גרויס דער גלאַנץ זאָל נישט זיין, קיין נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווע באַדייטונג.

אַלט-יודעאַ און אַלט-„איזראַעל" ווערן אין דעם באַוווּסטזיין פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט אַוועקגעשטעלט אויף דעמזעלביקן, העכסט-חשובן פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן עס שטייען אין איר פאַנטעזאָן אַלט-אינדיע, אַלט-גריכנלאַנד, אַלט-רוים: אין דעם פּאַנטעאָן פון געשטאָרבענע פעלקער, פאַרקלונגענע שפּראַכן, אויסגעלאָשענע קולטורן.

ס'איז אמת, אַז נישט קוקנדיק דערויף, פאַלן אויך נאָך איצטער אויף אונזער פאָלק געוויסע יחוס-שטראַלן, וואָס שטאַמען פון אונזער גלענצנדיקן אַמאָל. ס'איז אמת, אַז דאָס איצטיקע גריכישע פאָלק ווערט נישט פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט האָמערס איליאַדע און אָדיסייע, בעת די איצטיקע יידן ווערן פאַקטיש פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די ביבל.

אָבער אָט דעם פּסיכאָלאָגישן שטריך טרעפט מען געווינלעך אָן נאָר אין פרום-קריסטלעכע קרייזן, ווייל פאַר זיי איז די ביבל און דאָס יידישע פאָלק — די וויגעלע, אין וועלכער עס איז געלעגן און עס איז אויסגעוואַקסן דאָס

קריסטנטום. און קייט מען אַביסל בעסער פאַנאַנדער אָט די פּסיכאָלאָגישע ווערט-שאַצונג פון דעם „ביבל-פאָלק", דערשפּירט מען באַלד אין איר אַ גאַנץ קלאָרן אַנטיסעמיטישן ווידער-טעם. דאָס איז די אונטערשטרייכונג אין געפיל פון יענער געפאַלנקייט, אין וועלכער עס געפינט זיך איצטער אונזער פאָלק, אַ געפאַלנקייט, וואָס איז, לויט דער קריסטלעכער מיינונג, אַ פאַרדינטע שטראָף דערפאַר, וואָס מיר זענען געוואָרן אומטריי צו גאָטס וואָרט דורך די נביאים, אומטריי צו דער הייליקער בשורה וועגן דעם „אמתן" משיח, פון וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דעריבער איז וואָס העכער זיי שעצן די „ביבל", אַלץ שטאַרקער איז ביי זיי די פאַראַכטונג צו יענעם איצטער לעבעדיקן פאָלק, וועמעס אור-עלטערן עס האָבן זי אַמאָל — אַמאָל אַרויסגעבראַכט.

און אָפטמאָל ליגט אויף דעם גרונט פון יענעם געדאַנק וועגן דעם „ביבל-פאָלק" אַ געוויסע פאַרווּנדערונג אויף די משונהדיקע דרכים פון דעם רבונו-של-עולם, וואָס עס איז „עלה על דעתו" געוועזן צו מאַכן פון „אַ זאַ פאָלק" אַ געפעס פאַר זיין הייליקן גייסט...

יאָ, נאָר אין דער פרום-קריסטלעכער וועלט פאַלן נאָך אויף אונז יחוס-שטראַלן, וואָס שטאַמען פון אונזער אַלט-יידישער שאַפונג, — יחוס-שטראַלן, לײדער, פון אַ גאַנץ צווייפלהאַפטן כאַראַקטער און ווערט; די פּראָגרעסיווע מענטשהייט, די וועלטלעך-געשטימטע, האָט קיין ברעקל גרונט נישט צו רעכענען זיך מיט אַזעלכע רעליגיעזע חשבונות, און דעריבער ווערט ביי איר אונזער איצטיק פאָלק אַקוראַט אַזוי ווייניק קרעדיטירט מיט דער ביבל, ווי די איצטיקע גריכן מיט האָמער און ווי די איטאַליענער מיט ווירגיל. ביבל, האָמער און ווירגיל זענען פאַר איר קולטור-פּראָדוקטן פון דער אַלטער וועלט און פון יענע פעלקער, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין איר, וואָס זענען שוין אָבער פאַרשוווּנדן געוואָרן, נישט

קוקנדיק דערויף, וואָס זייערע יורשים טראָגן נאָך אויף זיך — ווי די גריכן און די יידן — דעם אַלטן נ אָ מ ע ן.

אָבער אויך די וו ע ל ט ל ע כ ע ליטעראַטור אין העברעאיש פון אונזער גאַנצער גלות-צייט, מיט די טיפע פּאָעטישע און פילאָזאָפישע שאַפונגען אין דעם שפּאַניש-אראַבישן פּעריאָד, ווערן אויף א ו נ ז ע ר חשבון נישט פאַרשריבן און קאָנען אויף אונזער חשבון נישט פאַרשריבן ווערן, מחמת דעמזעלביקן טעם, וועלכן מיר האָבן אַרומגערעדט אין דעם פאָריקן קאַפּיטל: „מען פאַרשרייבט נישט אויף דעם חשבון פון אַ פאָלק אַמאָליקע שאַפונגס-קוואַלן, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט, מען האָט אין זינען נאָר די קוואַלן, וואָס שלאָגן נאָך היינט, ווייל נאָר זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם לעבעדיקן מהות און דעם ווערט פון דעם שאַפנדיקן פאָלק".

די אָפּשאַצונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור מיט דעם מאַסשטאַב פון איר נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווער באַדייטונג מוז זיך דעריבער באַגרענעצן אויף די מ אָ ד ע ר נ ע שאַפונגען אין איר, אויף יענעם פּאָדים פון ריין-וועלטלעכע שאַפונגען, וואָס האָט זיך גענומען שפּינען אין דער השכלה-צייט.

טראַכט מען זיך אַריין אין אָט דעם ענין, מוז מען אויפן שטעל צוגעבן, אַז מיר קאָנען נישט אַוועקשטעלן די העברעאישע ליטעראַטור אין איין ליניע מיט די יידישע ליטעראַטורן אין פרעמדע, נישט-יידישע שפּראַכן. ווייניקסטנס נישט אין אַלע פּרטים. אין איין פּרט מוזן מיר גלייך פון אָנהויב אָן קאָנסטאַטירן דעם געוואַלטיקן חלוק צווישן זיי: די העברעאישע ליטעראַטור ווערט נ י ש ט געשאַפן אין אַ פרעמדער, נישט-יידישער שפּראַך.

איך ווייס, אַז אָט די באַהויפּטונג קאָן אַויסרופן אַ היפּש ביסל קריטיק ביי אַ סך פון מיינע חברים-יידישיסטן. עס איז אויך אין מיין יונגן יידישיזם געווען אַ צייט, ווען איך האָב באַטראַכט העברעאיש — סיי אין געדאַנק, סיי אין געפיל — פאַר אַן אַבסאָלוט פרעמדע, נישט-יידישע שפּראַך, פּונקט

אַזאַ פרעמדע און נישט - יידישע, ווי אַראַביש, טאָטעריש, יאַפּאַניש.

מצד דעם געפיל האָט זיך ביי מיר זייער ווייניק וואָס געביטן אין דעם פּרט. ווי דאָס רוב יידישיסטן, וואָס באַטיי- ליקן זיך נישט און לעבן נישט אין דעם קרייז פון דער העברעאישער שאַפונג, איז מיר עד היום פּסיכאָלאָגיש שווער צו פאַרבינדן די פאָרשטעלונג פון אַ ביאַליק אָדער אַ טשערני- כאָווסקי מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ יידישער שאַפונג און אַ יידישער ליטעראַטור. ווער רעדט שוין וועגן די אַנדערע — איך וויל האָפן: נישט ווייניקער טאַלענטפולע שריפטשטעלער — וואָס דאָס רוב זענען מיר פרעמד אַפילו זייערע נעמען.

איך וויל דאָ אָנמערקן אַ פּסיכאָלאָגישן קוריאָז, וואָס קאָן אפשר האָבן אַ טיפערע באַדייטונג, וועלכער איז נאָך אָבער דערווייליע פאַרבאָרגן פאַר מיר. אָט דאָס געפיל פון אַבסאָלוטער נאַציאָנאַלער פרעמדקייט, וואָס הערשט ביי מיר בנוגע דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור און אירע באַשאַפער, באַציט זיך נישט אויף אַזעלכע נעמען, צ. ב. ווי מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן און ליליענבלום. די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור פון מ. א. גינזבורג, און ביז אַראָפּ צו אחד העמן ווערט פון מיין געפיל געשעצט, ווי אַ יין ליטעראַטור, הגם איך בין געוויס נישט באַקאַנט מיט די ווערק פון אַלע אירע שריפטשטעלער און עס וואָלט זייער פאַלש געוועזן צו זאָגן, אַז איך האָב ווען-עס-איז געלעבט אין דעם קרייז פון אירע שאַפונגען. אחד-העם איז נאָך „מיינער". ווען איך נעם זיינעם אַ באַנד אין די הענט, איז נאָך דאָ דאָס געפיל, אַז דאָס נעם איך אין די הענט אַ באַנד פון „מיינעם" אַ שריפטשטעלער, וואָס באַלאַנגט צו מיין פאָלק און צו זיין ליטעראַטור.

אָבער שוין מיט זיין נאָנטסטן תלמיד, דר. קלויזנער, הויבט זיך ביי מיר אָן דאָס געפיל פון פאַרפרעמדונג. און נעם איך ווען אין די הענט אַ נומער „השלוח", אָדער דעם היגן „מקלט", האָב איך — מיט דער גאַנצער אַכטונג, וואָס איך

האָב צו זייער גייסטיקן אינהאַלט — דאָס זעלביקע געפיל, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ נומער „רעווי דע דע מאָנד" אָדער „נאָרד-אַמעריקאַן רעוויו", — אַן אַבסאָלוט פרעמדע ליטעראַרישע דערשיינונג, וואָס נאַציאָנאַל האָט זי נישט קיין ברעקל שייכות נישט צו מיר, נישט צו מיין פאָלק, נישט צו מיין שפּראַך און נישט צו מיין ליטעראַטור. אַזאַ געפיל איז אָבער פאַר מיר עד היום אוממעגלעך בנוגע צו די אַלטע „השחרס" אָדער די „בוקר-אורס".

ווי געזאָגט, איז מיר די אמתע אורזאַך פון דער קוריאָזער נאַציאָנאַל-פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר. אויב אָט די דערשיינונג איז אַ ריין-אינדיווידועלע, קאָן זי אפשר באַטראַכט ווערן, ווי אַ שפּיל-פון צופאַל, וואָס האָט נישט קיין טיפערע באַדייטונג. אויב אָבער אויך אַסך אַנדערע יידישיסטן לעבן איבער דעמזעלביקן געפילס-צושטאַנד, וואָס איך, קאָן דעמאָלט גריילעך זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אָפּשפּיגלונג אין געפיל פון אַ טיפערן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס איז אפשר שוין אַריינגעטראָטן אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק: איך מיין דאָ דעם אָנהויב פון זיין צעשפּאַלטונג אין צוויי פעלקער, אַ יידישן און אַ העברעאישן, לויט די צוויי נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוווסטזיינס, וואָס קריסטאַליזירן זיך אויס אַרום די צוויי נייע צענטרען פון דעם נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין אין דער יידישער און דער העברעאישער שפּראַך.

אויסדריקלעך וויל איך נאָך דאָ באַמערקן, אַז נישט מען קאָן זיין זיכער, אַז אַזאַ צעשפּאַלטונגס-פּראָצעס איז שוין אַריינגעטראָטן אין לעבן, נישט מען מוז אָננעמען, אַז אויב ער האָט זיך שוין באַוויזן, מוז ער פירן צו דער צעשפּאַלטונג, און על-כל-פּנים קאָן מען דאָס נישט באַטראַכטן, ווי אַ געוווּנשענע דערפרייענדיקע דערשיינונג.

איך האָב מיך אָבער אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם עפּיזאָד, ווייל ער איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר

די, וואָס באַטראַכטן העברעאיש פאַר אַן אַבסאָלוט-פרעמדע, נישט-יידישע שפּראַך.

יאָ, מצד דעם געפיל, איז דאָס פאַר אַ סך פון אונז אַ פשוטער רעאַלער פאַקט: העברעאיש איז פאַר אונז — און פאַר דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון יידישן פאָלק — אַ פרעמדע שפּראַך, וועלכע אונזערע יידישע מאַסן פאַרשטייען נישט און רעדן נישט, און וועלכע אייניקע פון אונז לערנען זיך אויס צו פאַרשטיין און אַפילו שריפט-שטעלעריש צו באַהערשן, ווי מען לערנט אויס דייטש, פראַנ-צויזיש אָדער רוסיש.

אָבער דאָס איז נאָר מצד דעם געפיל. מצד דעם טעאָ-רעטישן געדאַנק און דער לאָגיק האָבן אַפילו די עקסטרעמסטע יידישיסטן נאָך קיין רעכט נישט — וויניקסטנס אונטער די איצטיקע אומשטענדן-צו באַטראַכטן העברעאיש פאַר אַ פרעמדע, נישט-יידישע שפּראַך.

וואָס איז „מיין" שפּראַך, די שפּראַך פון „מיין" פאָלק? — דאָס איז נישט דוקא די שפּראַך, אין וועלכער מיין פאָלק רעדט און שאַפט. יידן האָבן גערעדט אַראַביש און געשאַפן אַ סך גרויסע יידישע ווערק אין אַראַביש, און פונדעסטוועגן האָבן זיי קיינמאָל נישט באַטראַכט אַראַביש פאַר זייער שפּראַך.

„מיין" שפּראַך אָדער די שפּראַך פון „מיין" פאָלק איז יענע שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק געברויכט מיט דעם פולן באַוווסטזיין, אַז נאָר עס באַזיצט זי, אַז עס איז דאָס איינ-ציקע פאָלק, וואָס געברויכט זי, ווי דאָס איז צ. ב., דער פאַל מיט יידיש.

„די שפּראַך פון מיין פאָלק" איז דעריבער נישט קיין פראַגע פון היסטאָרישע מעטריקעס, וואָס דערציילן ביי וועמען די שפּראַך איז געבאָרן געוואָרן. לויט די היסטאָרישע מעטרי-קעס וואָלט אפשר אויסגעקומען, אַז העברעאיש, די שפּראַך פון די עברים, איז לכתחילה גאָר געווען די „שפת כנען", די שפּראַך פון דעם לאַנד כנען, און די עברים האָבן זי איבער-

גענומען אויף דעמזעלביקן אופן, ווי זיי האָבן איבערגענומען האָלענדיש אין האָלאַנד און פראַנצויזיש אין פראַנקרייך.

אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו געברויכן זי מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז נאָר זיי, די עברים, באַזיצן זי, ווי אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך. איז די שפת כּנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „עברית״, פּונקט אַזוי ווי דייטש איז ביי אונז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „עברי-טייטש״ און דערנאָך אין יידיש.

אין דעם ענין פון שפּראַך, ווי אין דאָס רוב אַנדערע נאַציאָנאַלע פּרטים, שפּילן די אויסערלעכע סימנים און די מעטריקעס פון דער אָפּשטאַמונג אַ סך אַ קלענערע ראָלע איידער דאָס אינעווייניקסטע נאַציאָנאַלע באַוווּסטזיין פון די גרויסע פאָלקס-מאַסן.

און פרעגט מען אָט ביי דעם באַוווּסטזיין, ווי עס שטעלט זיך צו העברעאיש, מוזן מיר מודה זיין, אַז אונזער פאָלק האָט קיינמאָל נישט באַטראַכט העברעאיש, ווי אַ פ ר ע מ ד ע, נישט-יידישע שפּראַך, ד. ה. ווי אַ שפּראַך, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדער פאָלק אַ נישט-יידישן, און ווערט געברויכט פון אַן אַנדער פאָלק, אַ נישט-יידישן.

ווי פרעמד העברעאיש זאָל נישט זיין דעם פאַרשטענדעניש פון דעם פאָלק, איז דאָס נאָר אַ ל י נ ג ו י ס ט י ש ע פרעמדקייט, אָבער נישט קיין פאָלקס-פּסיכאָלאָגישע. דאָס פאָלק ווייס, אַז נאָר יידן געברויכן העברעאיש, ווי אַן אייגענעם לשון, און נישט קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

ממילא מוז אויך די העברעאישע ליטעראַטור באַטראַכט ווערן און ווערט באַטראַכט פון דעם פאָלק ווי אַן אייגענע, ווי אַ יידישע.

דאָס באַשאַפט ביי דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור די מעגלעכקייט, זי זאָל ווערן די נאַציאָנאַל-יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, זי זאָל ווערן דער פרייער נאַציאָנאַלער צעמענט, וואָס בינדט אַלע יידן צונויף אין איין שפּראַכלעכן קולטור-אָרגאַניזם, טיילט זיי אויס פון דער איבעריקער

מענטשהייט און קאָן זיך ווידער אויסבינדן מיט איר אין דעם פּראָצעס פון דעם אַלמענטשלעכן שאַפן.

אָט דעם פאַקט מוז מען צוגעבן, אַפילו ווען מען איז דער שאַרפסטער קעגנער פון העברעאיש און העברעאיזם.

צום באַדויערן אָדער צום גליק איז דאָס אָבער נישט מער ווי אַן אַבסטראַקטע, ריין-טעאָרעטישע מעגלעכקייט, וואָס קאָן אפשר ווען-עס-איז מקוים ווערן אין דער ווייטער צוקונפט.

אין דער אָפּשאַצונג פון דעם נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון ווערט פון אַ וועלכער-עס-איז ליטעראַטור טאָרן מיר זיך אָבער נישט רעכענען מיט ריין-טעאָרעטישע מעגלעכקייטן פאַר דער ווייטער צוקונפט, ווי מיר רעכענען זיך נישט מיט דער פאַקטישער ווירקלעכקייט פון דעם לאַנג-פאַרשווונדענעם עבר. דער איינציקער מאַטעריאַל, אויף וועלכן מיר קאָנען אָנשטעלן אונזערע באַטראַכטונגען, איז דער פאַקטישער היינט און די וואַרשיינלעכע צוקונפט, וואָס וואַקסט ממילא אַרויס פון דעם פאַקטישן היינט.

אין דער איצטיקער ווירקלעכקייט קאָן אָבער די העברעאישע ליטעראַטור נישט פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פון אַ נייעם צענטער פאַר אַ פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. די ליבע — אָדער ריכטיקער — די אַכטונג, דער *דרך ארץ* פאַר העברעאיש, וואָס הערשט ביי אַ גרויסן טייל פון אונזער פאָלק, איז נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער ליבע צו יענע *וועלטלעכע* קולטור-פּראָדוקטן, וואָס ווערן באַשאַפן אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. די פאָלקס-ליבע צו העברעאיש, אָדער ריכטיקער דער טיפער דרך ארץ פאַר „*לשון קודש*", שטאַמט נאָך פון דעם *אַלטן רעאַקציאָנער*-נאַציאָנאַלן באַוווסטזיינס-צענטער, פון דער רעליגיע.

די ריין-מאָדערנע, פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלע ליבע צו העברעאיש און דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע מיר באַמערקן ביי אַ גרויסן טייל פון די יינגערע געבילדעטע

דורות, טראָגט נאָך נישט, — ווי נאַציאָנאַליסטיש און אַפילו שאָוויניסטיש זי זאָל נישט זיין, — קיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כאַ־ראַקטער.

זי קאָן נאָך נישט ווערן יענע גייסטיקע מאַכט, וואָס זאָל פאַראייניגן די מאַיאָריטעט פון די יידישע מאַסן אין איין שפּראַכלעך־קולטורעלן אָרגאַניזם, מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס די גרויסע מאַסן פאַרשטייען נישט קיין העברעאיש, וואָס צווישן דער קליינער אינטעליגענציע, וועלכע שאַפט אין העברעאיש און גענימט די העברעאישע ליטעראַטור, און די גרויסע פאָלקס־מאַסן הערשט אַ טיפער און ברייטער תהום.

דאָ איז בשום אופן נישט די פראַגע וועגן דער פאָלקס־ב י ל ד ו נ ג און דעם עם־הארצישן צושטאַנד פון די מאַסן, וואָס לאָזט זיי נישט פאַרשטיין די שאַפונגען פון דער אינ־טעליגענציע. מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט מיט אַ בילדונגס־פראַגע, נאָר מיט אַ שפּראַכן־פראַגע.

אויך ביי דעם ציוויליזירטסטן פאָלק הערשט נאָך אַ קולטורעלער תהום צווישן דער „געבילדעטסטער געזעלשאַפט" און די עם־הארצישע מאַסן. עד היום קאָן אַ גרויסער פּראָצענט פון דעם דייטשישן פאָלק נישט פאַרשטיין זיינע שילערס און געטעס און נאָך אַ גרעסערער טייל פון דעם רוסישן פאָלק קאָן נישט פאַרשטיין זיינע טורגעניעווס, טאָלסטאָיס און טשע־כאָווס.

אָבער אַ גרויסער טייל פון שילערן און געטען קאָן דער אַנאַלפאַבעטישער דייטש פאַרשטיין, ווען דאָס ווערט אים פ אָ ר ג ע ל י י ע נ ט אָדער פאָרגעשפּילט אויף דער בינע. און נאָך אַ גרעסערער טייל פון זיי קאָן דעם אומווסנדיקן דייטש פאַרשטענדלעך געמאַכט ווערן דורך פּאַסיקע פּ אָ פּ ו ל אַ ר י־ז אַ צ י ע ס. דאָס אייגענע איז אויך אמת בנוגע דעם רוסישן פאָלק מיט זיינע פּושקינס און לערמאָנטאָווס. און אומעטום ביי אַלע פעלקער דאַרף מען צוליב די פּ אַ ס י ק ע פּ אָ־פּ ו ל אַ ר י ז אַ צ י ע ס נ י ש ט אַ ר ו י ס ג י י ן פ ו ן ד י

גרענעצן פון דער ליטעראַרישער שפּראַך. די העבּרעאישע שאַפונגען זענען אָבער פרעמד, ליִנגוויסטיש פרעמד די יידישע מאַסן. אַפילו ווען זיי — די שאַפונגען — זאָלן פאָרגעלייענט אָדער פאָרגעשפּילט ווערן אויף דער בינע; אַפילו ווען זיי, די שאַפונגען, זאָלן לכתחילה זיין אַזוי פּאָפּולער, אַז אַ קינד וואָלט זיי געקאָנט פאַרשטיין. און וויל מען באמת פּאָפּולאַריזירן עפּעס פאַר די מאַסן פון אַ העבּרעאישן שריפטשטעלער, מוז מען דאָס טאָן אין יידיש, ד. ה., מען מוז אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון דער העבּרעאישער שפּראַך-אַטמאָספער.

אָט דער טיפער ברייטער שפּראַכן-תהום צווישן דער העבּרעאישער מינאָריטעט און דער יידישער מאַיאָריטעט מאַכט לגמרי אוממעגלעך יענע באַדייטונג, וועלכע די העבּרעאישע שפּראַך און ליטעראַטור וואָלטן געקאָנט האָבן, ווי אַ צענטר פון אַ נייעם פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

דער זעלבער שפּראַכן-תהום מאַכט אָבער אויך אַ תל פון יעדער נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווער באַדייטונג, וועלכע די העבּרעאישע ליטעראַטור וואָלט געקאָנט האָבן, ווען... ווען די מאַסן וואָלטן גערעדט העבּרעאיש.

## IV

„וואָלט" העבּרעאיש געווען די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס-מאַסן, דעמאָלט „וואָלט" די מאָדערנע וועלטלעכע העבּרעאישע ליטעראַטור געקאָנט האָבן יענע נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווע באַדייטונג פאַר אונזער פאָלק, וואָס יעדע ליטעראַטור האָט פאַר איר פאָלק.

דער פאַקט אָבער, וואָס צווישן דעם קליינעם הייפעלע העבּרעאיש-שאַפנדיקע שריפטשטעלער און די גרויסע מאַסן יידיש-רעדנדיקע יידן הערשט אַזאַ טיפער שפּראַכן-תהום, רויבט אַוועק

בײַ דער העבּרעאישער ליטעראַטור יעדע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע וואָג.

די ליטעראַטור אין העבּרעאיש קאָן נישט אָפּשפּיגלען ריכטיק דאָס יידישע לעבּן און ממילא קאָן זי נישט אַרויסבּרענגען דעם ריכטיקן „חשבּון הנפש״ און דעם „חשבּון החיים״ אין גאַנצן.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל זענען שוין געווען אָנגעגעבּן טעמים, פאַרוואָס דאָס מוז זיין אַזוי, אָבּער בּקיצור. עס וועט דעריבּער בּשום אופן נישט שאָדן, נאָר אדרבּה, פיל קלאָרער מאַכן דעם ענין, ווען מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל אָפּשטעלן אויף אים אַבּיסל מער בּאריכות און אויך ספּעציעל בּנוגע העבּרעאיש.

אַ פאָלק וועבּט זיין היסטאָריש לעבּן און די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור נישט דורך פאַראיינצלטע יחידים, מתבּודדים, ווי יעדער שפּינט זיך אויס זיין אייגענעם פאָדים אָן אַ בּרעקל שייכות צו די איבּעריקע. די קולטור פון אַ פאָלק איז אַלעמאָל אַ סאָציאַלער און אַ נאַציאָנאַלער פּראָדוקט, אַ פּועל־יוצא פון אַ בּשותּפותדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבּן, פון אַ געמיינשאַפטלעכן צונויפווירקן פון אַלע זיינע קינדער.

דאָס געמיינשאַפטלעכע צונויפווירקן איז אָבּער אוממעגלעך אָן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די מיטווירקנדיקע. דאָס מיטל פאַר אַזאַ פאַרשטענדיקונג איז די שפּראַך. די גאַנצע קולטור, ווי דאָס גאַנצע לעבּן פון אַ פאָלק, האַלט זיך דעריבּער אָן אַ בּאַשטימטער שפּראַך. אַפילו יענע צווייגן אירע, וואָס בּרענגען אַרויס מאַטעריעלע גיטער, ווי די אינדוסטריע און די קונסט, סקולפּטור, מאַלעריי, אַרכיטעקטור, מוזיק, וואָס זייערע פּראָדוקטן קאָן יעדער איינער בּאַקוקן מיטן אויג, בּאַטאַפּן מיט די הענט און הערן מיטן אויער און דערבּיי נישט דאַרפן אַרויסבּרענגען קיין איין שפּראַכלעכן קלאַנג, — אַפילו אָט די פּראָדוקטן, זאָג איך, זענען אויסגעוואַקסן מיט דער הילף פון

דער מענטשלעכער שפּראַך און אַ דאַנק דער מענטשלעכער שפּראַך.

אַ חפץ, אַ מאַשין, אַ בילד, אַ הויז, אַ ניגון, — האָבן פאַר דעם מענטשן נישט דעם באַטייט פון אַ נ אַ ט ו ר-פּראָדוקט, פון אַ געוויסער שטיקל מאַטעריע אָדער פון אַ געוויסן צונויפּשטעל פון ליניעס, פלעכן, פאַרבן אָדער קלאַנגען. זיי זענען אַלע פאַר אים זאַכן מיט אַ באַשטימטן מענטשלעכן מ יי ן, מיט אַ קלאָרן (אָדער ווייניקער קלאָרן) מענטשלעכן ז י ן. דער זין איז ד ע ר ג ע ד אַ נ ק, וואָס דער מענטש פאַרבינדט מיט יענע זאַכן.

און אַפילו די ריינע נאַטור-דערשיינונגען און נאַטור-פּראָדוקטן, וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט אָן דעם צוטאָן פון דעם מענטשנס האַנט און דעם מענטשנס שכל, קאָנען אויך נישט אַריינגענומען ווערן אין דער מענטשלעכער וועלט, סיידן דער מענטש זאָל זיי פריער האָבן אַרומגעפלאָכטן מיט אַ געוויסן מענטשלעכן געדאַנק. דער עפּל פאַר דעם מענטשן איז נישט נאָר אַ קליינער פאַרביקער כדור מיט אַ געוויסער פאַרב, אַ געוויסן טעם און אַ געוויסן גערוך, נאָר אַן „עפּל", אַ „פּרוכט", ד. ה. עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אין אים אַרויס אַ באַשטימטן ג ע ד אַ נ ק, וועלכער איז צונויפגעבונדן מיט געוויסע אַנדערע געדאַנקען.

ממילא מוז יעדע נאַטור-אָדער קולטור-דערשיינונג, אויף וויפל זי שפּילט אַ ראָלע אין אַ מענטשלעכן באַוווסטזיין, האָבן איר ת ו ך, איר ג ע ד אַ נ ק — אַ קלאָרן אָדער מטושטשן.

כדי אָבער געדאַנקען זאָלן קאָנען ווערן אַ געמיינשאַפטלעכער באַזיץ פון אַ סך מענטשן, מוזן זיי ווערן אַ ר ו י ס ג ע ר ע ד ט, ד. ה. אויסגעדריקט אין אַ ש פּ ר אַ כ ל ע כ ן ק ל אַ נ ג מ י ט אַ ב אַ ש ט י מ ט ן ז י ן. דער שפּראַכלעכער קלאַנג, דאָס „וואָרט", איז דער טרעגער פון דעם באַשטימטן זין. דאָס איז דער חומר, די סובסטאַנץ, אין וועלכער עס פאַרקערפּערט זיך אַ געגעבענער געדאַנקלעכער אינהאַלט.

די אומגעהייערע וויכטיקייט פון דעם „וואָרט” פאַר דער באַשאַפונג פון דער מענטשלעכער קולטור און אַ מענטש־לעכן לעבן האָט אַ סך אַלטע דענקער אַרויפגעפירט אויף דעם מעטאַפיזישן רעיון, אַז דער תּוך פון דער גאַנצער וועלט און אַז די שאַפנדיקע קראַפט אין איר איז דאָס „וואָרט”, (דער „לאָגאָס” ביי דעם יידן פילאָן, די נעאָ־פלאַטאָניקער און די קריסטלעכע פילאָזאָפן, וואָס זענען געגאַנגען אין פילאָנס דרכים).

מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט מעטאַפיזיק און וועלט־פילאָזאָפיע און ס'איז נישט אונזער דאגה, צי די וועלט, וואָס דרויסן פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, באַשטייט אין איר אינע־ווייניקסטן תוך פון „ווערטער” (שמות) אָדער נישט. עס קאָן אָבער נישט זיין קיין ברעקל ספק, אַז די מענטשלעכע קולטור־וועלט מיט אַלץ, וואָס זי שפיגלט אין זיך אָפּ, איז אַ סיסטעם פון געדאַנקלעכע אינהאַלטן, וואָס ווערן פאַר־קערפּערט אין שפּראַכלעכע קלאַנגען. און אויב יענע גע־דאַנקלעכע אינהאַלטן זענען די „רוחניות” פון דער מענטשלעכער קולטור, איז דער שפּראַכלעכער קלאַנג איר „גשמיות”, די סובסטאַנץ, פון וועלכער און דורך וועלכער עס ווערט אויס־געוועבט דער גייסטיקער אינהאַלט.

די שפּראַך איז דעריבער די סובסטאַנץ פון אַ פאָלקס־לעבן, די מאַטעריע, פון וועלכער עס ווערט גע־שפּונען זיין גאַנצע קולטור. יעדעס וואָרט פון דער שפּראַך איז אַ שטיק לעבעדיקע סובסטאַנץ, אין וועלכער עס וויברירן תּמיד געדאַנקלעכע לעבנס־אינהאַלטן, און אָפּטמאָל נישט נאָר איין באַשטימטער געדאַנקלעכער אינ־האַלט, נאָר עטלעכע מיטאַמאָל.

אין אַ געוויינלעכן קלאַנג פון אַ מענטשלעכער שטים אָדער פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, געפינט די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט אַ סך טענער, צונויפגעגאָסענע אין איינעם: איין „גרונט־טאָן” און עטלעכע „איבער־טענער”. די „איבער־טענער” מאַכן דאָס, אַז דער קלאַנג זאָל באַקומען אַ באַשטימטע אינ־

ד י ו י ד ו אַ ל י ט ע ט, בּיי ראובנען אַן אַנדערע, איידער בּיי שמעונען, אין דער פידל אַן אַנדערע, איידער אין דעם באַס. אָט די אינדיווידואַליטעט פון אַ וועלכן עס איז קלאַנג ווערט אָנגערופן אין דער וויסנשאַפט: די „קלאַנג-פאַרב”.

איך וואָלט געזאָגט, אַז אויך יעדעס וואָרט, — אָדער לכּל-הפּחות דאָס רוב ווערטער פון אַ שפּראַך, — האָט אויך אַ „גרונט-זין” און אַ סך „אויבּער-זינען”, וואָס בּרענגען אַרויס דעם אינדיווידועלן „וואָרט-קאָליר” אין אַ וועלכער עס איז שפּראַך.

דערפון שטאַמט די דערשיינונג, וואָס איז אַן אָנגענומענער כּלל אין דער פאַרגלייכנדיקער פילאָלאָגיע, אַז קיין איין וואָרט פון אַ וועלכער עס איז שפּראַך קאָן נישט א י ב ע ר-ג ע ז ע צ ט ווערן פּינקטלעך און ריכט ק מיט איין אייציקן וואָרט פון אַ וועלכער עס איז אַנדער שפּראַך. דער פּוילישער „האָנאָר” איז נישט דאָס אייגענע, וואָס די דייטשישע „עהרע”, דער יידישער „כּבוד”, די רוסישע „טשעסט”, אָדער דער פראַנצויזישער „אָננער”, ד. ה.: דער „גרונט-זין” זייערער איז דערזעלביקער אין אַלע שפּראַכן, אָבּער יעדעס פאָלק פאַרבּינדט אין ז יי ן וואָרט אַ סך „אויבּער-זינען” מיט דעם „גרונט-זין”, און דערפון שטאַמט די פאַרשיידנקייט פון זייערע „וואָרט-קאָלירן”.

עס איז בּאַקאַנט דער אַנעקדאָט מיט דעם יידן, וואָס האָט זיך צעשלאָגן מיט אַן אַנדער יידן וועגן אַ שופר בּיים שופר-בּלאָזן. דער ענין האָט געמוזט געבּראַכט ווערן צו אַ דייטשישן ריכטער, וואָס האָט בּשום אופן נישט געקאָנט תּופס זיין, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ערשט מיט דער הילף פון אַן איבּערזעצער איז אים קלאָר געוואָרן, אַז „שופר” איז אַ „טרומייט” און אַ „טרומייט” איז אַ „טראָמפּעטע” און אַז „שופר-בּלאָזן” איז „טראָמפּעטע-בּלאַזען”. און ווען דער גאַנצער ענין איז אויף אַזאַ אופן „קלאָר” געוואָרן, האָט זיך דער איבּער-זעצער ערשט געכאַפּט: „אַבּער ה' ריכטער: א י ז דען שופר

אַ טרומייט? איז דען „שופר-בלאָזן" „טראָמפּעטע-בלאַזען"?

„שופר", „טרומייט" און „טראָמפּעטע"; „שופר־בלאָזן", „אויפן טרומייט שפּילן" און „טראָמפּעטע־בלאַזען" האָבן איין און דעמזעלביקן גרונט-זין. זיי האָבן אָבער פאַרשיידענע אויבער-זינען, וואָס ברענגען אַרויס די פאַרשיידענע וואָרט־קאָלירן פון דער שפּראַך.

אויף דעם בײשפּיל מיט די דריי ווערטער: „שופר", „טרומייט" און „טראָמפּעטע" קאָן אויך באַוויזן ווערן, אַז די צאָל און די אַרט פון די אויבער־זינען איז אין יעדן וואָרט אַ פאַרשיידענע און אַז דעריבער איז אויך דער חילוק צווישן אַ וואָרט פון איין שפּראַך און דעם קאָרעספּאָנדירנדיקן וואָרט פון אַן אַנדער שפּראַך נישט אַלעמאָל איין-און־דערזעלביקער.

דער „טרומייט" שיידט זיך אָפּ זייער ווייניק פון דער „טראָמפּעטע", אָבער צווישן „שופר־בלאָזן" און „טראָמפּעטע־בלאַזען" איז אַ היפּשער געדאַנקלעכער מהלך.

עס איז מיר ליידער נישט באַקאַנט, צי די פאַרגלייכנ-דיקע שפּראַכן־פּסיכאָלאָגיע האָט שוין פעסטגעשטעלט וועלכע עס איז כּללים בנוגע די פאַרשיידענע שאַטירונגען אין די מיינונגען פון איין-און-דעמזעלביקן וואָרט אין די פאַרשיידענע שפּראַכן.

לויט דעם משקל ראשון, האָט מען, דוכט מיר, אַ רעכט אָנצונעמען, אַז אין יעדער שפּראַך מוזן זיך געפינען אַ סך ווערטער, וואָס זענען זייער אָרעם אין באַזונדערע וואָרט-קאָלירן, ד. ה. אין דער צאָל און דער אַרט פון די אויבער-זינען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי. ווי דער קאַמער-טאָן שיילט אַרויס דעם גרונט־טאָן פון אַ קלאַנג פון זיינע אויבער־טענער, אַזוי מוזן זיין אַ סך ווערטער, וואָס האָבן נישט מער, ווי דעם גרונט-זין.

עס לייגט זיך אויף זייער גרינג אויפן שכל, אַז וואָס איינפאַכער עס איז דער ענין, וואָס דאַרף באַצייכנט ווערן מיטן וואָרט, און וואָס מער דער ענין קאָן אַרומגענומען ווערן

מיט דעם פאַרשטאַנד אַליין, אָן אַ ברעקל ביימיש פון געפיל, שטימונג און ווילן, אַלץ ווייניקער „אויבער-טענער" האָט דאָס וואָרט. די ווערטער, וואָס באַצייכענען אַ מעבל-שטיק, אַ געצייג, אַ געוויינלעכן טאָג-טעגלעכן געגנשטאַנד, וועלכן מען נעמט אויף מיט די געוויינלעכסטע חושים, אָדער אַ וועלכן עס איז שטרענג-וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, וואָס ווערט ביי אַלעמען אויפגענומען מיט דעמזעלביקן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, מוזן מן הסתם האָבן אין אַ ל ע שפּראַכן נישט מער ווי די איינפאַכסטע גרונט-טענער. אָבער אויך דער כּלל מוז צולאָזן אַ סך אויסנאַמען. נעמט צ. ב. די ווערטער: „אייזל", „פערד" און „אָקס". ביי די יידן און די רוסן זענען פאַרבונדן מיט זיי גאַנץ פאַרשיידענע אויבער-זינען. פאַר דעם יידן איז דאָס פערד אַ סימבאָל פון אַ טעמפּן מח („אַ פערדישער קאָפּ"), אָבער נישט פאַר דעם רוס, וואָס ווייס ווי קלוג אייגנטלעך אָט דאָס באַשעפעניש איז. ווען אַ רוס וויל אויסדריקן, אַז איינער אַרבעט שווער און כּסדר, אָן אַן אָפּרו, זאָגט ער: „ער אַרבעט ווי אַן אָקס". אין יידישן וואָלט „אַרבעטן ווי אַן אָקס" געהייסן: „אַרבעטן אָן פאַרשטאַנד, מיט אַ טעמפּן מח". צוריק וועט דער ייד אָנרופן דאָס שווערע, כּסדרדיקע אַרבעטן: „אַרבעטן, ווי אַן אייזל". אין רוסיש אָבער וואָלט דער אויסדרוק: „רז...אָטאַט קאַק אַסיאָל" שוין געהאַט אַ גאַנץ אַנדער זין.

אָדער באַטראַכט די אויבער-זינען (און אויך אָפּט ווידער-זינען), וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם וואָרט: „ייד" ביי דאָס רוב נישט-יידישע וועלט, די ווערטער: „ציגיינער" און „טעאַטער" ביי דער יידישער!

פון אַלע אַזעלכע ביישפּילן, וואָס קאָנען געבראַכט ווערן אין טוצן און שאָקס, מוז קלאָר ווערן, אַז אַפילו איינפאַכסטע ענינים פון דעם טאָג-טעגלעכן לעבן, וואָס ווערן ביי אַלע מענטשן אויפגענומען מיט דיזעלביקע מענטשלעכע ח ו ש י ם, ווערן אין די פאַרשיידענע שפּראַכן אָפטמאָל אויסגעדריקט אין

ווערטער, וואָס האָבן דעמזעלביקן גרונט-זין אָבער אַ פאַרשיי-דענעם וואָרט-קאָליר.

דערפאַר קאָנען מיר אָבער כמעט ווי מיט זיכערקייט זאָגן, אַז וואָס מער אַ וועלכער עס איז ענין ווערט אויפגע-נומען נישט נאָר מיט די חושים און דעם פאַרשטאַנד, נאָר האָט אויך אַ שייכות צו דעם געפיל און דעם ווילנס-לעבן פון אַ מענטשן און צו די זיטן און מנהגים פון אַ וועלכן עס איז פאָלק, אַלץ מער מוז דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט אים, אַרומ-וואַקסן מיט אייגנטימלעכע אויבער-זינען און באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן וואָרט-קאָליר, איידער אין אַן אַנדער שפּראַך.

דאָס לעבן פון אַ פאָלק, אַפילו דאָס טאָג-טעגלעכע, איז גראָד פול מיט אַזעלכע מנהגים. כמעט יעדעס וואָרט פון דער שפּראַך, אין וועלכן דאָס לעבן דריקט זיך אויס, איז דעריבער פול מיט אַזעלכע וויברירנדיקע אויבער-טענער. איבערגעבן זיי אין אַ פּשוטער איבערזעצונג וואָלט געהייסן נאָר איבערגעבן די גרונט-זינען פון די ווערטער, וואָס אַלע לעבנס האָבן בשותפות, אָבער נישט די האָר-דינע אָדער-לעך, אין וועלכע עס פּולסירן די פיינערע, דינערע עלעמענטן פון דעם לעבן.

די שיינע ליטעראַטור, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, האָט גראָד צו טאָן מיט יענע דינע אָדערלעך, מיט די טויזנטער שאָטנס און האַלב-שאָטנס, וואָס טראָגן זיך אַרום אַרום יעדן וואָרט און וואָס גיבן צו דעם באַשטימטן לעבן זיין טעם, ריח און קאָליר. אָפּשפּיגלען אַזאַ לעבן אָן דער שפּראַך פון דעם לעבן, אָן דער ס ו ב ס ט אַ נ ץ, פון וועלכער עס וועבט זיך אין דערווירקלעכקייט, הייסט אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אויף אַ פאַלשן אופן און ממילא מוז אויך די לעבנס-אָפּשאַצונג אין געפיל, וועלכע דער גרויסער קינסטלער ברענגט אומבאַוווסטערהייט אַרויס, סוף כל סוף זיין אַ פאַלשע אָדער אַן אויבערפלעכ. עכע.

אָט פאַרוואָס מיר גלויבן, אַז דאָס יידישע לעבן קאָן

קיינמאָל נישט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט ווערן אין אַ נישט-יידישער שפּראַך. אין דעם זין, אין וועלכן מיר געברויכן דאָס איצט, איז אָבער אויך העברעאיש אַ נ י ש ט - יי ד י ש ע, אַ דעם לעבן לינגוויסטיש פ ר ע מ ד ע שפּראַך. אין בנוגע אַרויסברענגען ריכטיק די שאַטירונגען פון דעם יידישן לעבן געפינט זיך העברעאיש נאָך אין אַן ערגערער לאַגע, איידער וואָסער עס איז אַנדער נישט-יידישע שפּראַך.

די שווערקייט אויסצומאָלן דאָס יידישע לעבן אין העברעאיש שטאַמט דערפון, וואָס אין יידיש גופא זענען דאָ אַ מאַסע העברעאישע ווערטער, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דאָס יידישע לעבן. אין פלוג וואָלט דער אומשטאַנד געדאַרפט נאָך גרינגער מאַכן די אויפגאַבע פון דעם העברעאישן קינסטלער. אין דער אמתן מאַכט ער זי שווערער. דאָס קומט דערפון, וואָס דאָס רוב העברעאישע ווערטער האָבן אין יידיש פאַרלאָרן זייער פריערדיקן העברעאישן וואָרט-קאָליר און האָבן באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן, אַ יידישן. אין אַ העברעאישער שילדערונג מוז אָט דער יידישער וואָרט-קאָליר צוריק פאַרשווינדן, יוערן אינגאַנצן פאַרבלאָזן, ווי פאַרבלאָזן עס איז געוואָרן כמעט דער גאַנצער העברעאיש אַ דאַנק דעם, וואָס אין אים ווערט נישט געוועבט קיין ווירקלעך אָרגאַניש לעבן.

די נפקא מיניה פון אַזעלכע סינאָנימישע ווערטער, ווי „טיש" און „שולחן", „קערה" און „שיסל", „שופר" און „טרומייט", „ארון" און „קאַסטן", „חלה" און „ווייס-ברויט", „חיות" און „לעבן", וואָס האָבן אין אונזער שפּראַך גאַנץ פאַרשיידענע וואָרט-קאָלירן, פאַרלירן זייער פאַרשיידנקייט אין העבּרעאיש*).

---

*) עס וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע דורכצוזוכן סיסטעמאַטיש דעם גאַנצן העברעאישן עלעמענט אין יידיש — מיט דער הילף פון יהואָש-ספּיוואַקס ווערטער-בוך, און גרינטלעך אויספאָרשן די ענדערונגען אין דעם וואָרט-קאָליר, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט די העברעאישע ווערטער אין יידיש. דערצו דאַרף מען אָבער זיין גוט באַהאַוונט מיט ביידע שפּראַכן און דעם יידישן לעבן, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך.

אַ דאַנק אָט דעם אומשטאַנד איז העברעאיש נאָך מער ווי אַן אַנדער נישט-יידישע שפּראַך, אַ גראָבע זיפּ, וואָס לאָזט אַרויס פון זיך די פיינערע שאַטירונגען און לאָזט איבער אין זיך נאָר די גרעבערע עלעמענטן.

געוויס קאָנען יידישע ווערק אויך זייער גוט איבער-געזעצט ווערן אין העברעאיש. אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס דער אָריגינאַל איז שוין דאָ אַ פּאַרטיקער אין יידיש און דער טאַלענטפולער איבערזעצער איז געצווונגען צוצופּאַסן דעם העברעאיש צו די וואָרט-קאָלירן פון דער יידישער שפּראַך.

דער קינסטלער אָבער, וואָס שאַפט פון דאָס ניי, האָט נישט אויף זיך דעמדאָזיקן אַבסאָלוטישן צוואַנג. אין דעם אומבאַוווסטזיניקן שאַפונגס-פּראָצעס וועט ער ציפּאַסן דאָס יידישע לעבן צו דעם העברעאישן לשון מיט יענע פרעמדע וואָרט-קאָלירן, וואָס הערשן אין אים.

מען קאָן נישט לייקענען, אַז אַן אַנדערש מאָל גיט דאָס צו אַ באַזונדערן חן דעם געשאַפענעם ווערק אין העב-רעאיש. אין די שילדערונגען פון דעם יידישן לעבן ביי מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן, סמאָלענסקין, אַבראַמאָוויטש שטאַמען אַפילו קינסט-לערישע שיינקייטן דערפון אַליין, וואָס דאָס יידישע לעבן אין די יידישע טיפּן ווערן באַקוקט דורך דער העברעאישער פאַר-ביקער זיפּ. עס איז כמעט ווי אַן אַנדערע אייגנאַרטיקע סצע-נעריע. עס קוקט אויס, ווי כתריאלאָווקע צווישן פּאַלמען, ווי „סענדער די יידענע״ אויף אַ קעמל אין אַ בעדואינער קאָסטיום.

וואָלט די שיינע ליטעראַטור נישט געהאַט קיין אַנדער באַדייטונג אין לעבן, ווי נאָר אַרויסצוברענגען קינסטלערישע שיינקייטן, וואָלט אפשר גראָד די נייע העברעאישע שיינע לי-טעראַטור געדאַרפט אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ זייער הויכער מדרגה, אַדאַנק די אומדערוואַרטעטע עפעקטן, וואָס באַקו-מען זיך דורך דאָס אריינצווינגען דאָס מאָדערנע יידישע לעבן אין אַנטיקווירטע העברעאישע שפּראַך-פאָרמען.

אָבער ערשטנס זענען יענע עפעקטן פון נישט גאָר קיין געהויבענעם עסטעטישן מהות. אין זייער איינפאַכסטער און גרעבסטער געשטאַלט ווערן זיי צוריקגעפירט צו דעם עפעקט, וואָס באַקומט זיך, ווען מען שילדערט אין דער שפּראַך פון די נביאים, אַרום וועלכער עס טראָגט זיך אַ הויך פון הייליקייט, וויאַזוי איינער נייט אָן אַ קנעפּל אין די מייטקעס. דאָס איז אין גרונט דערזעלביקער קאָמישער עפעקט, וואָס הערשט אין אָפּענבאַכס אָפּערעטעס, ווו די געטער אויף דעם אָלימפּ רעדן וועגן דעם קורס פון די אַקציעס אויף דער בערזע.

אָבער צווייטנס איז די גאַנצע טעאָריע פון „שיינקייט לשם שיינקייט", „קונסט לשם שיינקייט" און „קונסט לשם קונסט" נישט מער, ווי אַ קינדישע נאַאיוויטעט, אָרויסגעבראַכט פון יענע קינסטלער, קריטיקער און עסטעטיקער, וואָס האָבן קיין שום באַגריף נישט וועגן דעם מענטשלעכן לעבן און דער מענטשלעכער קולטור, ווי וועגן אַן איינהייטלעכן, אָרגאַניש-וואַקסנדיקן בוים פון וועלכן די קונסט איז נאָר איין-איינציקער צווייג.

קונסט בכלל און שיינע ליטעראַטור בפרט איז — ווי מיר האָבן דאָס שוין עטלעכע מאָל באַטאָנט — נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די אָפּשאַצונג פון מענטשן און מענטשלעכן לעבן אין דעם קינסטלערס געפיל און די אַרויסברענגונג פון יענער אָפּשאַצונג דורך בילדער און קלאַנגען, וואָס רופן אַרויס ביי דעם לייענער דעמזעלביקן טעם פון דעם לעבן, וואָס דער קינסטלער האָט. דערצו איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז דאָס געשילדערטע לעבן זאָל געוועבט ווערן פון דיזעלביקע לעבנס-שטראַלן, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין דעם קינסטלערס געמיט; פון דערזעלבער שפּראַך, אין וועלכער דאָס געשילדערטע לעבן שפּיגלט זיך אָפּ.

די בילדער און קלאַנגען, מיט וועלכע דער העברעאישער קינסטלער שילדערט דאָס יידישע לעבן, קאָנען זיין ווי רייך

אין די אָדער יענע קינסטלערישע עפעקטן, — פעלן וועט אין זיי די סובסטאַנץ גופא פון דעם געשילדערטן לעבן. דאָס הייסט, אַז די אָפּשפּיגלונג פון דעם יידישן לעבן ווערט אַקו־ראַט אַזוי פאַרהוּיקערט אין דער העברעאישער שפּראַך, ווי אין יעדער אַנדער נישט-יידישער שפּראַך און אָפּטמאָל נאָך מער.

נאָך אַ קלענערן ווערט און באַטייט קאָן די העברעאישע ליטעראַטור האָבן אין דעם פּרט פון צוריק אַריינשטראַלן די רעזולטאַטן פון דעם העברעאישן קינסטלערס שאַפן אין דעם לעבן פון זיין פאָלק, שוין מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס זיי־נע שילדערונגען קאָנען נישט דורכדרינגען דעם פינסטערן שפּראַכן-תהום, וואָס צווישן דעם שאַפנדיקן קינסטלער און דעם יידיש-רעדנדיקן לעבן. אויפן לעצטן קאָן די העברעאישע ליטעראַ־טור ווירקן נאָר דורך יידישע איבערזעצונגען, און ווער עס לייענט אַזעלכע איבערזעצונגען, — צ. ב. ביאַליקס „אַריה בעל גוף" און זיין „מתמיד" אין יידיש — יענער פילט ערשט, ווי ווייניק יידיש זיי זענען, ווי פאַלש עס זענען דאָרטן אי־בערגעגעבן געוואָרן טאָן און פאַרב. און וואָס איז דער חדוש! די בעסטע יידישע איבערזעצונג פון אַ מאָדערנעם העברעאישן ווערק איז אין דער לעצטער ליניע נישט מער ווי אַן איבער־זעצונג פון אַ פאַרהויקערונג, און דערפאַר איז עס אַזוי שווער אין איר צו דערקאָנען יענעם חשבון-הנפש און חשבון-החיים, וועלכן דער קינסטלער האָט אַרויסגעטראָגן פון דעם יידישן לעבן.

די שיינע ליטעראַטור אין העברעאיש קאָן אויך נישט האָבן יענעם צווישנפעלקערלעכן ווערט און באַטייט, וועלכע יעדע ליטעראַטור האָט פאַר איר פאָלק.

זי קאָן, אמת, אויסטיילן אונז אין אַ באַזונדער פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס שאַפט זיין אייגענע קולטור און זיין אייגענע שפּראַך. אָבער זי קאָן אונז נישט צונויפבינדן מיט דער מענטש־הייט, קאָן נישט העלפן אָפּשאַפן די נעפּילס-באַריערן, וואָס שטייען צווישן פאָלק און פאָלק.

איבערזעצן די ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור אין העברעאיש, כדי צו אינטערנאַציאָנאַליזירן די יידישע נשמה, האָט קיין זין נישט. אין דאָס לעבן פון ד ע ם פ אָ ל ק, פון די גרויסע מאַסן, קאָנען אַזעלכע איבערזעצונגען נישט אַריינדרינגען. ממילא איז אין דעם פרט זייער ווירקונג גלייך נול. און אַפילו יענער קליינער עולם, וואָס לייענט העברעאיש, מוז אויך פריער אינעווייניק אין געדאַנק איבערזעצן די העברעאישע איבערזעצונג אין יידיש, איידער ער קאָן ריכטיק ד ע ר ש פ י ר ן דעם געשילדערטן לעבנס-אינהאַלט. די ווירקונג מוז אויך דאָ זיין אין דעם לעצטן רעזולטאַט אַ מינימאַלע.

און וואָס שייך די נישט-יידישע וועלט, וואָלט זי אין פלוג געקאָנט אויפנעמען די מאָדערנע שאַפונגען אין העבראיש מיט דעמזעלביקן ערנסט, מיט וועלכן זי נעמט אויף אַלע אַנדערע שאַפונגען פון אַ וועלכן עס איז פאָלק אין זיין שפּראַך, זי וואָלט געקאָנט זיין זיכער, אַז די שילדערונגען ווערן דאָרטן געמאַכט צוליב דער אייגענער היים און נישט צוליב דער פרעמד. זי וואָלט געמעגט גלויבן, אַז דער קינסטלער זוכט זיך צו פאַרטיפן אין די דערשיינונגען פון דעם יידישן לעבן „לשמה", צוליב זיין אייגענעם חשבון הנפש און חשבון החיים, און נישט צוליב וועלכע עס איז אַפּאָלאָגעטישע צוועקן.

אָבער — זעט איר דאָך: ז י  ט ו ט  ד אָ ס  נ י ש ט, ד י נישט-יידישע וועלט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס זענען דאָ אין דעם מאָדערנעם העברעאיש טאַלענטן און ווערק, וואָס לויט זייער עסטעטיש-קינסטלערישער זייט, פאַרדינען זיי בלי ספק אויפגענומען צו ווערן אין דעם פּאַנטעאָן פון דער אַל-וועלטלעכער ליטעראַטור.

זי טוט דאָס נישט, אפשר, אַ דאַנק דעם א י נ ס ט י נ ק ט י וו ן איינזען, אַז אַ ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן נישט אין אַ גערעדטער שפּראַך, קאָן נישט האָבן קיין ערנסטע לע-

בעדיקע ממשות; אַז דאָס איז מערא ספּאָרט פון שפּראַך-קינצלער, איידער אַן אָרגאַניש-קינסטלעריש שאַפן.

ממילא קאָן מען אויך נישט דערוואַרטן, אַז אויף דעם סמך פון דער העברעאישער ליטעראַטור זאָל די נישט-יידישע וועלט אויפעפענען אין איר קאָנטאָ-בוך אַן אייגן בלאַט פאַר אונז און זאָל געפינען אין יענער ליטעראַטור דעם מאַסשטאַב, מיט וועלכן עס זאָל געשאַצט ווערן אונזער חשיבות, ווי אַ קולטור-שאַפנדיק פאָלק.

---

מיר האָבן ביז אַהער אַרומגערעדט דעם נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון ווערט און באַטייט פון יענע יידישע ליטעראַטורן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין די נישט-יידישע שפּראַכן און אין העברעאיש. מיר האָבן אַ וואָרט נישט געזאָגט וועגן דעם אייגנטלעכן ענין פון אונזער איצטיקער אַרבעט: דער נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווער באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

אָבער דער פאַרשטאַנדיקער לייענער זעט געוויס איין, אַז אַ גרויסער טייל פון אונזער אַרבעט איז אויף אַן אומדירעקטן אופן שוין געטאָן געוואָרן, ווייל „מכלל לאו אתה שומע הן". („פון די „ניינס" שטויסט מען זיך אָן אויף די „יעס".) די נעגאַטיוו-קריטישע אָפּשאַצונג פון די „גוייש"-יידישע ליטעראַטורן און פון דער העברעאישער ליטעראַטור איז לכתחילה געמאַכט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט דער יידישער, און אונזער נאָענטסטע אויפגאַבע דאַרף באַשטיין אין דעם, מיר זאָלן אַרויסבויענגען דעמזעלביקן גרונט-געדאַנק נישט אין „ניינס" נאָר אין „יעס".

עס דאַרף געמאַכט ווערן אַזוי קלאָר ווי מעגלעך, אַז די יידישע שפּראַך איז אַ זעלבשטענדיקע שפּראַך, וואָס שיילט אונז אויס אין אַ זעלבשטענדיקן פאָלקס-אָרגאַניזם מיט אַ נייעם פּראָגרעסיוון צענטר פון אַ נאַציאָנאַלן באַוווסט-

זיין; אַז די ליטעראַטור אין איר האָט אונז געמאַכט צו אַ
מאָדערנעם קולטור-שאַפנדיקן פאָלקס-אָרגאַניזם; אַז אין דער
יידישער ליטעראַטור ווערט דערגרייכט די ריכטיקע אויפגאַבע
פון דער קונסט: אָפּצושפּיגלען דירעקט אָדער אומדירעקט דאָס
יידישע לעבן, אָפּצושאַצן עס אין געפיל, אַרויסצוברענגען דעם
חשבון הנפש און דעם חשבון החיים פון גאַנצע דורות, צוריק-
שטראַלן דעמדאָזיקן חשבון אין לעבן אַריין און באַשטראַלן דער-
מיט דעם לעבנס-וועג פון דעם פאָלק; אַז די יידישע ליטע-
ראַטור האָט אונז שוין אויסגעבונדן מיט דער איבעריקער קול-
טור-שאַפנדיקער מענטשהייט; האָט שוין אויפגעעפנט פאַר אונז
אַ באַזונדער בלאַט אין דעם קאָנטאָ-בוך פון דעם מענטשלעכן
פּראָגרעס; האָט שוין אַרויסגעוויזן איר גבורה אָפּצושאַפן „באַריערן
אין געפיל", וואָס שטייען צווישן „אונז" און „זיי", און אַז אין
איר, — און נאָר אין איר, — ווערט איצטער געבויט יענער
מאָסשטאַב, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף דער אָפּשאַצונג
פון אונזער ווערט און מהות.

פרייע קונסט און פרייע קריטיק

# פרייע קונסט און פרייע קריטיק*)

„די קונסט איז פריי!...“

אָט דעם אויסגעשריי הערט מען איצטער כמעט אין אַלע
אייראָפּעאישע לענדער פון אַלע יונגע קינסטלער. „די קונסט
איז פריי“, דאָס איז דער טייטש: קיינער טאָר נישט אָנווייזן
איר, מיט וואָס זי זאָל זיך באַשעפטיקן, מיט וואָס נישט. קיין
מענטש קאָן זי נישט פאָדערן צו אַ משפט, סיידן די ריין-עס-
טעטישע קריטיקער. איין גאָט איז נאָר דאָ, פאַר וועמען זי
דאַרף זיך פאַרענטפערן: דער גאָט פון שיינקייט. וואָס פאַר
אַ פאַלשע געדאַנקען דער קינסטלער זאָל נישט אויספּוצן אין
זיינע ווערק, וועלכע שעדלעכע געפילן ער זאָל נישט אַריינ-
יאָגן אין די אָדערן פון דער געזעלשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ
סם ער זאָל נישט פאַרגיפטן דאָס האַרץ פונם פאָלק, מיט וואָס
פאַר אַ ברודיקע בילדער ער זאָל נישט אָנפילן די פאַנטאַזיע
פון דעם לייענער — קיינער טאָר נישט האָבן די העזה אויפ-
צוהויבן די הענט אויף דער הייליקער מאַיעסטעט פון דעם קינסט-
לער, אויב ער איז נאָר אַ טרייער איבערגעגעבענער כהן-גדול
צו דער גאָטהייט פון שיינקייט. אַלץ, וואָס איז שיין, איז אין
דערזעלביקער צייט אמת, איז אין דערזעלביקער צייט גוט.

אין דערינען באַשטייט אייגנטלעך דער הייליקער „אני
מאמין“ פון יעדן יונגן קינסטלער, און עס ווייזט אויס, אַז אַ
סך נייע קינסטלערישע ווערק זענען באַשאַפן געוואָרן מיט איין-

*) „דאָס נייע לעבן“, ערשטער יאָרגאַנג (1909), ערשטער העפט.

איינציקן ציל אין זינען: עזותדיק איינשטעלן זיך פאַר די סוווערענע רעכט פון דער פרייער קונסט, וואָס דאַרפן דעם קינסטלער זיין הײליקער, איידער אַלע אַנדערע פליכטן. אמתן, וואָס האָבן דער מענטשהייט געקאָסט דורות פון יסורים און פיין, אידעאַלן פון יושר, וואָס די מענטשהייט האָט זיך צו זיי דערשלאָגן מיט אַזוי פיל קרבנות אויף אַלע פעלדער פון דעם לעבן, — זיי ווערן אַלע בפיון געטראָטן מיט די פיס פון דער נייער קונסט, כדי צו באַווייזן די אויבערהער־שאַפט פון שיינקייט איבער אמת און יושר.

אויך אין דער יידישער נייער קונסט, אין דער „רענע־סאַנס", ווי מען רופט זי איצטער אָן, באַמערקן מיר דעמזעל־ביקן „עסטעטיזם", דיזעלביקע אַנגעגרייטקייט צו פאַלן כורעים פאַר דער גאָטהייט פון חן אויף דעם חשבון פון יושר און אמת.

פונוואַנען שטאַמט אונזער איצטיקער עסטעטיזם? איז ער אַרויסגעוואַקסן פון די טיפע טיפענישן פון אונזער יידי־שער נשמה? אָדער אפשר האָט דער אַלגעמיין־מענטשלעכער גייסט, וואָס הערשט איצטער אין דער קונסט, אויך ביי דעם יידישן פאָלק גענומען רעדן דעמזעלביקן לשון, וואָס ער רעדט אומעטום? האָט ער אויף זיינע פליגלען אויך דעם יידישן קינסטלער גענומען טראָגן צו דיזעלביקע הימלען, וואָס שפרייטן זיך איצטער פאַנאַנדער אומעטום איבער די קעפ פון די שיינהייטס כהנים? אויב דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט געווען אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן: צרת רבים איז אַ חצי נחמה. מיר זענען אָבער שטאַרק מסופק אין דעם. מיר קאָנען נישט נעמען אין די הענט די אַרבעטן פון אונזערע יונגע קינסטלער אָן דעם טרויעריקן געפיל, אַז אָט דער גאַנצער שיינהייטס־געפילדער האָט קיין ברעקל שייכות נישט צו דער נשמה פון אונזער פאָלק. נישט איר נאַציאָנאַלע נאַטור, נישט איר אַלגע־מיין־מענטשלעכע נאַטור האָבן נישט אַרויסגעבראַכט פון זיך גופא די ניי־מאָדערנע שיינהייט־שכרות, און דעם „עסטעטיזם"

האָט דער יידישער קינסטלער איינגעזויגן פון דער אַרומיקער פרעמדער וועלט. זיי האָבן פשוט נישט געהאַט קיין גענוג שטאַרקן חומ-השדרה אַוועקצושטעלן זיך אַנטקעגן די פרעמדע געדאַנקען און שטימונגען.

אָבער זאָל זיין אויס א'יגענער קראַפט, אָדער אויס פרעמדער — ווי די מעשה איז, די געשיכטע האָט אויך אונזער יידישער ליטעראַטור מזכה געווען מיט דעמזעלביקן עסטעטיזם און מיט דעמזעלביקן אויסגעשריי: „די קונסט איז פריי!"

אונזער קונסט איז נאָך יונג און האָט נאָך נישט קיין אייגענע טראַדיציעס. ערשט איצטער דאַרף זי אָנהויבן צו טראַכטן וועגן זיי. ס'איז דעריבער זייער נויטיק אָפּצושטעלן זיך אויף דעם ענין פון פרייער קונסט און זען: קאָן באמת דער נייער פרינציפּ — די קונסט איז פריי — ווערן דער גרונט-שטיין, וואָס אויף אים זאָל געבויט ווערן אונזער ליטעראַרישע טראַדיציע.

„די קונסט איז פריי" — דאָס א'ז אַן אויסגעשריי, אַ באַפעל און אַ פאָדערונג. די קונסט קעמפט פאַר איר פריי־הייט, הייסט עס, זי גיט אַליין צו, אַז ס'איז דאָ ערגעץ ווו אַ מאַכט, וואָס קאָן אָפּנעמען די פרייהייט ביי איר, וואָס קאָן געבן זי אָדער נישט געבן. ווער־זשע איז די מאַכט, וואָס אַנטקעגן איר קעמפט די קונסט, וואָס פון איר פאַרלאַנגט זי איר אומ־באַגרעניצטע סוווערענע אויטאָנאָמיע?

אויב זי מיינט דערמיט דעם אַלטן פריינט פון פרייהייט איבערהויפּט, די צענזור מיט אירע געזעצן און פאַרבאָטן, איז דעמאָלט קיין שום ספק נישטאָ, אַז די קונסט איז גערעכט אין איר אויסגעשריי, און יעדער פרייהייטס־ליבנדיקער מענטש וועט צוש־יין צו איר קאַמף, וועט מודה זיין מיט איר, אַז די קונסט איז פריי. זי איז פריי אויסצוקלויבן וועלכע ענינים זי וויל און באַשרייבן זיי אויף וועלכע אופנים זי וויל, און קיין מאַכט אין דער וועלט טאָר איר נישט פאַרווערן אַרויסצוזאָגן עפּנט־לעך אַלץ, וואָס זי רעכנט פאַר נויטיק צו זאָגן. עס איז אָבער

קלאָר, אַז נישט די צענזור און די פּאָליציי האָט דער קינסט־לער אין זינען בשעת ער קעמפט פאַר דער פרייהייט פון זיין קונסט. אמת, ביי די מאָדערנע ציוויליזירטע פעלקער איז די קונסט נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייט פון דעם אַפּטרופּוס, דעם פּאָליציי־געזעץ. עס איז איר פאַרווערט אָנצורירן געוויסע ענינים, אָדער צו באַאַרבעטן זיי אויף אַ געוויסן שטייגער.

פיל געדענקען נאָך מסתּמא די באַרימטע „לעקס־היינצע־באַוועגונג" אין דייטשלאַנד, ווען מען האָט געוואָלט פאַרווערן דעם קינסטלער צו מאָלן נאַקעטע מענטשלעכע קערפּער, ווייל אַזעלכע סוזשעטן קאָנען באַליידיקן די „עפנטלעכע מאָראַל". אָבער דער גרעסטער קאַמף פון דער קונסט אַקעגן דעם געזעץ איז אין תּוך אַריין מער נישט, ווי אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם גרעסערן קאַמף, וועלכן דער מענטשלעכער געדאַנק און דאָס מענטשלעכע וואָרט פירן פאַר זייער אומבאַגרענעצטער פרייהייט.

ניין, נישט פון דער צענזור און נישט פון דעם געזעץ פאָדערט די קונסט איר באַפרייאונג. פאַר אַן אַנדער ריכטער פירט זי איצטער איר לאַרעמדיקן פּראָצעס, פון אַן אַנדער מאַכט פאַרלאַנגט זי סוווערענע אויטאָנאָמיע. ס'איז פאַראַנען אַ העכערער דאַיאָן איידער די פּאָליציי, און דאָס איז די מאַכט פון דער עפנטלעכער מיינונג. וועלכע אָנשטעלן דער קינסטלער זאָל נישט מאַכן, אַז ער לעבט נאָר פאַר זיך און זיין ליבער קונסט, ער מוז דאָך יעדן אויגנבליק פילן, אַז ער לעבט אין דער געזעלשאַפט און פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט אָבער באַצאָלט אַרבעטער מיט גיטער אָדער לויב ערשט דעמאָלט, ווען זי געפינט אויס, אַז די אַרבעט האָט אַ ווערט פאַר איר, אַז זי איז איר גוט. גייט די אַרבעט להיפּך צו די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, געפינט די געזעלשאַפט אויס, אַז זי טויג פאַר איר נישט, לאָזט זי זי ליגן אָן אַ זייט. ווילנדיק — נישט ווילנדיק מוז דעריבער דער קינסטלער אָנקומען צום גענאָד פון דער עפנטלעכער

מיינונג, אָבער דער פירער פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער קונסט איז די קריטיק. זי שטעלט אַוועק די נאָרם פון שיין און נישט-שיין, זי מעסט אויס די גרויס און די טיף פון אַ טאַלענט, זי מאַכט אַ „וואָרע" פאַר די ווערק פון דעם קינסטלער.

די קריטיק איז די מאַכט מיט וועלכער דער קינסטלער מוז זיך רעכענען צוערשט. דער קריטיקער איז געוויינלעך דער טרייער חבר פון דעם קינסטלער, זיין מיט-שטרייטער אַנטקעגן דער געזעלשאַפט, זיין וואָרט-פירער און דערקלערער. אָבער אָפטמאָל קאָן אויסקומען דער קונסט צו פירן אַ ביטערן קאַמף אַנטקעגן דער קריטיק. זי, די קריטיק, קאָן אַמאָל שטעקן טיף ביזן האַלז אין יענע פאַרשימלטע אידייען, אַנט-קעגן וועלכע דער קינסטלער טרעט אַרויס מיט זיין רעוואָלו-ציאָנערן פּראָטעסט. און איר, דער קריטיק אין פּנים אַריין, — סיי דער פריינטלעכער, סיי דער פיינטלעכער — שרייט ער אַרויס זיין הילכיקן אויסגעשריי: „די קונסט איז פריי!" ער גיט דער קריטיק אַן אָנצוהערעניש, זי זאָל זיך האַלטן שיין רואיק אין אירע גרענעצן, זי זאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ ווערק פון קונסט און נאָר מיט אַ ווערק פון קונסט, די שיינקייט און נאָר די שיינקייט זאָל זי האָבן אין אויג און אינגאַנצן זיך אָרויסשלאָגן פון זינען אירע מאָסשטאָבן פון אמת און יושר, פון נוצן און שאָדן.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: די קונסט איז פריי צו זאָגן וואָס זי וויל, זי איז אומבאַגרענעצט, סוווערען, אָבער די קריטיק זאָל האָבן איר פרייהייט נאָר אין געוויסע גרענעצן. מחוץ די גרענעצן דאַרף זי זיין אַ שקלאַפין ביי דער קונסט...

---

עס ליגט נישט אין די צילן פון אונזער היינטיקער אַרבעט אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח מיט דעם קינסטלער און באַווייזן אים פון דעם ריין-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, ווי-

ענג און ווי שעדלעך זיין פאָדערונג איז פאַר די אינטערעסן פון דער קונסט. אזא אַרבעט וואָלט פאַרלאַנגט קריטיש נאָכ-אַמאָל דורכצונעמען די פילאָזאָפיע פון קונסט גופא, אויסגעפינען דעם שורש פון קונסט אין דעם לעבן פון דעם גאַנצן קולטור-אָרגאַניזם און ריכטיק באַשטימען אירע צילן און וועגן.

דאָ שטעלן מיר זיך פשוט אויף דעם אַלגעמיין-רעכטלעכן שטאַנדפונקט, מיר, די קריטיקער אָדער די, וואָס רעדן אין איר נאָמען, קעמפן פאַר דער פרייהייט פון דער קריטיק מיט דעמזעלביקן רעכט, מיט וועלכן דער קינסטלער קעמפט פאַר דער פרייהייט פון דער קונסט.

וואָס איז קריטיק?

איינער אַ יונגער קריטיקער — אַ דייטש, אָדער אַ פראַנצויז, איך געדענק שוין נישט קלאָר, — האָט אַמאָל געזאָגט: „קריטיק, דאָס זענען אַלע געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיר און וואָס שווימען אַרויף אויפן זינען בעת איך לייען דעם אַנדערנס בוך”. געוויס איז אַזאַ אויסטייטשונג פון קריטיק אַביסל צו ברייט, ווען אפילו זי פאַסט גאַנץ גוט צו אַ סך אַרבעטן פון אַ סך יונגע קריטיקער. אָבער אַזעלכע אַרבעטן פאַרדינען אפשר גאָרנישט דעם נאָמען „ליטעראַרישע קריטיק”, ווייל זיי האָבן ווייניק וואָס צו טאָן מיט דעם מחבר, וועלכן זיי ווילן קריטיקירן. עס שווימען אַרויף ביי דעם „קריטיקער” אין זינען עסטעטישע, מאָראַלישע, היסטאָרישע בילדער, פילאָזאָפישע געדאַנקען און אַפאָריזמען, און ער באַנוצט זיך מיטן פרעמדנס בוך אָדער בילד מער נישט ווי מיט אַ געלעגנהייט צו קאָנען אַרויסווייזן די רייכקייט פון דער אייגענער נשמה. פונדעסטוועגן ליגט דאָך אַ טייל אמת אין דעם אויבנדערמאָנטן ווערטל. קריטיק — דאָס איז אָפּשאַצונגס-געדאַנקען, אַרויסגערופן אין אונז בעת דעם טיפן שטודירן און דער ערנסטער באַטראַכטונג פון אַ קינסטלערישן ווערק.

אָבער אָפּשאַצונגס-געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגערופן

פון אַ קינסטלערישער אַרבעט, קאָנען נישט אַלע אַריינגעשטעקט ווערן אין איין - איינציק קעסטעלע מיט דער אויפשריפט: „שיינהייט און קונסט". דער קריטיקער איז אַ גאַנצער מענטש און אויף אים מוזן ווירקן אַלע זייטן פון יענץ שטיק לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער קאָן נישט פונאַנדערשפּאַלטן זיך גופא אויף צוויי מענטשן: — דעם עסטעטיקער, און דעם סתם מענטשן.

זייט אייך משער אַזאַ מין קינסטלעריש ווערק, אויסגעהאַקט אין מאַרמאָר פון דער בעסטער קינסטלערישער האַנט: אויף אַ פּאָסטאַמענט פון גופים פון מענער און פרויען און קינדער מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ שטייט אַ יונגערמאַן, הויך און איידל געבויט. זיינע אויגן זענען פול מיט אַ הייליקן שטילן טרויער, זיינע ליפּן זענען צונויפגעצויגן אין אַ שמערצלעכן פאַרטראַכט זיין און צו דערזעלבער צייט אין אַ פעסטן באַשלוס; זיין לינקע האַנט, וואָס הענגט אַראָפּ, רירט אָן מיט די שפּיצן פינגער אַ פּיראַמידע פון אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ, און עס דוכט זיך, אַז פון די קעפּ שטראָמט דורך די נערוון פון די פינגער אַ ווייגעפיל צו דעם יונגנמאַנס האַרץ, און פון דעם האַרצן שטראָמט אים אַנטקעגן אַ געפיל פון צערטלעכער רחמנות צו די אָפּגעהאַקטע קעפּ. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ שאַרפע האַק. און אונטער דער גאַנצער פיגור איז אויסגעקריצט נאָר איין וואָרט: „ק ר ו ש ע וו אַ ן"*).

קאָן מען דען פאָדערן פון דעם קריטיקער, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס ער ווייס וועגן קרושעוואַנען, פון אַלע געפילן, וואָס קרושעוואַן רופט אין אים אַרויס, און געדענקען נאָר איינס, אַז ער האָט פאַר זיינע אויגן אַ שיינהייטס-פיגור? מוזן אין אים פאַרשטומען אַלע פּראָטעסטן מער נישט דערפאַר, וואָס דער קינסטלער פאַרעקשנט זיך אין זיין קאַפּריז:

---

*) אַ באַרימטער רוסישער אַנטיסעמיט און „פּאָגראָמשטשיק" אין די ערשטע יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט. [1930].

„און איך, פרייער קינסטלער, וויל אַ ז ו י פאַרשטיין די נשמה פון אַ קרושעוואַן!" האָט דען דער קריטיקער נישט אַ רעכט,— ניין, נאָך מער! — אַ פליכט אויסצושרייען: „די פיגור איז שיין, אָבער אַ ל י ג נ ע ר איז דער קינסטלער, אויב נישט נאָך ערגער: אַ קרושעוואַן!..."

איך וויל ברענגען נאָך אַ משל, און בעט לכתחילה מיינע לייענער, זיי זאָלן מיר מוחל זיין, וואָס איך דיקטיר זייער פאַנטאַזיע אויסצומאָלן אַזעלכע בילדער. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? די קליפּה פון „פרייער קונסט" איז איצטער אַזוי שטאַרק, אַז מען מוז זי אַליין צווינגען קוקן דעם אמת גלייך אויג אין אויג... שטעלט אייך פאָר, איר לייענט אַ „מאָדערנעם" פסיכאָלאָגישן ראָמאַן, ווו דער העלד איז אַ יונגער קרעפּטי־קער אייראָפּעער, אויפגעצויגן ביז זיין זעכצנטן לעבנס־יאָר ביי אַ ווילדן שבט פון די אַפריקאַנישע מענטשנפרעסער. ער איז איצטער 25 יאָר אַלט, דורכגענומען פון דער גאַנצער מאָדערנער בילדונג און ציוויליזאַציע, אַ קענער פון קונסט, אַ פאַרערער פון ניטשע און אָסקאַר ווײַלד. מיט אַ בילד־שיין מיידל פאָרט ער איצטער אַרום אויף אַ לוסטרייזע אין אַפרי־קע, און אין איינעם פון די הייסע טראָפּישע טעג, אין דעם געדיכטן טראָפּישן וואַלד, איינער אַליין מיט זיין ליבהאַרציק מיידל, דערוועקט זיך אין אים נישט נאָר דער מאַנסביל, וואָס לעכצט נאָך דעם שיינעם קערפּער, נאָר אויך דער מענטשנפרע־סער, וואָס גייט אויס פון תשוקה נאָך דעם צאַרטן מיידל־פלייש. דער קינסטלער פאַרשפאָרט אונז נישט קיין איין ריר פון זיין נשמה, אין וועלכער עס האָבן זיך צונויפגעגאָסן ראַ־פינירטע ציוויליזאַציע און ווילדסטע באַרבאַריי. ער שילדערט אונז די עסטעטישע שכרות פון זיין אויג, בעת ער באַוווּנדערט איר ברוסט (זיי האָבן זיך פריימוטיק און שטיפעריש אויסגע־טאָן נאַקעט) און יענע שכרות נאָך מענטשן־בלוט און מענטשן־פלייש, וואָס איז דערוועקט געוואָרן אין דעם מענטשנפרעסער. ער מאָלט אונז אויס אַלע איינצלהייטן, ווי ער שעכט זי, ווי

ער שניידט אָפּ אירע ברוסטן, ווי ער פרעסט זיך איין מיט די ציינער אין זייער פריש-צאַפּלדיקן פלייש, וועלכע סעקסו-עלע תענוגים ער לעבט דערביי דורך, וועלכע פריידיקע אויס-געשרייען עס רייסן זיך אַרויס פון זיין נשמה...

איך בעט נאָכאַמאָל דעם לייענער מיר מוחל זיין פאַר דאָס סקיצירטע בילד. אויב ער איז באַקאַנט מיט דעם גאַנצן שניט פון דעם מאָדערניזם, וועט ער מיר מודה זיין, אַז די טעמע איז גאָרנישט אַזוי ווייט פון די, וואָס קאָנען אינטערע-סירן אַ מאָדערנעם קינסטלער...

האָט דער קינסטלער אַ רעכט אָנצופילן אונזער מוח מיט אַזעלכע בילדער? אַודאי האָט ער אַ רעכט! ווער לאָזט אים נישט?... אָבער האָט ער אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון מיר, דעם קריטיקער, איך זאָל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער עסטעטישער זייט פון זיין ווערק? איז מיין קריטיק נישט אַזוי פריי, ווי זיין קונסט? אמת, איר וועט מיר אפשר ענט-פערן, אַז די תאווה פון מענטשנפרעסעריי איז אַזוי ווייט פון דעם איצטיקן מענטשנס נשמה, אַז דער גאַנצער ראָמאַן קאָן נישט אַרויסרופן ביי אונז קיין איין ברעקל מאָראַלישן פראָ-טעסט, אַז דער העלד, אויב ער איז ווירקלעך געטריי געשיל-דערט, וועט אויף אונז ווירקן, נישט ווי אַ מענטשלעכע, נאָר ווי אַ חיהשע געשטאַלט, צו וועלכער מיר האָבן קיין ברעקל שייכות נישט... גוט! זאָל זיין אַזוי! אָבער מיט דעם גופא גיט איר מיר דאָך צו, אַז דאָרטן, וו די געשילדערטע תאוות זענען נאָך נישט אַזוי ווייט פון אונזער נשמה ווי מענטשנפרע-סעריי, דעמאָלט ווען מיר האָבן זיי אין אונזער מאָראַלישן באַוווסטזיין אַוועקגעשטעלט אויף דערזעלביקער מדרגה, ווי מענטשנפרעסעריי, קאָן מען פון אונז נישט פאַרלאַנגען אין דעם נאָמען פון „פרייער קונסט”, מיר זאָלן שווייגן צו אַלץ, וואָס דער קינסטלער שאַפט, מיר זאָלן נישט פאָדערן פון אים אַ דין וחשבון, מיט וואָס פאַר אַ רעכט פילט ער אָן

אונזערע מוחות און הערצער מיט זיינע עסטעטיש-שיינע, אָבער מאָראַליש-ברודיקע בילדער...

אויב אַ שטאַרקע עסטעטישע שריפט שמייסט ווי מיט בייטשן אַלע געפילן פון ערלעכקייט, צניעות, אמת און יושר, האָט דען דער קריטיקער נישט קיין רעכט אַרויסצוזאָגן זיינע אַלע געדאַנקען וועגן דעם קינסטלערישן ווערק? האָט ער דען נישט קיין רעכט אָנצוווייזן, אַז אָט דאָס איינע אָדער דאָס אַנדערע שיינע בילד קאָן אין אונז אַרויסרופן אַן עקסטאַז פון שיינקייט, אָבער אין דערזעלבער צייט אויסברענען אין אונזער נשמה אַזעלכע מאָראַלישע בראַנדוואונדן, פון וועלכע זי וועט זיך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט נישט קאָנען אויסהיילן? האָט ער דען נישט דאָס רעכט אויפצווייזן, אַז אין דער אָדער יענער שיינער שריפט ליגט באַהאַלטן אַ שטימונג, וואָס קאָן טרייבן די גאַנצע געזעלשאַפט צו אַזעלכע מעשים, וואָס וועלן אונטערגראָבן דעם יסוד פון איר קיום אויף דער ערד? נישט נאָר ער האָט אַ רעכט צו די אַלע זאַכן, — עס איז זיין חוב נישט צו לאָזן פאַרבלענדן די אויגן דורך דער שיינקייט פון דעם קינסטלערישן ווערק. און בעת ער שאַצט אָפּ דאָס שאַפן פון דעם קינסטלער, מוז ער האָבן אין אויג נישט נאָר דעם קינסטלערישן ווערט, נאָר אויך די פילע אַנדערע ווירקונגען, וועלכע דאָס ווערק מוז אַרויסרופן אין די לייענער בכלל, אָדער אין די לייענער פון זיין פאָלק בפרט.

גאָרקיס באָסיאַק מעג זיין אַ שיינע בריאה. ווען דער אינטעליגענטער לייענער קריגט התפעלות פון אים, וועט זיך אים דאָך נישט פאַרגלוסטן גיין אָנשיכורן זיך ביינאַכט און וואַרפן שטיינער אין די פענסטער. עס קאָן זיין, אַז דער געלוסט צו ברעכן שויבן קאָן זיך ביי דעם אינטעליגענטן מענטשן פאַרוואַנדלען אין אַ תשוקה אויפצורייסן טראָנען. אָבער אויב גאָרקיס באָסיאַק, דער אידעאַל פון אַ מענטשלעכער בריאה, פאַלט אַריין צו אַן אמתן באָסיאַק אין די הענט, מוז ביי אים די תשוקה צו ברעכן שויבן נאָך מער פאַרשטאַרקט

ווערן. געוויס, אויב דער קריטיקער האַלט, אַז שויבן ברעכן איז איבערהויפּט נישט קיין עוולה, נאָר אַ יושר, דעמאָלט מעג ער נתפּעל ווערן נישט נאָר פון דער עסטעטישער, נאָר אויך פון דער עטישער זייט פון גאָרקיס גבורים. רעכנט ער אָבער, אַז שויבן ברעכן קאָן זיין מער נישט, ווי אַן עובדא פון אַ שיכּורן גוי, קאָן זיין, אַז די גאַנצע שיינקייט פון דער בּריאה וועט ביי אים פלוצלונג פאַרשווינדן ווי נאָר ער וועט דער־הערן דעם ערשטן בּראַזג פון אַן אומשולדיק צעבּראָכענער שויב.

די קונסט איז אַ מאַכט, איינער פון די שטאַרקסטע ווירקער אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. קיין מענטש קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק, ווהין די געזעלשאַפט ווערט גע־טריבן. דער קריטיקער נעמט אויף זיך דעם חוב אויסצודריקן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, אַזוי ווי ער פאַרשטייט זיי. ער וויל און האָט אַ רעכט צו ווירקן אויף דער געזעל־שאַפט אין אַ באַשטימטער ריכטונג. ער טאָר דעריבער נישט אַריבערגיין בשתיקה וועגן דער סאָציאַלער און מאָראַלישער ווירקונג, וואָס ליגט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער מוז אויפ־דעקן די ליניע, אין וועלכער עס טראָגט זיך דער סאָציאַלער אימפּעט פון דעם קינסטלער און ער מוז קריטיקירן, ד. ה. אָפּשאַצן, צי דעם קינסטלערס אַרבעט ווירקט נוצלעך אָדער שעדלעך אויף די גרונט־אידייען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער קריטיקער קאָן דאָס טאָן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיינע אייגענע פּערזענלעכע אידעאַלן. און געוויס מוז מען צוגעבן, אַז אויך דער קינסטלער האָט זיינע געדאַנקען וועגן רעכט און אומרעכט, יושר און עוולות, וואָס קאָנען גיין להיפּך צו דעם קריטיקערס מיינונגען, און אויך דער קינסטלער האָט נישט נאָר אַ רעכט, נאָר אַ פליכט אויסצו־

דריקן זיין אידעאַל אין זיינע שיינע ווערק.
אָבער אַזאַ סכסוך צווישן דעם קריטיקער און דעם קינסטלער
האָט שוין גאָרנישט צו טאָן מיט דער פראַגע וועגן פרייהייט
פון קונסט. עס איז אַ סכסוך צווישן צוויי מענטשן, וואָס האָבן
פאַרשיידענע אידעאַלן און וואָס דריקן זיי אויס אויף אַ פאַר-
שיידענעם אופן. כּל זמן דער קינסטלער פאַרשטייט אַליין, אַז
ער איז נישט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ מענטש, און כּל
זמן ער קעמפט נישט נאָר פאַר געוויסע פאָרמען פון שיינקייט
אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר געוויסע פאָרמען פון לעבן
אין דער געזעלשאַפט, קאָן צווישן אים און דעם קריטיקער
נישט זיין קיין עסטעטישער סכסוך, און דעם קינסטלער וועט
נישט קומען אויפן זינען צו פאַרווערן דעם קריטיקער אָפּצושאַצן
זיינע קונסט-ווערק מיט דעם מאָסשטאַב פון דער סאָציאַלער
וויסנשאַפט אָדער סאָציאַלער פילאָזאָפיע.

דער סכסוך הויבט זיך אָן ערשט דעמאָלט, ווען דער
קינסטלער וויל זיך אַליין איינשמועסן אָדער איינרעדן די אַנ-
דערע, אַז ער האָט גאָרנישט נישט וואָס צו טאָן מיט פּראָ-
בלעמען, וואָס ליגן אויסער דער קונסט און אַז דעריבער קאָן
מען צו איב קיין אַנדערע טענות ותּביעות נישט האָבן, סיידן
די, וואָס שטאַמען פון דער קונסט. אויסשרייענדיק אין דער
וועלט אַריין: „די קונסט איז פריי!" פאַרגעסט ער דערביי נאָר
איין קלייניקייט, אַז אויך דער קריטיקער איז פריי און ווערט
קנאַפּ וואָס נתפּעל פון דעם קינסטלערס פּרעטענזיעס. די קרי-
טיק האָט אַ כשרן רעכט צו פאַרלאַנגען פון דעם קינסטלער,
ער זאָל זיין אַ גאַנצער מענטש און זאָל זיך אַליין אָפּגעבן
דין וחשבון וועגן זיין וועלטאָנשויאונג, וועגן זיינע אידעאַלן
פון יושר. און ווען ער קומט אויפן מאַרק מיט זיין פּעקל
סחורה און וואַרט אויף דער אָפּשאַצונג פון דעם קריטיקער,
דאַרף ער וויסן, אַז דער קריטיקער וועט דורכנעמען זיין
ווערק פון אַלע זיינע זייטן און אויב דער אינהאַלט וועט זיין
מאַראַליש אָדער סאָציאַל צעפּוילט, מעג מען נישט נתפּעל

ווערן פון זיין שיינער פאָרם. מען מעג אָפּשיילן איר שאָלעכץ, כּדי צו באַווייזן דעם עולם דעם ווערעמדיקן קערן פון דער גאַנצער פרוכט.

די פרייע קונסט וועט ערשט דעמאָלט קאָנען זיין באמת פריי און וועט נישט דאַרפן פילדערן און שרייען אין אַלע גאַסן וועגן איר פרייהייט, ווען זי וועט זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין, אַז איר פרייהייט טאָר זיך נישט אַריינרייסן אין די גרענעצן פון דער פרייער קריטיק. און ערשט אַזאַ פרייע קריטיק, וואָס וועט זיך נישט באַטראַכטן ווי אַ שקלאַפין פון דעם עסטעטישן געגוס, קאָן און וועט אונז העלפן צו באַשאַפן אַ באמת פרייע קונסט*).

---

*) די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד האָבן איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער אַנדערער זייט. קעמפנדיק אַנטקעגן דער ריינער קונסט פאַר אַ „פּראָלעטאַרישע" קונסט, ווילן זיי אָפּשאַפן אויך דאָס רעכט פון דעם קינסטלער צו האָבן זיינע עטישע און אינדיווידועל-מאָראַלישע אידעאַלן און צו לאָזן זיך פירן פון זיי אין דער קינסטלערישער שאַפונג [1930].

# אַ פּאָר ווערטער וועגן פּאָעזיע
# און איר באַטייט

# אַ פּאָר ווערטער וועגן פּאָעזיע און איר באַטייט *)

## 1.

וואָס אַזוינס פּאָעזיע איז, ווייס קיינער נישט. דאָס הייסט אַלע ווייסן דאָס, ווייל עס איז נישטאָ אַזאַ מענטש אין אונזער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבן איבערגעלעבט אַ וועלכן עס איז פּאָעטישן צושטאַנד, און עס איז נישטאָ אַזאַ לייענער אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבן געשטאַנען אונטער דער צויבער-ווירקונג פון אַוועלכן עס אין פּאָעטישן ווערק.

„מען ווייסט נישט וואָס אַזוינס פּאָעזיע איז" — איז דער טייטש: מען קאָן אין ווערטער נישט אויסדריקן דעם תּוך פון אַ „פּאָעטישער" דערשיינונג, און איר אונטערשייד פון אַ „פּראָזאַאישער", ווי מען קאָן אין ווערטער נישט באַשרייבן די נפקא מינה פון אַ רויטער פאַרב ביז אַ גרינער פאַרב.

ווייל „פּאָעזיע", „פּאָעטישער צושטאַנד", „פּאָעטישע שטימונג" איז אַן אייגנאַרטיקער גייסט-צושטאַנד, וואָס שיידט זיך אָפּ מער אָדער ווייניקער שאַרף פון דעם געוויינלעכן, געזונטן, קלאָרן וואַך-זיין.

פון דעם לעבן און פון דער וויסנשאַפט זענען מיר באַקאַנט מיט אייניקע אַנדערע גייסט-צושטאַנדן, וואָס שיידן זיך

*) איבערגעדרוקט — מיט קליינע קירצונגען — פון מיין פאָרוואָרט צו ב. לאַפּינס יידישע איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליריק. געשריבן איז דער פאָרוואָרט אין יולי 1919.

גייזט אַפּ מער אָדער ווייניקער שאַרף פון דעם געוויינלעכן, געוואונטן, קלאָרן וואַך-זיין. דאָס איז דער צושטאַנד פון חלומען אין שלאָף; פון „פאַרחושט" און פאַרחלומט זיין אויפן וואָר; פון דעם היפּנאָטישן שלאָף און דרימל, מיט וועלכן די וויסנ-שאַפט איז ערשט נישט לאַנג באַקאַנט געוואָרן; פון „סאָמנאַמ-בוליזם", „קלאָרזעען" און „ספּיריטיסטישן טראַנס", מיט וועלכע די וויסנשאַפט הויבט ערשט איצטער אָן גענטער באַקאַנט צו ווערן; אויך דער צושטאַנד פון משוגעת אין אַלע זיינע שטופן און מינים.

אַלע אַזעלכע אַלגעמיינע צושטאַנדן פון דעם מענטש-לעכן גייסט רוף איך אָן, אויף מליצה-לשון: „ק אָ ל י ר ט ע פּ ס י כ י ש ע ש ט ר אַ ל ן", ווייל זיי שטעלן אַוועק אין אַ געוויסער „פאַרביקער באַלייכטונג" אַלץ, וואָס קומט דעמאָלט פאָר אין דער מענטשלעכער נשמה: אַלע אירע געפילן, גע-דאַנקען, ווערלעכישן, ווי אויך אירע פריידיקע און טרויעריקע שטימונגען.

דער „פּאָעטישער צושטאַנד" איז אפשר אַ געמיש פון אַ סך אַזעלכע אייגנאַרטיקע „קאָלירטע פּסיכישע שטראַלן": אַ ביסל חלומען אויפן וואָר, אַ ביסל טירוף, אַ סך זעלבסט-היפּנאָז, אַ ביסל „קלאָר-זעאונג" און אפשר אויך „טראַנס". אָבער ווען אַפילו אַ צונויפגעשטעלטער, טרעט ער דאָך אַרויס, ווי אַן איינהייטלעכער גאַנצער, און גיט אונז דעריבער אַ רעכט צו באַהאַנדלען אים, ווי אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר ארט „קאָלירטע פּסיכישע שטראַלן". דערפון נעמט זיך די שווערקייט, אָדער גאָר די אוממעגלעכקייט צו באַשרייבן זיין „פאַרב".

דיכטער זענען מער, איידער אַנדערע מענטשן, עלול אַריינצופאַלן אין אַזאַ פּ אָ ע ט י ש-„באַפאַרבטן" גייסטיקן צושטאַנד. זיי קאָנען אויך כמעט אינסטינקטיוו אויסקלויבן די פּאַסנדיקע ווערטער און צונויפשטעלן זיי אַזוי, אַז די ווערטער זאָלן קאָנען אָנזאַפּן אין זיך דעם פּאָעטישן צושטאַנד, ווי אַ באַשטימטן פאַרפום, און דערנאָך אַרויסגעבן פון זיך דעמזעלבן

דזפּט פון פּאָעזיע, וועלכן דער דיכטער האָט דורכגעלעבט; מאַכן, אַז אויך דער לייענער אָדער דער הערער זאָלן אַריינטרעטן אין דעמזועלביקן פּאָעטישן „היפּנאָז".

אויב אָבער מען קאָן נישט וויסן אויף קלאָר דעם אינעווייניקסטן תּוך פון אַ פּאָעטישן צושטאַנד, קאָן מען אָבער זייער אַ סך אויספאָרשן און וויסן וועגן דעם ענין פון פּאָעזיע, — צ. ב. וועגן איר אורשפּרונג און באַטייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן.

דער פּאָעטישער צושטאַנד איז אַ נייער צושטאַנד אין דער וועלט, אַ ריין מענטשלעכער, געבאָרן אויף אַ געוויסן עטאַפּ אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג. זיינע קערנדלעך זענען אפשר נאָך עלטער, איידער די רעליגיע. אָבער צו אַן אייגנאַרטיקער פלאַנץ איז די פּאָעזיע אויסגעוואַקסן ערשט אין דעם רעליגיעזן לעבן: אין זיינע צערעמאָניעס, פּראָצעסיעס און גלויבונגען.

שוין אין די עלטערע פאָרמען פון דער רעליגיע האָבן מיר אַ רייכע שפּיל פון דער פאַנטאַזיע אין דער באַשאַפונג פון אַן איבערנאַטירלעכער גייסטער-וועלט פון געטער, מלאכים, דעמאָנען. מיר האָבן דאָרטן נייע, אומגעוויינלעכע געפילן פון שוידער, צונויפגעגאָסן מיט האָפענונג, פון בענקשאַפט, צונויפגעגאָסן מיט גלויבן, פון הכנעה, צונויפגעגאָסן מיט ליבע. מיר האָבן דאָרטן עקסטאַזן, וואָס פאַרצויבערן די נשמה אין אַ היפּנאָטישן צושטאַנד. די נאַטור אין די אַלטע רעליגיעס איז אַ באַלעבטע: באַרג און טאָל, וואַלד און טייך, שטיין און קוואַל האָבן זייערע נשמות, וואָס קאָנען אַריינטרעטן אין אַ פאַרבינדונג מיט מענטשן. עס זענען אין דער רעליגיע אויך פאַראַן די געוויינלעכע היפּנאָטישע ווירקונגען פון ריטמישע קלאַנגען און באַוועגונגען אין דעם געזאַנג, דער מוזיק, דעם רעליגיעזן טאַנץ.

דאָס אַלץ זענען עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין אַ

ביסל אַן אַנדער פאָרם, אין יענעם גייסט-צושטאַנד, וועלכן מיר רופן א פּאָעטישן. פונדעסטוועגן איז פּאָעזיע פאָרט נישט רעליגיע און רעליגיע איז נישט נאָר פּאָעזיע.

ווען א רעליגיעז-גלויביקער מענטש איז געשטאַנען פאַר אַ הייליקן קוואַל אין דער שטילער נאַכט און האָט בחוש געזען, ווי דער קוואַל „שלאָפט״, איז דאָס שלאָפן פון דעם קוואַל געווען פאַר אים אַן אוממיטלבארער פיזי-שער פאַקט, ווי דאָס שלאָפן פון דעם פערד און דעם הונט. דער קוואַל איז פאַר אים געווען אַ באַלעבעטער, וועמענס נשמה עס נויטיקט זיך אין רו און שלאָף.

ווען אָבער דער דיכטער זעט, ווי „ס׳שלאָפט די ערד אין בלויען ליכט״, אָדער ווען ער גיט זיך איבער דער ווירקונג פון דעם „זילבער-ליכט און ווייכן וויגן פון פאַר-שלאָפענעם קוואַל״, ווייסט ער, אַז דאָס „שלאָפן״ פון דער ערד און דעם קוואַל איז נישט קיין אוממיטלבאַרער פיזישער פאַקט. אמת, עס איז אויך פאַר אים אַ פאַקט, ער זעט דאָס אַזוי, ווייל ער געפינט זיך אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד, וואָס צויבערט חלומות אויפן וואָר, אָבער ער ווייסט, אַז דאָס „שלאָפן״ פון דעם קוואַל געהערט נישט צו דעם קוואַל, אז דאָס איז נישט מער ווי אַ בילד, וואָס איז רעפלעקטירט געוואָרן אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע. דער אמתער קוואַל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם דיכטערס כוח-הדמיון; דאָרטן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בילד פון אַ שלאָפנדיקן קוואַל, און דעם אמתן קוואַל זעט ער דורך זיין פאַנטאַסטישן בילד, דורך זיין איל ו זיע.

דער אייגנטימלעכער פּאָעטישער צושטאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס די ווירקלעכקייט און די אילוזיע גיסן זיך דאָ נישט צונויף אינאיינעם איינגאַנצן, וואָס די אילוזיע איז ווי אַ דורכזיכטיקער דינער שלייער, דורך וועלכן דער דיכטער קוקט אויף דער ווירקלעכקייט; און ער ווייסט דאָס האַלב אומבאַוווסטערהייט, און בעת די פּאָעטישע אילוזיע שטייט פאַר

אים אין דעם פֿאָדערגרונט, ציטערט ערגעץ־װוּ אין דעם הינטערגרונט דאָס באַװוּסטזײַן פֿון דעם נאַקעטן, ניכטערן נישט־פּאָעטישן „אמת".

באַזונדערס שאַרף און בולט טרעט אַרויס אָט די פּאָעטישע שפּיל פֿון אילוזיע און װירקלעכקייט, װען מיר זיצן אין טעאַטער און זעען צו און פּײַניקן זיך מיט די יסורים פֿון דעם העלד. מיר זעען זיי, די יסורים, און מיר פֿילן זייער פּײַן, און מיר זענען „אינגאַנצן" אונטער דער מאַכט פֿון דער אילוזיע. אינגאַנצן? אָ, ניין! װאָלט דאָס געװען אינגאַנצן, װאָלטן מיר זיך אַ װאָרף געטאָן אויף דער בינע און אויסגעלייזט דעם העלד פֿון זײַנע פּײַניקער. מיר טוען דאָס נישט, װײַל מיר זענען פֿאַרהיפּנאָטיזירט דורך דער פּאָעטישער אילוזיע, ד. ה., דורך אַזאַ אילוזיע, װאָס װייסט ערגעץ־װוּ אין הינטערגרונט, אַז זי איז אַן אילוזיע. אַז זי פֿאַראַנדערשט אין דער פֿאַנטאַזיע די װירקלעכקייט; אַז אין דער װירקלעכקייט איז גאָר דער „לײַדנדיקער העלד" אונזער פֿרײַנט, דער אַקטיאָר, אַ גוטמוטיקע, תּמיד לוסטיקע און גליקלעכע בריאה; אַז די אײַנגעפֿאַלענע באַקן און די טיפֿע רינגען אַרום די אויגן פֿון דעם העלד זענען אייגנטלעך נישט קיין אַנדער זאַך, װי בלײַפֿאַרב, אָנגעשמירט אויף דעם פּנים פֿון אונזער פֿרײַנט, דעם אַקטיאָר.

אין דער רעליגיע איז אָבער נישטאָ קיין נפֿקא מינה צװישן װירקלעכקייט און אילוזיע; דאָרטן גיסן זיי זיך צונויף אינגאַנצן אינאײנעם. די אילוזיע װערט אַן אוממיטלבאַרע איבערלעבונג, אַ ריינע „װירקלעכקייט".

דער פּאָעטישער צושטאַנד איז דעריבער אַ צושטאַנד פֿון אַ האַלב־באַװוּסטער אילוזיע. דאָס איז נישט דאָס אוממיטלבאַר לעבן, נאָר אַ רעפֿלעקטירט לעבן,

אַן אָפּגעשפּ־גלטס אין אַ מענטשלעכן דיכטערישן געמיט, אַ לעבן מיט אַ צ ו ט ר אַ כ ט, מיט אַ ן א ו י ס ט ר אַ כ ט.

אין אָט דעם פאַקט ליגט די אורזאַך, פאַרוואָס ערנסטע רעליגיעזע נאַטורן, ווי די צ. ב. פון דער אַלטער יידישער וועלט, האָבן צו דער וועלטלעכער, פריער נישט רעליגיעזער פּאָעזיע אַזאַ אומפריינטלעכע שטעלונג. וואָס פאַר אַ ווערט קאָן ביי זיי האָבן אַ מענטשלעכע צוטראַכטעכץ און אויסטראַכטעכץ? זיי ווע‍לן זיך בעסער האַלטן פאַר י ע נ ע ר פּאָעזיע, וואָס געפינט זיך אי‍ן דער רעליגיע. ווו די אילוזיע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן א ו מ מ י ט ל ב אַ ר ן פ אַ ק ט און שטעלט זיך אַוועק אינגאַנצן אויף דעם פלאַץ פון דערווירקלעכקייט. זיי ווילן דאָס דערפאַר, ווייל פאַר זיי איז די רעליגיעזע אילוזיע נישט קיין אויסטראַכטעכץ און צוטראַכטעכץ, נאָר דער אמתער אינהאַלט פון דעם וועלטלעכן געשעען.

מחמת דעמזעלביקן טעם, וואָס די פּאָעזיע האָט אין זיך דעם עלעמענט פון שפּילן מיט אילוזיעס, האָט דער גרויסער עולם אַ קנאַפּן באַגריף פון איר ווערט און באַטייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן און דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ס'איז סוף־כּל־סוף — מיינען זיי — נישט מער ווי אַ שפּיל, ווי אַ צייט־פאַרטרייב; אַ גאַנץ שיינער צייט־פאַרטרייב, אָבער — צו דעם ערנסט פון דעם לעבן קומט ער נישט.

עס איז מיר ליידער אוממעגלעך אַרויסצוברענגען דאָ דעם ג אַ נ צ ן ווערט און דעם ג אַ נ צ ן באַטייט פון זער פּאָעזיע, אָבער צו איין־איינציקן פּונקט מוז איך דאָ צוציען דעם אויפמערק פון דעם לייענער.

II.

ווען די ווירקלעכקייט טונקלט זיך אָפּ אין דעם טיפן באַ‍ַטישן געמיט, קומט זי ווידער אַרויס אַ ב אַ ר י י כ ע ר ט ע. אַ פ אַ ר ש ע נ ע ר ט ע: דער קוואַל „שלאָפט", דער מדבר

„הערט גאָטס אַנטפּלעקן", „ס'רעדט אַ שנעך מיט אַ שטערן"
א. ד. גל. זי באַקומט אויך נייע א י י ג נ ש אַ פּ ט ן: דאָס וויגן זיך פון דעם קוואַל אין לאַפּינס איבערזעצונג פון פּעטס אַ ליד — איז „ווייך" און אַז. וו.

אָבער נישט נאָר נייע בילדער און אייגנשאַפטן באַקומט זי. אין דער טיף פון דעם פּאָעטישן געמיט רופט זי אַרויס געוויסע געפילן, שטימונגען און אָפּטמאָל אויך קלאָרע געדאַנקען. די געפילן, שטימונגען און געדאַנקען זענען די אָפּקלאַנגען פון דעם דיכטערס נשמה אויף דער שטיק ווירקלעכקייט, וואָס איז אַריינגעזונקען געוואָרן אין זיין געמיט. זיי, אָט די אינעווייניקסטע אָפּקלאַנגען, דיקטירן זיין פאַנטאַזיע יענע בילדער און אייגנשאַפטן, יענע פאָרשטעלונגען און באַגריפן, אַפילו יענעם ריטם און זינג-טאַקט, וועלכע ער ווענדט אָן, כּדי די ווירקלעכקייט ווידער אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין.

טראַכט זיך נאָר אַריין אין די פּאָר פערזן פון פּאָלאָנסקיס „נאַכט":

„נאַכט, פאַרוואָס איז מיר ט י י ע ר דיין
זילבערנער שיין?
„מאַכט ער ז י ס דיר אין אויג דיין
ב אַ ה אַ ל ט ע נ ע טרער?
„רוימט ער בשורות אין ג י ר י ק ן
ה אַ ר צ ן דיר איין?
„צי באַשיידט ער די ר ע ט 'נ י ש. וו אָ ס
מ אַ ט ע ר ט דיך ש ו ו ע ר?

אין אָט דעם ליד האָבן מיר פאַר אונז אַ לבנה-נאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעטונקט אין אַ דיכטערס געמיט און איז אַרויסגעשווומען צוריק נישט נאָר אַ באַרייכערטע, אַ פאַרשענערטע מיט נייע בילדער און אייגנשאַפטן (זי „מאַכט פון דעם בלומען-טוי גאָלדענעם שוים" „און זי שטראָמט אויפן ים מיט דורכזיכטיקע טריט"), נאָר זי איז אויך אַ ר ו מ ג ע ו ו ע ב ט

מיט געפילן, שטימונגען און געדאַנקען.
די אַלע אָפּקלאַנגען פון דעם דיכטערס נשמה אויף דער לבנה־נאַכט זענען דעם דיכטערס, אָבער אין זיין פּאָעטישער אילוזיע זענען זיי דער נאַכטס געפילן, דער נאַכטס שטימונגען, דער נאַכטס געדאַנקען און זיי אַלע זענען „טייער" דעם דיכטער.

דורכדעם גופא באַקומט די לבנה־נאַכט אַן אָפּשאַצונג אין דעם דיכטערס געפיל און שטימונג.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע דער דיכטער לאָזט אַראָפּ אין דעם אָפּגרונט פון זיין נשמה. ער ברענגט זיי ווידער אַרויף אין זיין פּאָעטישן ווערק באַרייכערטע, פאַרשענערטע און אַרומגעוועבטע מיט זיינע געפילן און שטימונגען. און דורכדעם גופא אויך אָפּגעשאַצטע אין זיין געפיל און אין זיין שטימונג.

וואָס איז די ווירקונג פון אַזאַ פּאָעטיש ווערק? אויב עס שטאַמט פון אַ גרויסן, אָריגינעלן דיכטער, וועט עס קודם כל א) אויפוועקן אין אונז דיזעלביקע געפילן, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעלעבט, עס וועט דערנאָך ב) פאַרבינדן יענע געפילן מיט דער פון אים „באַזונגענער" דערשיינונג און וועט לסוף ג) איינפלאַנצן אין אונז דיזעלביקע אָפּשאַצונג פון דער ווירקלעכקייט אין געפיל, וואָס האָט געלעבט אין דעם דיכטערס נשמה.

אין אָט די דריי מאָמענטן ליגט אַ טייל פון דער אומגעהייערער קראַפט און דעם אומגעהייערן באַטייט, וואָס די פּאָעזיע האָט אין דער מענטשלעכער קולטור, אין דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויפוועקן אין אַ מענטשנס ברוסט די־זעלביקע געפילן און שטימונגען, וואָס דער פּאָעט לעבט איבער, הייסט באַרייכערן די מענטשלעכע נשמה מיט אַ נייעם אינהאַלט, וואָס וואָלט איר אפשר אָן דעם דיכטערס הילף געבליבן פרעמד.

אין האָט מען אין אויג, אַז דער נייער אינהאַלט איז קודם *כּל געפיל און שטימונג*, ווערט דעמאָלט אינגאַנצן קלאָר די פולע וויכטיקייט פון דער נייער באַרייכערונג, ווייל — אַן אַלטער פּסיכאָלאָג האָט שוין דאָס אַמאָל באַמערקט — געפילן און שטימונגען זענען די *שפּייז פון דער נשמה*. מיט זיי דערנערט זי זיך, זי לעבט מיט זיי. אַ נשמה, וואָס איז אָרעם אין געפילן און שטימונגען, איז אַן אָרעמע נשמה, אַ דריגע נשמה, וואָס ווערט פאַרשמאַכט אין הונגער און דאָרשט.

דעם פּאָעטס נשמה איז אָבער די רייכסטע אין דעם פּרט. אויף דערויף איז ער אַ פּאָעט. ער האָט אוצרות און אוצרות פון געפילן און שטימונגען. און דאָרטן, ווו זיין אייגן לעבן רופט זיי נישט אַרויס, באַשאַפט זיין פאַנטאַזיע אַן אַנדער לעבן, אַ סך אַנדערע לעבנס, מיט אַ סך אַנדערע מענטשן, וואָס לעבן דורך אַלערליי אַרטן געפילן און שטימונגען.

די רייכקייט און די טיפקייט פון דעם פּאָעטס געפילס-לעבן איז אַזוי גרויס, אַז אַ סך פאָרשער וווּנדערן זיך ממש, ווי אַזוי איז דאָס *פּסיכאָלאָגיש* מעגלעך, אַ שעקספּיר, אַ געטע, אַ היינע זאָלן קאָנען אין זייער געמיט טראָגן אַזוי פיל *מענטשלעכע וועלטן*, אַזוי פיל כאַראַקטערן מיט אַזוי פיל פאַרשיידענע נשמות און געפילן אין זיי.

(די ריכטיקע דערקלערונג פון אָט דער דערשיינונג האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געפונען דער יידישער דענקער גערג זימעל, אָבער ס'איז נישט דאָ דאָס אָרט צו רעדן וועגן איר.)

על כּל פּנים איז עס אַ פאַקט, אַז דער אמתער פּאָעט איז דער גאון אין געפילס-לעבן, ווי דער אמתער דענקער איז דער גאון אין דער געדאַנקען-וועלט און ווי דער העלד פון דער ווילנס-טאַט, דער פאָלקספירער, דער רעוואָלוציאָנער, דער אמתער מלוכה-מאַן, דער לאַסאַל, דער גאַריבאַלדי, דער נאַפּאָלעאָן, — איז אַ קוואַל פון ברויזנדיקער ענערגיע און פון פּראַק-

טישע ווילנסשטרעמונגען. און ס'איז אויך אַ פאַקט, אַז די געפילן און שטימונגען, וואָס ווערן געבאָרן אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד, פאַרשפּרייטן זיך אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער געהערטער אָדער געלייענטער פּאָעזיע: דורך דעם פאָלק-ליד, דורך די רעליגיעזע תּפילות, צערעמאָניעס און געזאַנגען, דורך דער פּאָעטישער ליטעראַטור.

אַ סך נייע געפילן, וואָס זענען דעם פּרימיטיוון מענטש געווען דורכאויס פרעמד, ווי צ. ב. די ראָמאַנטישע ליבע צו אַ פרוי, די באַוווּנדערונג פון נאַטור-שיינקייטן, די איידעלע און צאַרטע רעליגיעזע איבערלעבונגען, זענען געבאָרן געוואָרן אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד און האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דער געזעלשאַפט דורך דער טעטיקייט פון די פּאָעטן.

די נייע געפילן רופט דער דיכטער אין אונז אַרויס דער עיקר מיט דער מאַכט פון די קלאָרע בילדער, וועלכע ער צויבערט אַרויס דורך זיין טאַלענט אין אונזער כח-הדמיון. אויך אין דעם ליגט אַ גרויסע באַרייכערונג פון אונזער נשמה-לעבן. די לעבנס-דערפאַרונגען פון אַ דורכשניטלעכן איינצל-מענטש, אַ פאַרנומענעם מיט זיין דאגת-חיונה, זענען זייער מאָגערע. און אפילו ווען זיי זענען רייך, גיט דער דורכשניטלעכער מענטש ווייניק אַכטונג אויף זיי: זיין ווילן, זיינע אינטערעסן און אַפּעטיטן זענען צו אָנגעשפּאַנט, ער זאָל קאָנען אַרויסגיין פון זיך און זיך אַריינלייגן, אַריינטראַכטן, זיך פאַרחושן (וואָס פאַר אַ טייערער אויסדרוק!) אין די איינצלנע מאָמענטן פון זיין אייגענעם לעבן. אויך דאָ קומט אונז צו הילף דער דיכטער. מיט דעם צויבער פון זיין טאַלענט שטעלט ער אונז אָפּ אין דעם מיטן פון אונזער פאַרשמייעטן הוי-האַ און צווינגט אונז נאָכאַנאַנד איבערצולעבן מאָמענטן, פאַרביי וועלכע מיר זענען לייכטזיניק פאַרבייגעגאַנגען, אָן אַ בּרעקל השגה וועגן זייער אינעווייניקסטן

דרייכטום; אָדער באַקאַנט צו ווערן מיט אַזעלכע מאָמענטן, וואָס מיר וואָלטן קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן אין אונזער לעבן, נישט אין דעם לעבן פון אונזער „אַרום".

אָבער דאָס וויכטיקסטע אין דעם פרט איז די דריטע ווירקונג פון אַ פּאָעטיש ווערק: די אָפּשאַצונג פון די לעבנס-דערשיינונגען אין געפיל, די קריטיק פון דעם לעבן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּאָעטס געפילן און שטימונגען. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע עובדא פון דער פּאָעזיע אפשר פון דער גאַנצער קונסט בכלל. און „קריטיק" מיינט דאָ נישט דווקא פאַרמיאוסונג און פאַרשוואַרצונג, נאָר אויך גוט-הייסונג און שיין-הייסונג.

די אָפּשאַצונג קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, נישט דורך דעם קלאָרן אורטייל פון דעם פּאָעט און זיין דירעקטן אָנווייז, אַז „דאָס איז זיס" און „דאָס איז ביטער". די אָפּשאַצונג שטראָמט אַרויס פון דעם גאַנצן ווערק פון דעם פּאָעט, פון זיין אינעווייניקסטער שטעלונג צו די געמאָלטע דערשיינונגען. און אָט די אינעווייניקסטע שטעלונג זיינע צו די איינצלנע עלעמענטן פון דעם לעבן, ווי צו דעם לעבן בכלל, גיט זיך איבער צו דעם לייענער אָדער דעם הערער.

און אויך דאָס דאַרף מען נישט פאַרזען, אַז אפילו ווען דער דיכטער מאָלט די פאַנטאַסטישע „נישט געשטויגענע — נישט געפלויגענע מעשיות" פון אַן אויסגעטראַכטער וועלט מיט אויסגעטראַכטע וועזנס, ליגט אויף דעם אומזיכטבאַרן גרונט פון יענער פאַנטאסטישער וועלט דאָסווירקלעכע מענטשלעכע לעבן און עס ליגט אַן אָפּגעשאַצטס אין דעם דיכטערס געמיט.

אָפטמאָל קומט די אָפּשאַצונג פאָר נישט נאָר דורכדעם, וואָס דער דיכטער באַזינגט, נאָר אויך — וואָס ער פאַרשווייגט, דורכדעם, וואָס ער קערט זיך אום צו אַ געווויסן

לעבן מיט זיין רוקן. דערהויפּט איז דאָס אמת, ווען מען באַטראַכט די פּאָעזיע פון אַ גאַנצן דור אָדער אַ פּעריאָד. אַזוי געפינען מיר זיך איצטער אין אַ פּעריאָד פון דער פּאָעזיע (און אין דער קונסט בכלל), ווען זיי — די פּאָעזיע און די קונסט בכלל — האָבן זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דעם הערשנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און די מינים מענטשן, וואָס אַזאַ געזעלשאַפטלעך לעבן ברענגט אַרויס. אָט אין דעם פּאַרמיאוסן די ווירקלעכקייט אַזוי, אַז עס ווילט זיך גאָרנישט נעמען קיין אָנטייל אין איר מיט דעם פּאָעטישן געפיל, ליגט איר שאַרפסטע פּאַראורטיילונג. דאָס איז איינער פון די באַדייטנדסטע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן אונזער רעוואָלוציאָנערע צייט.

דער פּאָעט שאַצט אָפּ דאָס לעבן אין געפיל. ער טוט דאָס באַוווסט אָדער אומבאַוווסט. באַלד זענען דאָס טיילן פון דעם דרויסנדיקן לעבן, — זיין שטעלונג אין געפיל צו קינד, ווייב, פאָלק, ליבע, נאַטור, געזעלשאַפט, שטאָט און דאָרף, — באַלד זענען דאָס טיילן פון זיין אינעווייניקסטן לעבן און דעם אייגענעם „איך”; באַלד דאָס לעבן פון אַ באַשטימטן דור און אַ באַשטימטער צייט; באַלד דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן און די עקזיסטענץ פון דעם וועלט-אַל.

דורך די אָפּשאַצונגען פון דעם לעבן אין געפיל פורעמט די פּאָעזיע פון אַ דור דאָס גאַנצע געפילס-לעבן פון איר צייט; ווי די דענקער פון דעם דור פורעמען אירע געדאַנקען און אָנשויאונגען; ווי די ווילנס-העלדן פורעמען אירע האַנדלונגען.

מיר קאָנען אינגאַנצן לאָזן אָן אַ זייט די טיפע געשיכטס-פילאָזאָפישע חקירה, צי אָט די אַלע פורעמונגען זענען אמתע נייבאַשאַפונגען, אָדער נישט מער ווי קלאָרערע פאָרמולירונגען פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין דער

געזעלשאַפט, אָדער זיי זענען פאָרמולירונגען און ניי־באַשאַפונגען אין דערזעלביקער צייט.

אַפילו ווען זיי אַלע זאָלן זיין נישט מער, ווי קלאָרערע אַרויסברענגונגען און אַרויסקריסטאַליזירונגען פון יענע נעפּלען אין געדאַנק, געפיל און ווילן, וואָס ווערן געבאָרן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און טראָגן זיך אַרום ווי וואָלקנס איבער אים, — וואָלט אויך דעמאָלט דער באַטייט פון די פאָעטישע אַרויסברענגונגען געוועזן אַ קאָלאָסאַלער, ווייל נאָר אין זיי און דורך זיי ווערט אָפּגעקלערט און אויסגעפורעמט דער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק, דאָס געזעלשאַפטלעכע געפיל און דער געזעלשאַפטלעכער ווילן; נאָר אין זיי און דורך זיי ווערט פאַרווירקלעכט דער מענטשלעכער פּראָגרעס.

און וואָס העכער מיר מוזן שאַצן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געפילס־וועלט, אַלץ העכער מוז שטייגן אין אונזער אָפּשאַצונג דער פּראָגרעסיווער באַטייט פון דער קונסט בכלל, פון דער פאָעזיע בפרט.

Wyd. Ch. Brzoza, Warszawa, Gęsia 25,